STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01308

DOSTOYEVSKI

Aron Bekerman

Permanent preservation of this book was made possible
by Rachel Goldstein & Jim Elkind
in memory of
Israel Goldstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

664

אהרן בעקערמאַן

דאסטאיעווסקי
זיין לעבן און שאַפן.

פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב

DOSTOJEWSKI

Jego życie i twórczość

Wydawnictwo Sz. GOLDFARB
Warszawa, Dzika 31

Druk. „Rekord" Dzika 18

[illegible]

I

„אַן אָרעמער מענטש איז ערגער פון אַ
שמאַטקעלע און קען פון קיינעם קיין שום דרך
ארץ נישט קריגן. וואָס זיי זאָלן דאָרט זאָגן
אָדער שרייבן יענע שמירער — וועט אַלץ אין
דעם אָרעמען מענטשן בלייבן ווי געווען. בלייבט אַ
קשיא: „פאַרוואָס וועט אַלץ בלייבן ווי געווען?"
(„אָרעמע מענטשן")

I

צווישן דער פאַרשידנאַרטיקער פליעאַדע גרויסע מייסטער
פון דער רוסישער ליטעראַטור, צווישן די שטערן פון קינסט-
לערישן שאַפן, לייכט מיט אַ באַזונדער, אייגנאַרטיקן ליכט,
דער נאָמען און דאָס שאַפן פון פיאָדאָר מיכאַילאָוויטש דאָס-
דאָיעווסקי. ער איז גלייך מיט די איבעריקע אין טאַלאַנט, אָבער
פאַרשידן פון זיי מיטן כאַראַקטער פון זיין שאַפן.
דאָסטאָיעווסקי איז אַ שרייבער פסיכאָלאָג, מיט וועלכן
נאָר דער גרויסער טאָלסטאָי קאָן קאָנקורירן. אָבער אין דער
צייט ווען דער לעצטער שילדערט די מענטשלעכע נשמה כמעט
נאָר אין איר געזונטן נאָרמאַלן מצב — אינטערעסירן דאָסטאָ-
יעווסקין דווקא פאַרשידענע קרענקלעכע, פאַטאָלאָגישע לעבנס-
דערשיינונגען, ער שטעלט זיינע העלדן אין די אומנאָרמאַלסטע

עקויסטענץ-באַדינגונגען. כדי שפּעטער צו ווייזן אונז, וואָס פאַר אַ פאַטאַלן איינדרוק די דאָזיקע באַדינגונגען מאַכן אויפן גייסטיקן לעבן פון מענטש.

און אָט דאָס אומאויפהערלעכע אַנאַליזירן די פּאַטאָלאָגישע אומנאָרמאַלקייט, איז געוואָרן דער לייט-מאָטיוו פון זיין שאַפן און דערמיט אונטערשיידט ער זיך הויפּטזאַכלעך פון אַנדערע רוסישע קינסטלער. ווייל אויב אינם שאַפן פון דאָסטאָיעווסקיס צייט-חברים קומען מער צום אויסדרוק די מער אויסערלעכע זייטן פון געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, וועלכע שטעלן דעם מענטש אין לעכערלעך-קאָמישע אָדער טראַגי-קאָמישע פאַרהעלטענישן — דאָמינירט ביי דאָסטאָיעווסקין פאַר אַ ציל אין זיין שאַפונגס-וועג, הויפּטזאַכלעך די אינעווייניקסטע נשמהדיקע זייט פון די זעלבע באַדינגונגען, ווי אַזוי זיי ווירקן אויפן מענטש, און דאָס וועגט ביי אים ווייט אַריבער די אויסערלעך-געזעלשאַפטלעכע זייט.

דאָסטאָיעווסקי בלייבט נישט קיין קאַלטער צוקוקער פון די געשעענישן. צוזאַמען מיט זיינע העלדן ליידט ער אַליין און צווינגט אויך דעם לייענער מיטצולליידן די געשילדערטע געשעענישן, וועלכע אין מערסטע פּרטים, אָטעמען מיט אַ מין פינצטערקייט, וואָס קען אָפּגעפרישט ווערן נאָר דורכן טיפן גלויבן אינם כח פונם מענטשלעכן גייסט. און דער דאָזיקער גלויבן דאָמינירט אין אַלע זיינע שאַפונגען.

2

פיאָדאָר מיכאַילאָוויטש דאָסטאָיעווסקי, איז געבוירן געוואָרן דעם 30-סטן אָקטאָבער 1822. זיין פאָטער מיכאַיל אַנדרייעוויטש, אַ דאָקטאָר פון מאַרינסקן שפּיטאָל אין מאָסקווע, איז געווען זייער אויפמערקזאַם צו דער דערציִונג פון זיינע קינ-

דער. די ערשטע דערציִונג האָט דאָסטאָיעווסקי באַקומען אין דער היים דורכן פאָטער. ער איז געווען אַ מאָגער בלייך ייִנגל, אַ קלײנער אַ בלאָנדער מיט אַ קרענקלעך נערוועז פּנים. צו פערצן יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן אין אַ פּריוואַטן פּענסיאָן אין מאָסקווע.

אין 1837 האָט דאָס לעבן דאָסטאָיעווסקין דעם ערשטן קלאַפּ צוגעטיילט: ס'איז געשטאָרבן זיין געליבטע מוטער, וועלכע האָט געליטן אויף שווינדזוכט, און — אין אַ יאָר אַרום דער צווייטער קלאַפּ: דער טויט פון זיין פאָטער. דאָס האָט אויפן קליינעם דאָסטאָיעווסקי שטאַרק געווירקט, זיין געזונטקייט און נערוועזיטעט איז געשטיגן. אין אים האָבן זיך באַוויזן סמנים פון זיין שפּעטערדיקער קראַנקהייט — די פּאַליקע (חולה נופל).

צו יענער צייט איז ער מיט זיין ברודער מיכאל (דער דערנאָך באַוואוסטגעוואָרענער ליטעראַט און טאַלאַנטפולער איבערזעצער פון שילער און געטע.) אַריינגעטרעטן אין דער פּעטערבורגער אינזשענערן-שול. אינטערעסאַנט איז, וואָס נישט קוקנדיק אויף זיין שטאַרקאַנטוויקלטער ליידנשאַפט צו ליטעראַטור, האָט דאָסטאָיעווסקי פלייסיק געלערנט די מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן און אַפילו גלענצנדיק געענדיקט דעם קורס.

אין 1843, ענדיקנדיק די שול, קומט ער אָן אויף אַ שטעל אין אינזשינערן-דעפּאַרטאַמענט אין פּעטערבורג (לענינגראַד). אים האָט אָבער אַלץ מער שוין געצויגן צו ליטעראַטור, אין זיין מח האָט שוין געבליט די פרוכט פון זיין ערשטע שאַפונג, — דאַריבער, אָפּדינענדיק אַ יאָר, איז ער אַרויס אין דימיסיע.

אַ באַזונדער שטריך אין דאָסטאָיעווסקיס כאַראַקטער, וואָס האָט זיך פריי ביי אים אַנטוויקלט איז — אומפּראַקטישקייט אין לעבן. ער האָט קיינמאָל קיין געלט נישט געהאַט, הגם פון זיין פאַרדינסט, צוזאַמען מיטן געלט, וואָס ער האָט געקריגן פון זיין אַפּיטרופּוס, האָט ער געהאַט אַ סומע פון פינף טויזנט רובל

אַ יאָר. און דאָך האָט ער נישט געהאַט צו דעקן זיינע הוצאות אַזאַ פּורן איז ער געווען.

די דאָזיקע טבע האָט אים אין זיינע שפּעטערדיקע לעבנס־וואַנדערונגען געבראַכט דאגות פאַרשאַפט, און נאָך מער — זיין פרוי. ער דערמאָנט וועגן דעם אין „אידיאָט", וועמעס הויפּט־העלד ס'צייכנט זיך אויס מיט די זעלבע אייגנשאַפטן און פאַר וועמען דאָסטאָיעווסקי איז בכלל אַ פּראָטאָטיפּ. אָבער גראָד אין דעם שטריך איז ער נישט אָריגינעל, מחמת ס'איז שוין געגנוג באַקאַנט אַז די אומפּראַקטישקייט ביי גרויסע מענטשן און בכלל קינסטלער־נאַטורן, וועמעס השגות ס'קענען נישט פאַרמאָגירן מיט קליינלעכער געלט־גייציקייט. אמת, אַזעלכע נאַטורן ווערן דורכן כלל צוגערעכנט צו נאַראָנים און סתם לא יצלחס, נאָר אַזוי איז שוין אייגנטלעך דאָס לעבן.

ער רעדט וועגן דעם אויך אין „אידיאָט" ביים דורכפירן אַ דעפעניציע צווישן פּשוטן און נישט־פּשוטן שכל.

נאָך זיין דימיסיע האָט זיך אַפילו זיין מאַטעריעלע לאַגע פאַרערגערט, דאָך האָט עס אים נישט געשטערט צו פאַרענדיקן אין יאָר 1845 זיין ערשטן ראָמאַן „אָרעמע מענטשן", וועלכער האָט אים געבראַכט זיין ערשטע ליטעראַרישע באַרימטקייט אַלס אויפגייענדיקער שטערן.

דער דערפאָלג פון דאָזיקן ראָמאַן האָט שטאַרק פאַרשיכורט דעם מח פונם יונגן שרייבער. דאָ, קאָן זיין, דאַרף מען זוכן די סיבה פון זיין מחלוקת מיט בעלינסקין און מיטן קרייזל אַרום זשורנאַל „סאָווריעמעניק", און פון זיין איבערגאַנג צו די פוריעריסטן, — אַ געוויסער קרייז פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע פּעטראָשעווצעס. נאָר וועגן דעם וועלן מיר נאָך אויספירלעכער רעדן.

3

דעם דערפאָלג פון דאָסטאָיעווסקיס דעביוט אין דער ליטעראַטור, דאַרף מען, לויט אונזער מיינונג, נישט צורעכענען אויסשליסלעך דעם ליטעראַריש-קינסטלערישן ווערט פון דאָזיקן ווערק. פון דערמאָנטן קוק באַטראַכט, איז די „אָרעמע-מענטשן" באַדייטנדיק שוואַכער פון זיינע שפּעטערדיקע ווערק. זיכער איז אָבער, אַז דאָס ווערק פאַרמאָגט אין זיך אַ סך פון יענע עלעמענטן, וואָס שטעלן צענויף דעם דאָסטאָיעווסקיזם אַלס אַן אייגנאַרטיקן נוסח אין דער ליטעראַטור. און דער הויפּט יסוד זיינער איז אַ חוץ פּסיכאָלאָגישן דערקענען די מענטשלעכע נשמה, אויך די האַרציקע אויפריכטיקייט, וואָס שטראָמט פון דאָזיקן ווערק, פון די בריוו צווישן מאַקאַר דעוואושקין און וואַרוואַראַ דאָבראָסיעלעוואַ. דאָס איז אַן אויפריכטיקייט, וועלכע איז דער הויפּט-יסוד פון דאָסטאָיעווסקיס שאַפן, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע זיינע ווערק. דאָס איז די אויפריכטיקייט פון אַ קינד און אַ גאון. ווען ס'איז געלונגען דורכצודרינגען אַלע טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה און זי פאַר אונדז אַוועקשטעלן אַ נאַקעטע אין אַלע אירע ניואַנסן און קאָמפּליקאַציעס. האָט זיך אָט דער שטריך פריי ביי דאָסטאָיעווסקין אַנטוויקלט און אים געבראַכט צו דער ליטעראַטור, צום באַשרייבן יענע אַלע וויזיעס, דורכצולעבונגען און נשמה-דערקענטענישן, וועלכע האָבן אין לעבנסלויף אויף אים געווירקט ס'איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט עפּעס דער וועלט צו זאָגן; אַז ער מוז זאָגן. נישט בלויז עמעצן לערנען, דערווייזן קלאָר מאַכן, נאָר אויך —

זיך אליין באַפרידיקן, ווייל אָט דער דאָזיקער שאַפונג-פּראָצעס זיינער, האָט געדאָרפן ברענגען די רעאַליזירונג פאַר זיין קראַנקער נשמה. אָט יענע מיסטישע אומבאַשטימטע שטרעבונג צו רעאַליזירונג, וואָס האָט זיין נשמה און גייסט באַהערשט, געמאַכט אים שטעלן זיינע ערשטע זעלבסשטענדיקע טריט אין לעבן אריין.

די דאָזיקע כאָאָטיש-אומבאַשטימטע שטרעבונג צו רעאַליזירונג, נעמט זיך פון זיין קראַנקהייט. אַ מין מרה שחורה, וואָס האָט זיך ביי אים פרי אַנטוויקלט און אים שפּעטער געבראַכט צו זיין עפּילעפּטישן מצב, וואָס האָט אים שוין נישט פאַרלאָזט זיין גאַנץ לעבן. דערפון נעמט זיך זיין מיסטיציזם, זיין קוקן אויף דער וועלט און לעבן מיט נישט רעאַלע בליקן, צו וועלן דעם לעבן אָנווארפן מעטאַפיזישע קאָנצעפּסיעס אין גייסט פון קירכע און רעליגיע, הגם אין אַן אייגנאַרטיקער מער מיסטישער געלייטערטער פאָרם, ווי מיר זען עס אין זיין שעדעווער „ברודער קאַראַמאַזאָוו".

אָבער איבעראַל נאָמינירט דאָס געפיל פון אויפריכטיקייט, יענע אויפריכטיקייט, וועלכע איז אידענטיש מיט נאָך צוויי באַגריפן: אמת און גערעכטיקייט. דאָסטאָיעווסקי איז מיט זיי אַלע געווען דורכגעדרינגען, זיי האָבן זיין הארץ און נשמה אָנגעפילט, און אויסבילדנדיק אין אים די פּסיכאָלאָגישע טבע פון דורכלייכטן מענטשלעכע נשמות, צוגלייך מיט די פאַרפלאָנטערסטע לעבנס-דערשיינונגען, וועלכע באַווירקן זיי — האָט זיך גלייכצייטיק געזאַמלט אין זיין נשמה דער ברען-שטאָף און זיין סאַדיסטיש — אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן — פּייניקן דעם לייענער מיט די בילדער וועלכע ער מאָלט און דערשיינונגען וועלכע ער דעקט פאַר אונז אָפּ. נאָר וועגן דעם וועט אונז אייגנטלעך נאָך אויסקומען צו רעדן ביי דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, פון זיין שאַפונג-וועג. דאָ איז נאָר כדאי צו באַטאָנען אַז די דערמאָנטע אייגנשאַפטן: אויפריכטיקייט, אמת און יושר, זענען דער קווינט-עסענץ פון דאָסטאָיעווסקיזם. און דאָס האָט אייגנטלעך שוין באַשטימט זיין פיזאָנאָמיע אין דער

ליטעראַטור: זיך שטעלן אויפֿן צד פֿון אָרעמען, אונטערגעדריקטן, באַליידיקטן, אומגליקלעכן און ליידנדיקן. הגם — ווי מיר וועלן זען — צו קיין עקסטרעמען, ווי סאָציאַליזם למשל, איז עס ביי אים נישט דערגאַנגען, אַפֿילו זיין איבערגאַנג צו די רעוואָלוציאָנערע פּעטראַשעווצעס האָט עס נישט באַוויזן.

4

הגם „אָרעמע מענטשן" פֿאַרמאָגט נאָך נישט אין זיך יענעם שוואונג אין אָדלער־הויכקייט פֿון זיינע שפּעטערדיקע ווערק, פֿאַרמאָגט עס אָבער אין זיך יענע עלעמענטן פֿון קינסטלערישער און אידעישער רייפֿקייט, וועלכע הייבן זיך דאָ אָן קריסטאַליזירן. אמת, עס פֿילט זיך נאָך די נישט־זיכערקייט מיט זיך, מיט דער אייגענער פּערזענלעכקייט, עס פֿילט זיך נאָך די נישט דרייסטקייט בנוגע די דורך זיין העלד אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. אָבער — ס'איז שוין דאָ די זיכערקייט אין דער גערעכטער זאַך, וועלכע מען פֿאַרטרעט, וועלכע מען שטעלט זיך אין דינסט, און אָט די זיכערקייט אַליין מאַכט אים דרייסטער און רייפֿער.

אָט למשל, רעדט זיין העלד מאַקאַר דעוואושקין אין זיינס אַ בריוו צו וואַרוואַרן*) וועגן אָרעם און רייך. דאָס זענען געדאַנקען און איינדרוקן פֿון אַ קליינבירגערליכן באַאַמטן, אַ קליין מענטשעלע, אַ מין „באַנטשע", וואָס „דינט" זיין גאַנץ לעבן „באַטשאַלסטווע" אין זיין אַרבעט־ביוראָ, פֿאַר אַ מאָגערן לוין, וואָס גיט נישט די מעגלעכקייט צו פֿאַרדעקן זיין אָרעמקייט און זיינע נויטיקסטע מענטשלעכע באַדערפֿענישן — אויף וויפֿל אַזעלכע עקזיסטירן פֿאַר אים. — דערפֿאַר אָבער שטויסט עס דעם דאָזיקן כמעט פּוסטן מוח פֿון צייט צו צייט זיך צו פֿאַרטראַכטן, וועגן דער לעבנס־איינאָרדנונג. און דאָס אַלץ אַלס פּועל יוצא פֿון זיינע אָבסערוואַציעס אין גאַס וועגן אָרעם און רייך. דערציילט ער אין זיין בריוו, וועגן דער רייכקייט און עלענט, וואָס ער זעט אין גאַס.

*) וואַרוואַרא—דאָסטאָיעווסקיס שוועסטער, וועלכע האָט אים געדינט פֿאַר אַ פּראָטאָטיפּ.

„סאַרע מינים קלייטן און רייכע מאַגאַזינען! מייגסטו, אַז דאָס אַלץ איז פון שיינקייט וועגן פאַרנאַנדערגעלייגט? — ניין! עס זענען דאָ מענטשן, וואָס קויפן דאָס אַלץ און שענקען עס זייערע ווייבער.‟ און ווייטער זעט ער: „אַזויפיל פּרעכטיקע עקיפּאַזשן מיט פענסטער-שפּיגל, אינעווייניק מיט סאַמעט און זייד. די לאָקײען אין עפּאָלעטן מיט שפּאַגעס. איך האָב אין אַלע קאַרעטעס אַרײַנגעקוקט: אַזוינע אויסגעפּוצטע דאַמען אפשר פּרינצעסנס אָדער גרעפנס. ס'איז, ווייזט אויס, גוט צו זען אַ רייכע דאַמע פון דער נאָנט. כ'האָב זיי קיינמאָל נישט געזען. דאָ האָב איך זיך אין אייך דערמאָנט, מיין טייבעלע... פאַרוואָס זענט איר אַזאַ אומגליקליכע? מיט וואָס זענט איר ערגער פון זיי אַלע? פאַרוואָס־זשע פאַלט אַזאַ בייזער מזל אויף אייער חלק? פאַרוואָס געפינט זיך אַ גוטער מענטש אין אַזאַ פאַרלאָזנקייט און עמיצער דאָרטן קריגט דאָס גליק אַליין אין די הענט?...‟

אַזוי פילאָזאָפירט דער קליינבירגערליכער „באַנטשע‟ און ווי דערשרעקנדיק זיך פאַר זיין אַפּיקורסעס, פאַרענטפערט ער זיך גלייך:

„איך ווייס מאַמעלע, אַז מען טאָר אַזוי נישט טראַכטן... אַז דאָס מיינט זיין אַ פרייַדענקער, אָבער אויפריכטיק, לויטן אמתן אמת: פאַרוואָס האָט איינעם נאָך אין דער מאַמעס בויך דער גורל צוגעזאָגט גליק, און דער צווייטער קומט אויף דער וועלט פון יתומים־הויז? און עס טרעפט דאָך, אַז דאָס גליק פאַלט אויפן חלק פון איוואַנושקאַ נאַר. און ער האָט פאַר זיך אַ שמאַלץ־גרוב: עס, טרונק, פריי זיך. און דו, אַזעלכער באַלעק זיך בלויז... עס איז אַ זינד מאַמעלע אַזוי צו טראַכטן. אָבער דאָ קריכט די „זינד‟ אין דער נשמה אַריין...‟

דאָסטאָיעווסקי האָט אין זיינע וואַנדערונגען — פונקט ווי טאָלסטאָי — זיך באַקענט מיטן לעבן פון אָט די מאַקאַר דעוואושקינס, מיט זייערע נויטן, און אַפּאַטישקייט צו זייער לאַגע אויב נישט פאַרצווייפלונג. ער האָט אפשר מער בחוש ווי במחשבה, איינגעזען, אַז וואָס, נאָר קיין גערעכטיקייט קען מען אין דעם אַלעם נישט געפינען. און דאָס האָט געווירקט אויף

זיין יונגער פיינפילנדיקער נשמה. האָט עס זיין צערייצטקייט נאָך מער פאַרגרעסערט, דעריבער האָט ער אָן ספיקות באַלד זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די דעוואושקינס. אין יונגן דאָסטאָיעווסקי האָט זיך אַנטוויקלט, אויב נישט קיין אָפענער האַס — פון וועלכן, אגב, ער איז שפּעטער אויך נישט פריי — צו די רייכע און זאַטע „אין די סאַמעטענע קאַרעטעס" — איז ווייניקסטנס אַ שטאַרקע אַנטיפּאַטיע ווי צו אַ בכלל אומגערעכטע זאַך, וואָס איז אין אַ סתירה מיט זיינע באַגריפן. און דעריבער איראָניזירט ער, דער זעלבער דעוואושקין אין אַ ווייטערדיקן בריוו איבער די רייכע, וועלכע קערן זיך אָפּ מיט פאַראַכטונג פון אַ בעטלער, וואָס בעט אַ נדבה:

„רייכע מענטשן ליידן נישט אַז אָרעמעלייט באַקלאָגן זיך אויף זייער שלעכט מזל, דאָס הייסט, אַז מען באַאומרויִקט זיי, מען עסט זיך זיי איין! יאָ, אָרעמקייט עסט זיך שטענדיק איין: עס שטערט די רייכע צו שלאָפן, דאָס קרעכצן פון די הונגעריקע..."

און ווייטער רעדט ער וועגן דעם, וואָס „אַן אָרעמאַן איז ערגער פון אַ שמאַטקעלע" — און ער שטעלט אפילו אַ קשיא:

„פאַרוואָס ווערט ביים אָרעמאַן אַלץ בלייבן ווי געוועזן?"

וואונדערט מען זיך אויף די אַלע קשיות און ווערטער, וועלכע קלינגען צורעוואָלוציאָנער און דרייסט פאַר אַזאַ הכנעה-דיק מענטשל ווי דעוואושקין. ס'איז גאָרנישט לויטן פּסיכאָלאָגישן באַנעם פון זיינע לעבנס-באַדינגונגען. און דעריבער דאַרף מען נישט קיין טעות האָבן צו מיינען, אַז דאָסטאָיעווסקי מיינט אָדער שטרעבט, אַז די אָרעמע, אָט די אַלע דעוואושקינס, די צום שכל געקומענע באַטושעס, וועלן באַגרייפן אַז די אַלע קאַרעטעס און סאַמעט זענען נישט צוגעטיילט — אָבער דאַרפן ווייניקסטנס נישט זיין — מששת ימי בראשית, פאַר פּרינצעסינס און גרעפינס און פאַר די איבעריקע — דאָס בלויז „כאַפּן אַ קוק דורכן פענסטער"; און אַז זיי וועלן סוף כל סוף געפינען דעם תירוץ, וואָס זאָל באַזייטיקן די קשיא; — ניין. דערפון איז דאָסטאָיעווסקי ווייט און איז זיין גאַנץ לעבן דערצו

נישט דערגאַנגען. ס׳ליגט פשוט נישט אין מהות פון זיין וועלט־באַנעם. און ממילא בלייבן זיינע אַלע געדאַנקען אין דעם פרט פאַרמשפט צו פרוכטלאָזיקייט, אָלנפאַלס צו ווייניקער שעפערישקייט, ווי זיי וואָלטן געקענט זיין, ווען דאָסטאָיעווסקי וואָלט נישט געווען אויסשליסלעך אין רשות פון מיסטיציזם, מיט ווייניק חוש פאַר דער נויטיקייט צו רעאַליזירן לעבנס־פּראָבלעמען. און דאַריבער בלייבט סוף כל סוף פון דעוואושקינען אַלס טיפּ, וועלכער דאַרף מיט זיך פאַרקערפּערן די אידיאָלאָגיע פון אָרעמע מענטשן — כמעט גאָרנישט. וואָלט אַזאַ בוך דערשינען אין אונזער צייט, וואָלט עס אַזאַ רושם נישט געמאַכט. נעמט מען אָבער אין אַכט די צייט ווען עס איז געשאַפן געוואָרן און דאָס לאַנד וואו עס איז צום לעבן געקומען, ווערט קלאָר אַז ס׳האָט אומבאַדינגט געמוזט זיין אַ געשעעניש אין דער ליטעראַטור.

5

און געווען איז עס אַ פינסטערע תקופה אינם לעבן פון רוסישן פאָלק. דאָס הונדערט מיליאָניקע פויערים־פאָלק פון ברייטן ריזיקן לאַנד, האָט שווער געקרעכצט און געבלוטיקט אונטער אַ גרויזאַמער דעספּאָטיע און טיראַנאַי פון ניקאָלאַי דעם ערשטן. דער פויער האָט זיין שווייס און אַרבעט אָפּגעגעבן פאַרן פריץ צו וועמען ער האָט געהערט מיט לייב און נשמה, צוזאַמען מיטן טויטן און לעבעדיקן אינווענטאַר. קורץ — לייב־אייגנטום איז געווען דאָס כאַראַקטעריסטישע אין יענער תקופה, אין ערשטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד. קיין טראָפּן ליכט איז אין די מוחות נישט אַריינגעדרינגען — פאַר דעם האָט שוין געזאָרגט די בלוטיקע פּאָליציייאיש־מלוכהשע מאַשין; קיין פרייער געדאַנק האָט אויף דער ליכטיקער שיין נישט געטאָרט זיך באווייזן. דאָס האָט געווירקט להיפך: אין די טיפעניש פון פאָלקס־לעבן, האָט שוין געטליעט דאָס פייערל פון

פרייען געדאַנק און געזאַמלט יענע לאַווע, וואָס דהאָט צו געגרייט דעם אויסברוך פון פאַרניכטונג פאַר די טיראַנען און דעספאָטען אין צוויי דורות שפעטער — אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אמת, אַז די פאַרזייער און ערשטע טרעגער פון פרייען געדאַנק, זענען נישט געקומען פון אַרבעטער קלאַס, אַזעלכער האָט נאָך כמעט נישט עקזיסטירט, און ווען יאָ, איז נאַטירלעך אָן געדאַנק פון באַוואוסטזיין פאַר זיין לאַגע, בפרט נאָך פאַר אָרגאַניזאַציע. האָבן זיך דאַריבער די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן רעקרוטירט הויפטזאַכלעך פון מיטעלן קלאַס, פון דער שטודירנדיקער יוגנט. זי, די דאָזיקע אינטעלעגענץ, האָבן מיט זיך פאַרקערפערט דעם געגנזאַץ צו דעם זעלבן עלעמענט אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע. דאָרט — אין אייראָפּע — זענען די אינטעלעגענטן אין זייער גרעסטן באַטרעף פאָלקס-פיינטלעך און פאַטריאָטיש. די רוסישע אינטעלעגענץ דאַגעגן, איז אין אַלע צייטן פאָלקס-פריינטלעך און געגנער פון אונטערדריקונג און דעספאָטיע. דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן דעם כאַראַקטעריסטישן שטריך פון אידעאַליזם און אויפריכטיקייט פון דער רוסישער נשמה, וועלכע די דאָזיקע אַינטעליגענץ האָט צו יענער צייט פאַרקערפערט, כדי ס'זאָל קלאָר ווערן איר מסירת-נפש און הערואיזם ביים פאַרשפרייטן פון איין זייט ליכט און באַוואוסטזיין צווישן פינסטערן פאָלק, און פון דער צווייטער — דאָס אָרגאַניזירן און פירן דעם קאַמף געגן צאַריזם און דעספאָטיע. אָט יענער העראָישער קאַמף, וועלכער פילט אָן די געשיכטע פון דער פרייהייט-באַוועגונג אין רוסלאַנד, אין לויף פון גאַנצן ניינצנטן יאָרהונדערט, וואָס איז ערשט בעת דער וועלט-מלחמה געקרוינט געוואָרן מיטן ענדגילטיקן נצחון.

צו דער צייט, ווען דאָסטאָיעווסקי איז אין דער ליטעראַטור געקומען, — די פערציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט — איז נאָך די פרייהייט-באַוועגונג געווען אין די וויקעלעך. אָבער דאָך, האָט זיך שוין געטומלט און די אומ-

רוזקייט האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, נישט קוקנדיק אויף אַלע צוימונגען און שטערונגען. צומאָל האָבן זיך אָפּקלאַנגען דערטראָגן אויך אין דער ליטעראַטור, הגם דאָ האָט געהערשט דער שלאָס פון פּאָליציייִשער צענזור.

דאָסטאָיעווסקי אַלס צוואַנציק-יאָריקער, איז אויך אָנגעשטעקט געוואָרן מיטן גייסט פון דער צייט, הגם נישט אויפן אַלגעמיינעם שטייגער ווי ביי דער איבריקער יוגנט, נאָר אויף אַן אינדיווידועלן אופן, אין איינקלאַנג מיט זיין מיסטיציזם, וואָס האָט שוין דעמאָלט באַהערשט זיין נשמה. און אַפילו זיין פאַרבינדן זיך מיט די רעוואָלוציאָנערע פּעטראַשעווצעס איז אין תוך אויך נישט אַריבערגעטרעטן די מאָס פון זיין אייגנאַרטיקן וועלט-באַנעם און איז דאַריבער געבליבן אַ ריין אויסערלעכע, אַ צופאַל, אַ קאַפּריז פון אַ קראַנקער צעוויטאָקטער נשמה, אָדער אַן אַקט פון יאוש, אָבער קיינמאָל נישט קיין באַוואוסטזיניקער טאַט פון אַן איבערצייגטן רעוואָלוציאָנער — ווי מיר וועלן איבריקס נאָך זען.

אמת, דער דאָזיקער קאַפּריז, האָט דאָסטאָיעווסקין שיעור געקאָסט זיין לעבן און איז סיי ווי סיי פאַר די הערשער געבליבן פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. אָבער — דאָסטאָיעווסקי האָט שפּעטער אין דעם אויך געזען אַ נס, וואָס האָט אים סוף כל סוף געגעבן דעם שטויס ענדגילטיק זיך צו ווידמען דער ליטעראַטור און זיך דערמיט צו רעאַליזירן.

דער אָנהייב פון דער רעאַליזירונג איז געמאַכט געוואָרן מיט „אָרעמע מענטשן". דאָ שטעלט ער קודם כל פעסט זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. זיין ליניע אין לעבן ווערט אָנגעצייכנט.

אויך די נויטיקייט פון ליטעראַטור ווערט אים קלאָר:

„די ליטעראַטור — שרייבט מאַקאַר דעוואושקין אויף זיין נאַיוון אופן — די ליטעראַטור, וואַרינקאַ, איז אַ וואוילע זייער אַ וואוילע זאַך: זי איז באַלערנדיק און שטאַרקט דאָס מענטשלעכע האַרץ. די ליטעראַטור איז אַ בילד און אַ שפּיגל: זי-

דריקט אויס ליידנשאַפטן און איז אויך די דינע קריטיק. זי איז אַ דאָקומענט און באַלערנדיק אין אַלע פּרטים.״

אָבער דאָסטאָיעווסקיס ליטעראַטור איז עפּעס מער ווי באַלערנדיק. זי איז אכזריותדיק שאַרף אין איר אופן אָפּעררירן מיטן געגעבענעם מאַטעריאַל און מיט אַנטבלויזן פאַר אונז אַלע משוגעתן און פּיינען פון מענטשלעכן לעבן, פון דער מענטש-לעכער נשמה. אָבער פון דעם אַלעם איז נאָך „אָרעמע מענטשן״ פריי. דאָ האָבן מיר נאָך דאָסטאָיעווסקין דעם יונגן, רויען, ווייניק-דורכגעלעבטן, ווייניק דורכגעטראַכטן. בלויז דער סטיל — דער אייגנטלעכער דאָסטאָיעווסקי נוסח — קריסטאַליזירט זיך ביי אים ווי מיר באַמערקן עס אין אייניקע פון דעוואושקינס בריוו.

און, זיין וועג הייבט זיך אָן אָנצייכענען.

6

„אָרעמע מענטשן״ קען זיך אויך נישט גלייכן צו זיינע ווייטערדיקע ווערק, אין פּרט פון דינאַמיק פון אַקציע. שולדיק איז אפשר די אייגנשאַפט פון דער בריוו-פאָרם, וועלכער שטערט דעם שוואונג פון אַנטוויקלונג, הגם די דערמאָנטע פאָרם פאַר-מאָגט אין זיך אויך מעלות, וואָס זענען באַזונדער צוועקמעסיק פאַר יונגע שרייבער: זיי מילדערן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און די לאַסט פון קאָנסטרוקציע אין אַ ווערק. און אפשר איז דאָס די סבה, פאַרוואָס דאָסטאָיעווסקי האָט אָט די פאָרם אויס-געקליבן פאַר זיין ערשט ווערק. וויכטיק איז אָבער פאַר אונז דער פאַקט, וואָס דערפון ליידט דער פאַרנעם, די דינאַמיק און באַוועגלעכקייט פון דאָזיקן ווערק, הגם עס ליידט נישט די אי-דייע. דאָס לעצטע רייסט זיך ביי דאָסטאָיעווסקין דורך דורך

יעדער פאָרם — כאָטש ער באַנוצט קיין אַנדער פאָרם, ווי דערציילונג, — און אידייע פאַרמאָגט „אָרעמע מענטשן" אָן ספק.

קודם כל, די אידייע פון פשוטער מענטשלעכער גוטסקייט, אמתע נשמה-גוטסקייט פון מענטש צו מענטש; פון מקרב זיין אַלץ פאַר די וועלכע מען ליבט, צו וועלכע מען פילט אַ גייסטיקע צו בכלל מענטשלעכע נאָנטקייט, צי סתם ליבע.

און דעוואושקין, הגם זיין ליבע צו וואַרוואַרא, דער אָרע-מער ערלעכער יתומה, וועלכע פילט אַ געוויסע קרובהשאַפט און פריינטשאַפט צום דאָזיקן אין יאָרן עלטערן באַאַמטן — איז אַ ריין מענטשלעכע, אָן אייגננוצן, פאַרקערפערט ער די אידייע פון ריינער מענטשלעכער ליבע, וואָס דאָסטאָיעווסקי אַנטוויקלט שוין שפּעטער ביי זיינע איבעריקע העלדן.

מאַקאַר דעוואושקין, אָט דער אַלטער בחור, דער הכנעה-דיקער באַאַמטער, האָט פאַר אַ נאַטירלעך-מענטשלעכן חוב צו שטיצן דער אָרעמער מיידל. און ער איז אין זיין לאַגע פעיִק אויף שיינע מענטשלעכע מעשים.

דער סטיל פון זיינע בריוו צו זיין „מאַמעלע" — ווי ער דריקט זיך שטענדיק אויס — איז אַ סענטימענטאַלער, טיפּיש-רוסישער פאָלקס-סטיל, יענער סטיל, וואָס אויפריכטיקייט איז זיין פאַסער, דער סטיל, וואָס קלינגט פאַר דעם מערב-אייראָפּע-יער מאָדנע און אפילו שאָקירנדיק. און אין דעם אַנטפּלעקט זיך אייגנטלעך דער חלוק צווישן דער נשמה פון רוסישן און מערב-אייראָפּעיִשן מענטש: פון ערשטן שטראָמט עד היום דאָס געפיל פון פּרימיטיווער אויפריכטיקייט — הגם ביי געווי-סע באַדינגונגען, זענען דאָ נישט אויסגעשלאָסן באַנאַליטעט און אפשר אויך וואולגאַריטעט — אָבער שטענדיק איז עס אויפריכ-טיק און גרויסמוטיק. אָבער דער מערב-אייראָפּעיער שטאָלצירט, מאַכט אַ ליגנט פון זיין סענטימענטאַלאָזיקייט, וואָס מיינט אייגנטלעך: נשמה-אויפריכטיקלאָזיקייט...

צענדליקער מאָל חזרט איבער דעוואושקין אין זיינע בריוו

דאָס באַנאַלע: „מאַמעלע״, „נשמהלע״, „האַרצעניו״. און מען פילט, אַז ס'איז נישט סתם קיין ווערטער פון חנופה, נאָר זיי קומען פון האַרצן, בפרט ווען ער דערווייזט זיין אומאייגנוצי־קייט בפועל ממש, ווען ער דערוויסט זיך סוף כל סוף, אַז זיין „מאַמעלע״ איז פאַר אים פאַרלוירן, אַז זי גייט אַוועק צו אַיי־נעם אַ רייכן בעל גוף, בלויז דערפאַר, וואָס יענער נעמט איר אַרויס פון איר נויט און דערמיט קען זי באַפרייען דעוואוש־קינען פון זיין זאָרג איבער איר, הגם מ'קען איר קנאַפּ וואָס העלפן. ער מאַכט נישט די מינדעסטע באַמיונג פון איר באַ־שליס איר אָפּצעווענדן, כאָטש ער פילט, אַז איר אויסקלייב איז נישט גינסטיק פאַר איר. און ווען ער דערזעט שוין ענדלעך די געפאַר — יענעמס גראָבן כאַראַקטער — איז שוין שפּעט. זיין חלום איז אויף אייביק צעריבן...

אין אַלגעמיין איז מאַקאַר דעוואושקין איינער פון דאָס־טאָיעווסקיס טיפּן, פון זיינע קומענדיקע בעלי־חלומות, וועלכע אין זייער ערלעכקייט האָבן נישט קיין מוט צו נעמען פון לעבן דאָס אָנגעגרייטע טראָפּן גליק — אויף וויפיל אַזעלכעס באַווייזט זיך אַמאָל — אויף דער וואָר! קומען זיי בעסער אָפּ מיט לעבנסלאַנגע חלומות וועגן גליק... אין דעם פרט אין דע־וואושקין אידענטיש מיטן העלד פון „ווייסע נעכט״, וועלכער איז נאָך מער אַבסטראַקט און ווייט פון רעאַליטעט אין זיינע חלומות, ווי דעוואושקין. ער, מאַקאַר דעוואושקין האָט ווי־ניקסטנס נישט געבויט קיין לופט־שלעסער און כימערישע גע־ביידעס, האָבנדיק אַלס יסוד אַ לעבעדיקע נשמה. געפעלט האָט אים בלויז מוט צו פּרוּוון דעם חלום מאַכן פאַר אַ ווירקלעכ־קייט, און פּונקט ווי אַ סך שפּעטערדיקע דאָסטאָיעווסקישע העלדן, טרעט ער פרייוויליק אָפּ זיין גליק, אָבי מבטל צו זיין דעם עגאָאיזם... אויך דאָס איז אַן עכט דאָסטאָיעווסקישע מדרגה.

און זי, וואַרוואַראַ?

און מיר זעען שוין אָנגעצייכנט די הויפּט־שטריכן פון דאָסטאָיעווסקיס פרויען־טיפּן: אויפריכטיקייט, באַהאַרצטקייט, גע־

מישט מיט פּאַסיוויקייט טיילמאָל צום אייגענעם גורל, וואָס קען זיך אויך פאַרוואַנדלען אין בונט און טיילמאָל געגן די אומשטענדן. דאָס איז די פאַרבאָרגענע אין דער פרויען-נשמה אויפרייס-ענערגיע, וואָס איז אין דעצידירנדיקע מאָמענטן מסוגל צו מעשים, צייטנווייז גרויטעמוטיקע, טיילמאָל אַכזריותדי-סקע, קורץ: יענע אַלע סתירות אין דער מענטשלעכער נשמה בכלל און דער פרויען-נשמה בפרט, וואָס עס האָט אַנטפּלעקט איין דאָסטאָיעווסקי.

אָבער „אָרעמע מענטשן" איז נאָר דער פראָלאָג צו דאָס-טאָיעווסקיס ריזיקן שאַפן.

II

„פאַרוואָס זענען מיר אַלע נישט ווי ברודער מיט ברידער? פאַרוואָס זאָל מען נישט זאָגן תיכּף אָפן, וואָס עס ליגט אויפן הארץ, אין דער דער צייט, ווען מען ווייסט, אַז די ווערטער זענען נישט געוואָרפן אויפן ווינט? יעדער איינציקער מאַכט זיך שטרענגער ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט, גלייך ער האָט מורא צו באַלידיקן זיינע געפילן דערמיט, וואָס ער וועט זיך טיילן מיט אַנאַנדערן... („ווייסע נעכט")

1

„אַ טרוימער איז נישט קיין מענטש, נאָר עפּעס אַ באַשעפעניש פון דריטן געשלעכט..."

די דאָזיקע ווערטער אינם מויל פון דעם העלד פון „ווייסע נעכט", קען מען צופּאַסן אַלס זייער כאַראַקטעריסטישע פאַר דאָסטאָיעווסקין גופא, הויפּטזאַכלעך אין יענע פּרטים פון זיין שאַפן, אין וועלכע ער ברענגט צום אויסדריק טיפן און פאַרשוינען, וואָס דאַרפן זיין דער געגנזאַץ פון זיינע אייגנאַרטיקע, אומנאָרמאַלע גייסטיק־קראַנקע טיפּן, דאָ ווי ער וויל שאַפן טיפן מער רעאַליסטישע, דאָ ווי ער וויל אונדז שילדערן מער קאָנקרעטע לעבנס־באַציִונגען צווישן מענטשן, ווי למשל, ליבע צווישן מאַן און פרוי ווי מיר האָבן די מעגלעכקייט צו זען אין „דערנידעריקטע און באַליידיקטע."

אין אַלע אַזעלכע באַציִונגען אָפּצענייגן פון זיין אייגנטלעכן אינהאַלט, צו שילדערן בלויז די מעטאַפיזישע און פּסיכאָלאָגישע פאַרקריפּלטע דיסאָנאַנסן אין דער מענטשלעכער נשמה סיי פונם יחיד סיי פונם כלל; אין אַלע באַציִונגען צו שאַפן

פשוטע „געזונטע“ מענטשלעכע טיפּן, וועלכע זאָלן זיין פריי פון פילאָזאָפירן איבערן סדר העולם און וועלכע זאָלן אין זינען האָבן אויסשליסלעך דאָס ממשותדיקע ביסל גליק, וואָס איז אָנגעגרייט פאַרן מענטש אויף דער ערד; — אין אַלע אַזעלכע פּרואוון בלייבט דאָסטאָיעווסקי דער טרוימער, „דאָס באַשעפעניש פון דריטן געשלעכט“, דער, וועלכער באַשאַפט העלדן אויסגעחלומטע, וועמעס באַציִונגען זענען ווייט פון רעאַליטעט, פון לעבעדיקער מענטשלעכער ווירקלעכקייט.

ווען מיר וועלן רעדן וועגן „דערנידריקטע און באַליידיקטע“, וועט נאָך אויסקומען ברייטער אַרומצורעדן אָט דעם שטריך און אָנווייזן דאָסטאָיעווסקיס מאַכטלאָזיקייט ביים וועלן שאַפן אַ סינטעז צווישן רעאַלן און נישט רעאַלן טיפּ. מיר וועלן זען אַז דאָסטאָיעווסקיס פּסיכאָלאָגיזם טרעט אין דעם פאַל אָפּ לגבי זיין מיסטיציזם, לגבי זיין נישט קענען קוקן אויפן לעבן מיט רעאַלע בליקן. די קלענערע דערציילונג „ווייסע נעכט“, באַשטעטיקט די דאָזיקע מיינונג, הגם זי פירט צו דער השערה, אַז דער דאָזיקער שטריך פון נישט-רעאַליזירטן סינטעז צווישן רעאַליטעט און חלום, צווישן לעבן און אַבסטראַקציע, איז נישט קיין צופאַל, אַז דאָס איז אויך נאָר איין זייט פון זיין פּילזייטיקער אייגנאַרטיקער נשמה, אַז ער שאַפט בכיוון אַזעלכע טרוימער, „באַשעפענישן פון דריטן געשלעכט“, כדי אונז צו ווייזן, ווי אַזוי אייגנטלעך דאַרף דער מענטש לעבן און ווי שיין איז דאָס לעבן, ווען ס'איז ווייט פון דער ווירקלעכקייט, — ווען עס איז דורכגעדרונגען מיט אַ העכערן חלום, באַפליגלט מיט פאַנטאַזיע.

און נאָר פון דעם קוק קען מען אַזעלכע טיפּן באַרעכטיקן. און, אייגנטלעך דאַרפן מיר זיך נישט באַציִען שטרענג קריטיש צו אָט די פּרואוון זיינע ווי זיי קומען צום אויסדריק אין „דערנידעריקטע און באַליידיקטע“, און נאָך ווייניקער מעגן מיר זיך אַזוי באַציִען צו די „ווייסע נעכט“, וועלכע איז אַ מוסטערהאַפטע דערציילונג אין אופן פון באַשאַפן מענטשן,

וועלכע זאָלן לעבן לויט אַ באַזונדערער נישט ווירקלעכער ווירקלעכקייט, וועלכע זאָלן בכּוח זיין מקרב צו זיין דאָס פּערזענלעכע גאַנצע לעבן פאַר איין מינוט גליק, אָדער פאַרן בלויזן חלום פון גליק...

אויב אין די צייטן פון דאָסטאָיעווסקיס שאַפן האָט נאָך דאָס לעבן פאַרמאָגט אין אַ געוויסער מאָס מער פּאָעטישע לעבנס-פאָרמען, פאַרפיינערטע געפילן פון אידעאַלער געגנזייטיקער באַציִונג צווישן מענטש און מענטש בכלל און מאַן און פרוי בכלל; אויב דעמאָלט איז נאָך דער באַגריף „ליבע" געווען פול מיט צאַפּלדיקן נשמה-אינהאַלט און דאָסטאָיעווסקיס העלדן זענען געווען נענטער צו דער ווירקלעכקייט; אויב דעמאָלט איז מעגלעך געווען, אַז די ווירקונג פון אַזעלכע דאָסטאָיעווסקיש-אויסגעחלומטע העלדן אין דער ליטעראַטור זאָלן אוממיטלבאַרער ווירקן אויפן לייענער און נאָך מער פאַרפיינערן די באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש — וואָס דאָס דאַרף זיין דער אייגנטלעכער ציל פון דער שיינער ליטעראַטור —, אויב די דאָזיקע באַגריפן און געפילן האָבן יאָ אַמאָל דאָמינירט אין לעבן, שפּילן זיי אָבער היינט גאָר קיין ראָל נישט, זענען מיר היינט ווייט דערפון, ווי ווייט ס'איז דער מהלך צווישן דער צייט פון די זעכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ביזן סוף ערשט פערטל צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

מיר האָבן זינט דעמאָלט פּראָגרעסירט, נישט בלויז אויפן געביט פון טעכנישער וויסנשאַפט, נאָר — און אפשר נישט ווייניקער אין פאַרגלייך — אויפן געביט פון אונזערע מענטשלעכע פילן, באַגרייפן און — טראַכטן. אָט, יענע אַלע פאַרפיינערטע חושים, וועלכע האָבן נאָרמירט אונזערע באַגריפן און האָבן —ווייניקסטנס אין דער פאַנטאַזיע פון קינסטלער און אין דער ליטעראַטור — געבילדעט דעם קווינט-עסענץ פון אונזער לעבנס-אינהאַלט —, אָט, די אַלע דערמאָנטע חושים זענען היפּש אַטראָפירט. מעגלעך, אַז דער ראַשיקער פּראָצעס פון דער טעכ-

נישער ציוויליזאַציע פון איין זייט און דער אַנטשיידנדיקער
קאַמף צווישן קלאַסן פון צווייטער, וואָס האָט דאָס מענטשלע-
כע לעבן געבראַכט צום סטאַדיום פון שטענדיקן מלחמה-מצב —
מעגלעך, — אַז דאָס אַלץ האָט אַ חלק אין דעם דאָזיקן אַט-
ראָפּירונג-פּראָצעס, וועלכן עס לעבט איבער אַזוי אינטענסיוו
אונזער גענעראַציע. אַ פאַקט אָבער איז, אַז מיר דערנענטערן
זיך אַלץ מער צו אַ ציוויליזאַציע, אין וועלכער דער מ ע נ ט ש
וועט מיט גאָרנישט זיך אונטערשיידן פון דורך אים באַשאַפע-
נעם מעכאַניזם. די מענטשלעכע אינדיווידואַליטעט פאַרלירט אַלץ
מער די באַדייטונג, ער ווערט מיט זיין גאַנצן דענקונג-אַפּאַראַט
אַ שרייפעלע אין אַלגעמיינעם מעכאַניזם, וואָס טראָגט דעם
נאָמען: ק אָ ל ע ק ט י וו. דערווייל, אין איבערגאַנג-מאָמענט צו
די נייע נאָך פאַרנעפּלטע וועלטן, זענען די אַלע פריער דער-
מאָנטע דאָסטאָיעווסקישע באַגריפן, געפאַלן אַ קרבן אויפן מזבח
פון דער צייט. ל י ב ע, דאָס דאָזיקע שענסטע געפיל, וואָס
פאַרייניקט מענטשלעכע נשמות פון ביידע געשלעכטער, הייבט
אָן אַלץ ווייניקער צו דאָמינירן אין לעבן, די יוגנט קערט זיך
אַלץ מער אָפּ דערפון, פאַרוואַרפט עס אַלס ס ע נ ט י מ ע נ ט ן
און נ אַ ר י ש ק י י ט ן. דאָס אָרט פאַרנעמט די פּראַקטיק פון מע-
כאַנישן מאַטעריאַליזם, וועלכער בילדעט דעם הויפּט-יסוד פאַר
צוזאַמענלעבן פון די געשלעכטער.

אויף אַזוי ווייט זענען מיר שוין אַוועק פון דאָסטאָיעוו-
סקיס אויסגעחלומטע מענטשן-מלאכים, און דעריבער — דעריבער
באַקומען זיי פאַר אונז אַ באַזונדערע באַדייטונג, אַ באַדייטונג,
וואָס איז אַנדערש צו דער, וואָס עס האָט געהאַט פאַרן לייע-
נער פון די פריערדיקע צייטן. און פון דעם קוק ווערט אויך
פאַרשטענדלעך די ניי אַנטשטאַנענע מיינונג *) אַז פאַרן ה יי נ-
ט י ק ן רוסישן דור, פאַרן לייענער, וואָס ווערט דערצויגן אין
אַ תקופה פון וועלט-איבערבוי-עקספּערימענט און איבערבוי פון
דער מענטשלעכער פסיכיק — איז דאָסטאָיעווסקי שוין נישט

---

*) איליאַ ערענבורגס

מער פֿאַרשטענדלעך... ער האָט אויפֿגעהערט זיין דער פירער פֿון דער רוסישער נשמה...

שווער צו זאָגן אויף וויפֿל די דאָזיקע מיינונג איז נאָענט צו דערווירקלעכער לאַגע. אָבער ווען מיר זאָלן אָנגעמען אַ טייל פֿון אָט דער מיינונג, למשל, אַז דער עקספּערימענט פֿונם רוסישן פֿאָלק האָט דאָס לעבן אַרויסגעפֿירט אויפֿן וועג צו דער דערמאָנטער פּסיכישער איבעראַנדערשונג, באַטייט עס קודם כל, אַז דער דערמאָנטער אַטראָפֿירונג־פּראָצעס איז אין גאַנג און אין אַ גרעסערער מאָס — ביי די פֿעלקער, וועלכע שטייען מחוץ דעם דערמאָנטן עקספּערימענט. אויף דער גאַנצער ליניע איז צו באַמערקן די ירידה פֿון דער פּאָעזיע, וואָס האָט אַמאָל אָנגעפֿילט די מענטשלעכע נשמה, בפֿרט פֿון דער יוגנט. ס'איז דאָך איבעריק צו באַטאָנען די פּוסטקייט — גייסטיק אי־דייאישע — פֿון דער היינטיקער יוגנט. און די עראָטיק, אָט, דאָס געפֿיל, וואָס איז שטענדיק געווען אַ קוואַל פֿון פּאָעזיע פֿאַר אַלערליי „טרוימער, באַשעפֿענישן פֿון דריטן געשלעכט" — איז דעגראַדירט געוואָרן צו דער מדרגה פֿון העסלעכער פּראַק־טישקייט מיט דער תאווה אַלס יסוד.

אמת, אַז פּונקט ווי די גאַנצע מענטשהייט, טיילט זיך די יוגנט אויך — און טאַקע נאָך גיכער — אויף צוויי לאַ־גערן. און די דערמאָנטע פּוסטקייט קען מען און מען דאַרף אייגנטלעך צורעכענען אויפֿן חשבון פֿון יענער טייל יוגנט, וועלכער לעבט מיטן לעבן פֿון דער עלטער, פֿונם אָפּגייענדיקן דור, בשעת ווען דער צווייטער טייל יוגנט, וועלכער איז אייגנט־לעך דער אַוואַנגאַרד פֿון דער קומענדיקער נייער וועלט, לעבט מיט גאָר אַן אַנדער לעבן, אַ לעבן, וואָס פֿאַרמאָגט אין זיך אַ נייע פּאָעזיע, אַ פּאָעזיע פֿון קאַמף און נצחון. אָבער, ווייל די ערשטע טייל יוגנט איז נאָך אין דער מערהייט, ביילדעט נאָך די פֿעסטע זיילן, וואָס האַלטן אונטער די אַלטע וועלט, דאַריבער האָב איך זיך דאַרויף אָפּגעשטעלט. נאָר געזאָגט מוז ווערן: אויך די יוגנט פֿון דער מיט אידעאַלן־דורכגעדרונגענער

טייל, באַציט זיך נישט שוין צום עראָטישן פּראָבלעם מיט דער מאס און באַגריף פון דאָסטאָיעווסקיס צייטן.

שולדיק איז אויך דאָ דאָס האַרטע האַמעטנע לעבן פון אונזער צייט, וואָס טעמפּט אָפּ די געפילן, אָבער אַזוי איז עס. דעריבער האָב איך זיך דערויף אָפּגעשטעלט, פדי צו אילוסטרירן יענעם תהום, וואָס ליגט ש ו י ן צווישן דאָסטאָיעווסקיס דערמאָנטע טיפן אין דער היינטיקער צייט. און ערשט דערפון אַרויסגייענדיק, ווערט אונז נאָך ליב און טייער דאָסטאָיעווסקיס חלומות, ווי עס ווערט אונז מיטאַמאָל ליב און טייער אַ נאָענט וועזן, ווען מיר דערוויסן זיך, אַז זי פאַרלאָזט אונז שוין אויף אייביק...

2

דער אינהאַל פון די „ווייסע נעכט":

אַ יונגערמאַן אַ זייער עלנדער, איינער פון יענע מחנה אומגליקלעך-גליקלעכע „טרוימער און באַשעפענישן פון דריטן געשלעכט". אַ מענטש, וועלכער אָפזייענדיק אַכט יאָר אין לענינגראַד, (פעטערבורג) באַמיט זיך נישט צוקריגן קיין שום באַקאַנטשאַפט, נאָר „קאָן" פונדעסטוועגן „די גאַנצע שטאָט", אַלץ און אַלעמען. אַפילו די הייזער און גאַסן מיט וועלכע ער פירט זיינע טרוימישע שמועסן.—אָט אַזאַ איינער באַקענט זיך צופעליק מיט אַ מיידל, וועלכע שטייט אויפן ברעג פון תהום, צוליב עפעס אַ פערזענלעכן אומגליק. זי איז אויך אַזאַ עלנט פאַרחלומט באַשעפעניש, וועלכע לעבט איר באַזונדערן חלום פון ליבע צו אַ יונגנמאַן און וועמעס ליבע זי איז נישט גאַנץ זיכער הגם, יענער פאַרזיכערט איר ביים צעשיידן זיך, אַז ער וועט נאָך אַ יאָר צייט זיך אומקערן צו איר און — אויב איר האַרץ וועט נאָך ביז דעמאָלט שלאָגן פאַר אים אליין, — וועט זי בלייבן זיינע.

און אָט, איז דאָס יאָר שוין אַריבער. זי ווייסט אפילו אַז ער איז שוין צוריקגעקומען, שוין עטלעכע טעג דאָ. אָבער ער ווייזט זיך נישט ביי איר... אין איר פאַרצווייפלט-אומרויִקן נשמה-מצב, באַקענט זי זיך מיטן דערמאָנטן טרוימער. צווישן זיי אַנטוויקלט זיך מערקווירדיק גיך אַ פריינטשאַפט, שוין בלויז אַ דאַנק זייער ביידנס אומבאַגרענעצטע אָפנהאַרציקייט, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש דאָסטיעווסקיס העלדן. זיי דערציילן זיך געגנזייטיק זייער לעבן. זי — פון איר איינזאַם לעבן ביי איר באָבען, פון וועמען זי טאָר נישט אָפטרעטן און, פון איר איינציקן חלום — די ליבע — וואָס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן וועבן. און ער — ער האָט אייגנטלעך גאָרנישט וואָס צו דערציילן, אַ חוץ פון איינזאַמקייט אין די ד׳ אמות פון זיין צימערל, וועלכעס איז אָבער פול מיט חלומות אומפאַרגלייכלעך העכערע, ווי ביי אַלע ווירקלעכקייטן פון לעבן... דער דאָזיקער מצב זיינער האָט אויסגעשלאָסן וועלכן ס'איז קאָנטאַקט מיטן רעאַלן לעבן — זיינע געציילטע פריינט האָבן זיך פון אַזאַ איינעם אַלס נישט-נאָרמאַלן, דערווייטערט. און קיין פרוי האָט נאָך זיין לעבן נישט באַרירט... נאָר איצט, זי, נאַסטאַסענקאָ מיט איר אויפריכטיקייט און נשמהדיקייט, האָט אַרויסגערופן זיינע געפילן, וועלכע האָבן זיך צעשטראַלט אין אים פון ליבע, אַ ליבע, וועלכע פאַרלאַנגט אָבער גאָרנישט מער ווי דאָס באַוואוסטזיין, אַז ס'איז מער ווי אַ חלום, אַז ס'איז אַ שיין פון ווירקלעכקייט... ווייל — דערעסן איז אים שוין דאָס לעבן פון הוילע חלומות. ער איז שוין גרייט אָפצוגעבן זיין גאַנץ חלומדיק לעבן פאַר איין מאָמענט ווירקלעך גליק...

איז אין אָט די מילך-ווייסע נעכט, ווען ביידע טרוימער טרעפן זיך און שמידן זייער גליק פון ווירקלעכקייט, ווען ער טרייסט זי אין איר פאַרצווייפלונג איבער יענעמס נישט ווייזן זיך, ווען ער העלפט איר אַליין צונויפברענגען דאָס גליק אירס, באַנוגנדיק זיך מיט דער בלויזער באַפרידיקונג פונם באַוואוסטזיין, אַז זי איז גליקלעך און ליבט אים אויך, פאַרמאָגט אפילו

צערטלעך-וואַרעמע געפילן פאַר אים, — אין אָט די מאָמענטן ווען פון פאַרצווייפלונג צוליב יענעמס שווייגן איז זי שוין גרייט צו פאַרייניקן איר גורל מיטן דאָזיקן באַקאַנטן טרוימער אירן, און ווען אין אים ווערט שוין רעאַליזירט דאָס באַוואוסטזיין, אַז זיין גאַנץ חלומדיק לעבן גייט איבער אין ווירקלעכקייט, — אין דעם מאָמענט באַווייזט זיך אומגעריכט יענער, דער אַזוי אייסגעקוקטער און... אָן שום שוועריקייט גייט זי אַוועק מיט יענעם, באַשענקענדיק דעם טרוימער בלויז מיט אַ קוק און אָפטער מיט אַ בריוול פול מיט דאַנקבאַרקייט פאַר זיינע געפילן צו איר.

און ער, דער עלנדער טרוימער, בענטשט איר „פאַר דער מינוט פרייד און אומגליק”, און שרייט אויס:

„גאָט מיינער! אַ גאַנצע מינוט גליק! — צי איז דען דאָס נישט גענוג פאַרן גאַנצן לעבן פון אַ מענטשן”?..

און ער איז גערעכט, דער דאָזיקער טרוימער: אַ גאַנצע מינוט גליק, אמתדיק מענטשלעך גליק, וואָס שטראַלט פון נשמות, איז טאַקע גענוג פאַר אַן עלנדן אין דער העסלעכער ווירקלעכקייט פון אונזער לעבן, אין אַ וועלט וואָס פאַרוואַרפט פון זיך אויפריכטיקייט, מענטשלעכקייט און האַרציקייט, ווי יעדער איינציקער פאַרבאָרגט זיינע נאַטירלעכע געפילן פאַרן צווייטן. אָבער... נו, שוין זשע, נו, שוין זשע איז אוממעגלעך צו ברענגען דאָס מענטשלעכע לעבן, אָט די ווירקלעכקייט צו אַ מער-ווייניק האַרמאָנישן איינקלאַנג און נאָר אין דער וועלט פון חלומות און פאַנטאַזיעס קען מען דאָס גליק געפינען, ווי דאָס טוט דאָסטאָיעווסקי?..

דאָסטאָיעווסקי קלויבט זיך דאָ — ווי בכלל אין זיין שאַפן — נישט פאַנאַנדער אין די אייגנטלעכע סבות, וואָס פירן צו אַזאַ דיסהאַרמאָניע אין לעבן. און אַז נאַסטאַסענקאָ טוט אים אַמאָל אַ פרעג וועגן אָט דער מענטשלעכער אומאויפריכטיקייט, טוט ער איר אַ פטר אָפּ:

— „אָ, דערצו זענען פאַראַן אַ סך סבות”.

פאַנאַנדערקלויבנדיק זיך אין זיי — דאָס ליגט נישט אין זיין שיטה, ווייל דאָסטאָיעווסקי גלויבט בכלל נישט אין דער מעגלעכער פאַרבעסערונג און איבעראַנדערשונג פון אונזער לעבן, וואו חלום און אמת זאָלן זיך צונויפגיסן אין איין האַרמאָניע. און זייענדיק געטריי זיין גייסט, קענען מיר קיין טענות נישט דיהאָבן. די אַרבעט פון שאַפן אַ לעבעדיקע ווירקלעכקייט פאַר דאָסטאָיעווסקיס חלומות, איז אייגנטלעך אונזער אויפגאַב. אונ־זערע דורות מוזן שאַפן דעם נייעם מענטש, וואָס וועט חלום מיט ווירקלעכקייט צונויפגיסן...

3

די העלדן פון „ווייסע נעכט" — ווי אַ סך אַנדערע, מיט וועלכע מיר וועלן זיך טרעפן אין די ווייטערדיקע ווערק — זענען אונז באַזונדער סימפּאַטיש שוין דערפאַר, וואָס זיי זענען געזונטער — אויב מען קען אָנרופן „געזונט" אַ נישט רעאַ־ליסטישן לעבן. זיי זענען פריי פון דער צופרעסנקייט מיט וועלכע עס צייכנען זיך אויס זיינע איבעריקע העלדן מיט ראַס־קאָלניקאָוו און די קאַראַמאַזאָווס בראש.

די „ווייסע נעכט"-העלדן זענען מענטשן, וואָס פּייניקן נישט זיך און נישט אַ צווייטן. זיי לעבן זייער באַזונדער לעבן און ווען אפילו דורך אַ מיראַזש, איז אָבער דער קרן פון דאָ־זיקן מיראַזש שיין, נשמהדיק און אָנציענדיק פאַרן מענטש. אָט, די דערציילונג ווירקט באַזונדער אויפן געמיט פון היינט־צייטיקן לייענער, וועלכער לעבט אין אַ האַרבער טרוקענער צייט, אַ צייט פון מעכאַניזם אויף אַלע געביטן פון לעבן. (ס׳איז עלעכט, וואָס מען באַמיט זיך שוין די דאָזיקע מעכאַניזאַציע פאַרזינצוציען אויך אין דער ליטעראַטור; מען באַמיט זיך שוין

צו שילדערן מענטשן לחלוטין פריי, פון וועלכע ס׳איז „סענטימענטן" און דאָס לעצטע מיינט: פריי פון ליריזם און צאַרטע מענטשלעכע געפילן... מען נעמט דערביי נישט אין אַכט, אַז אַזאַ אַרט ליטעראַטור מעכאַניזירט נאָך מער די מענטשלעכע נשמה, אַז עס העלפט דעם אַטראָפירונג-פּראָצעס פון די מענטשלעכע הושים; און — מען דערגרייכט דערמיט דעם היפך פון יענעם צוועק, וואָס ליטעראַטור דאַרף דינען.) ווער אָבער עס שטרעבט צו דער „רעאַקציע" פון סענטימענט, צום געפיל פון באַאיינפלוסט ווערן, פון מיטגעפיל צו מענטשלעכע ליידן און פריידן — דער וועט זיך מיט ווייסע נעכט קוויקן ווי מיט אַ געטראַנק, וואָס מאַכט בעסער, שענער דעם מענטש אין זיינע מעשים.

4

ס׳וועט נאָך אויסקומען אָנצעווייזן אויפן פאַקט, פון דער אידייאישער און פסיכאָלאָגישער אידענטישקייט פון דאָסטאָיעווסקיס העלדן, ווי זיי דערשיינען אין זיינע פאַרשידענע ווערק. זיינע העלדן זענען אייגנטלעך צעטיילט אין קאַטעגאָריעס צווישן וועלכע ס׳נעפינען זיך: „סענטימענטאַלע" און „האַרטע"... אָבער סיי די סיי יענע וואָס מיר באַגעגענען אין זיינע ווערק, זענען צוגעפּאַסט צו די אידייען און מעשים, וועלכע דאָסטאָיעווסקי וויל אין אַ ווערק אַרויסברענגען.

וואָס שייך די ביידע העלדן אין „ווייסע נעכט", זענען זיי נאָך מער אידענטיש צו די העלדן פון „דערנידריקטע און באַליידיקטע".

קודם כל — נ אַ ס ט אַ ס ע נ ק אָ. מיט איר אויפריכטיקן פלאַטערן איז זי ענלעך צו נ אַ ט אַ ש אַ פון „דערנידריקטע און באַליידיקטע", הגם יענע שיינט צו האָבן אַ ביסל מער ענגער-

גישערן כאַראַקטער. אָבער נאָכמער איז ער, דער טרוימער ענלעך אויף איוואַנען, נאַטאַשעס כלומרשטער געליבטער. ער ווי יענער זענען ביידע גענוג גרויסמוטיק מקרב צו זיין זייער פּערזענלעך גליק אויפן מזבח פון זייער ליבע, פאַרן גליק פון די יעניקע, וועלכע זיי ליבן, און אַלץ אַזוי שטיל אָן דרוק מצד וועלכער אויסערלעכע קראַפט, אָן זעלבסט און אָן יענעם צו פּייניקן און אָן טראַגיש-דראַמאַטישע קאַטאַקליזמען; נאָר פּשוט, ווייל דאָס איז אין הסכם מיט דער אמת-נשמהדיקער ליבע, אַ ליבע, וועלכע — נו, וועלכע איז אַזוי ווייט פון אונזער מאַטעריאַליסטישער ווירקלעכקייט און — נאָענט צו דאָסטאָיעווסקיס מעטאַפיזיש-פּלאַטאָנישער חלום-וועלט... בכלל נאָענט צו דער וועלט, וועגן וועלכן אַ סך בעלי-חלומות אין אונזער הייניטיקער ווירקלעכקייט חלומען נאָך אין מאָמענטן פון זיין פאַרטון מיט זיך, איידער זיי קומען אין קאָנטאַקט מיטן לעבן, וואָס גיט זיי סוף כל סוף די געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן אין דער אויטאָפּיזישקייט פון זייערע אויסגעחלומטע וועלטן...

און נישט בלויז זייערע האַנדלונגען זענען אידענטיש איינגערעמט אין אַ באַשטימטן קרייז פון מעשים, נאָר אפילו זייער לשון. יענע פּשוטע „סענטימענטאַלע” שפּראַך ביים אויסדרוקן קעגנזייטיקע געפילן, זענען ענלעך צו „דערנידריקטע און באַליידיקטע”, פּונקט ווי דאָס זענען אויף אַן אַנדער אופן ענלעך די מעשים פון דאָסטאָיעווסקיס קאַטעגאָריע „האַרטע” העלדן. אַלץ צוזאַמען שטעלט צונויף דעם קווינטעסענץ פון דאָסטאָיעווסקיזם און פון די מעטאָדן מיט וועלכע זיין ריזיקע אַרבעט איז געשאַפן געוואָרן.

„ווייסע נעכט” איז אַ קליינער, אָבער בונטער בלום אין דעם קראַנץ פון דער דאָסטאָיעווסקישער שאַפונג. פאַרן הייניטיקן לייענער האָט זי — אין מאָראַלישן זין — נישט ווייניקער באַדייטונג, ווי אַלע איבעריקע גרויסע פּסיכאָלאָגיש-פּראָבלעמאַטישע ווערק.

III

יאָ. פֿאַרברעכן קען נישט באַטראַכט ווערן
לויט די אָנגענומענע שטאַנדפּונקטן; איר פֿילאָ-
זאָפֿיע איז אַביסל שווערער ווי מען מיינט...
(„טויטן הויז״)

1

נאָכן דערשיינען פֿון דאָסטאָיעווסקיס ערשט ווערק: „אָרע-מע מענטשן״, וואָס האָט פּאַרפּעסטיקט זיין רום און אין אַ גרויסער מאָס אויך באַזייטיקט זיין מאַטעריעלע נויט, נעמט זיך דאָסטאָיעווסקי שרייבן זיין צווייט ווערק: „גאָליאַדקין״, אויף וועלכן ער לייגט נאָך גרעסערע האָפֿענונגען ווי אויפֿן ערשטן. ער לייענט פֿראַגמענטן אין די ליטעראַרישע קרייזן, און אַ פֿאַר-שכורטער שרייבט ער צו זיין ברודער:

„אונזערע זאָגן, אַז זינט גאָגאָלס „טויטע נפשות״ האָט מיין „גאָליאַדקין״ קיין גלייכן נישט אין רוסלאַנד״.

דאָס שטאַרקט אַ סך זיינע קראַנקע נערוון. אָבער, גראָד איצט, זייענדיק זיכער אין דערפֿאָלג, קומט ער נישט. און דעם ערשטן אַפּריל 1846 שרייבט ער ווידער צו זיין ברודער:

„אַלע געפינען מיטאַמאָל, ווי צונויפגערעדט זיך, אַז „גאָל-יאַדקין" איז לאַנגווײַליק צעצויגן, אַז ס'איז בכלל נישט מעגלעך צו לייענען... מיר איז „גאָליאַדקין" נמאס געוואָרן... צוגלייך מיט די גלענצנדיקע זײַטלעך איז דאָרט דאָ פּאַסקודסטווע... דאָס האָט מיר געמאַכט אַ גהינום און כ'בין קראַנק געוואָרן פון צער"...

דאָסטאָיעווסקי בלייבט ווידער עלנט. מיט ביעלינסקין — פאַר וועלכן ער האָט אויפגעהערט זײַן „אַ באַווײַז פאַר זײַנע איבערצײַגונגען" — צעגייט ער זיך. מיט נעקראַסאָוון אויך. און אין פרילינג 1847 צײַט דאָסטאָיעווסקי אין אַ בריוו אונטער אַזאַ סך הכל:

„שוין דאָס דריטע יאָר פון מײַן ליטעראַרישער טעטיקייט, און איך בין ווי און אַ נעפּל. כ'זע נישט דאָס לעבן... געמאַכט האָבן זיי מיר אַ ספקדיקע באַרימטקייט און כ'ווייס נישט ביז וואַנען וועט אָנגיין דער גהינום פון אָרעמקייט און שעה-אַרבעט. — וואָלט כאָטש געווען מנוחה"!

זײַן נערוועזיטעט שטאַרקט זיך. זײַן האַרץ ווערט ווידער פול מיט אומבאַוואוסטער מורא. יעדע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין לאָזט ער איבער אַ צעטעלע בײַם בעט: „הײַנט באַנאַכט וועט מיך באַפאַלן אַ לעטאַרגישער שלאָף. כ'בעט מיך צו באַגראָבן ערשט אין פינף טעג אַרום"... ער שרעקט זיך פאַרן באַגראָבן לעבעדיקערהייט. ער, דער קראַנקער, צעבראָכענער, וועלכער לעבט כמעט נישט, ווייל לעבן הייסט: זיך קענען ר ע אַ ל י ז י ר ן, ער... ער פאַלט אַרײַן אין צאָרן געגן אַלץ און אַלעמען. אַ שד פון פאַרניכטונג באַהערשט אים. און אין דאָזיקן כאַאָטיש-אויפגערעגטן קראַנקן נשמה-מצב, פאַרבינדט ער זיך מיט דער דע-מאָלטיקער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „פּעטראָשעווצעס", הגם דער טאַט איז אויך איינע פון יענע אומצייליקע סתירות, וואָס פילן אָן זײַן לעבן. און די סתירה דערפון ליגט קודם כל אין דעם, וואָס דאָסטאָיעווסקי איז פאַר דעם און דערנאָך, געווען ווײַט פון סאָציאַליזם. ער גלויבט נישט אין סאָציאַליזם. און די

פּעטראָשעווצעס זענען געווען סאָציאַליסטן, און באַזונדער זענען זיי אַטעיִסטן, וואָס איז אויך אין סתירה מיט זיין גלויביקייט, וואָס איז, גאַנץ מעגלעך, געווען אַ פּועל־יוצא פון זיין שוואַכע נאַטור און אינערלעכע נשמה־צוריסנקייט, צוליב וועלכן ער בלייבט קאָנסערוואַטיוו און אפילו פּאַטריאָטיש, אין דער צייט, וואָס זיינע נייע פאַרבינדעטע זענען קאָסמאָפּאָליטן. (פּעטראָשעווסקי — דער פירער פון דער אָרגאַניזאַציע — איז געווען אַ פּאָליאַק.) וואָס זשע פאָרט האָט דאָסטאָיעווסקין געקענט טרייבן אין אַזאַ עקסטרעם?

נישט מער ווי — דער האַס צו דער געגנוואַרט.

דאָסטאָיעווסקי — נאָך מער ווי פּעטראָשעווסקי — האָט פיינט געהאַט די געגנוואַרט. ער האָט געשטרעבט צו עפּעס אַ טאַט, וואָס זאָל אויפרודערן די וועלט. אַזאַ ציל איז געווען דאָס אָנטיילנעמען אינם אַטענטאַט אויפן „צאַר באַטיושקאַ"...

שפּאַצירט ער אַרום גאַנצע טעג איבער די רוישיקע גאַסן פון שטאָט, מיט אַ מרה שחורה, וואָס איז צעלייגט אויף זיין פּנים, מיט אַ אינסטינקטיווער מורא פאַר מענטשן, און מיט דעם מאַניער פון רעדן צו זיך אַליין — מאַכט ער אָפטמאָל דעם איינדרוק פון אַ געריטן פון זין. וועט ער אַמאָל דערפון זיך באַפרייען?..

נאָר אויב מיט זיינע מעשים, אָנשליסנדיק זיך אין די „פּעטראָשעווצעס" האָט ער די וועלט נישט אויפגערודערט, און אויסערלעך איז טאַקע גאָרנישט געשען, האָט ער אָבער פאַר אים גופא געהאַט פאַטאַלע פאָלגן. אין זיין אינדיווידועלן לעבן זענען פאָרגעקומען יענע ענדערונגען, וואָס האָבן אָנגעצייכנט דעם וועג פון זיין ווייטערדיקע טעטיקייט. ווי אַ בליץ האָט עס באַלויכטן זיין נשמה און אים געגעבן אַ ציל אין לעבן: שאַפן! און אין פּראָצעס פון שאַפן—ראשית, זיך רעאַליזירן, געבן דעם לעבן זיין לאַנג באַגערטן תקון, והשנית — דערפילן די גרויסע מיסיע פון גורל, אויף צו באַלייכטן די ביז אים נישט דערקענטע מערקווירדיקע מענטשלעכע אייגנשאַפטן, צו

באַווייזן יענע העלע און שאָטן-זייטן פון דער רוסישער פאָלקס-נשמה.

2

דאָס איז געווען דער ערשטער זייגער, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 23-טן אַפּריל 1849. צוזאַמען מיט נאָך זיינע דרייסיק חברים סטודענטן, איז ער אַרעסטירט געוואָרן אויף אַ פאַרזאַמלונג, פאַר זיין דורכלייענען אַ געוויסן בריוו פון ביעלינסקין צו גאָגאָלן. ער איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ פעלד-געריכט, וואָס האָט אים מיט זיינע חברים פאַרמשפט צום טויט דורך שיסן.

און אָט, שטייענדיק ביים עשאַפאָט, מיט דער פולער זיכערקייט אַז ער *שטאַרבט*, אַז דער טויט איז אומפאַרמיידלעך — לעבט ער איבער יענע מינוטן, וועלכע ער באַשרייבט ערשט אין אַכצן יאָר אַרום אין „אידיאָט". ער דערפילט מיטאַמאָל דעם *זינען* פון לעבן, אַ זינען, וואָס באַשטייט אייגנטלעך נישט מער ווי אין דער בלויזער שטרעבונג צו בלייבן לעבן, צו געניסן אָט דאָס אַרומיקע, פון וועלכן ער מוז זיך באַלד שיידן... און ס'ווערט אים פלוצלינג מוראדיק קלאָר, וואָס פאַר אַן אומדערשעצטער אוצר ס'איז אָט דאָס פּשוטע לעבן...: ווען ער וואָלט עס נאָר געקענט צוריקגעווינען!...

נאָר — איז עס נישט קיין חלום?! נישט שוין-זשע, נישט שוין-זשע... געווינט ער טאַקע צוריק דאָס לעבן? איז עס נישט עפּעס אַ חלום פון יענע פאַנטאַסטישע ראָמאַנען?... אָבער — וועגן אַ טעות קען דאָ, ווייזט אויס, קיין רייד נישט זיין. ווייל אין די סאַמע לעצטע מינוטן, ווען ער האָט אַזוי וואונדערלעך דורכגעלעבט גאַנצע אייביקייטן — איז אָנגעקומען דעם קייזערס עקסטרער קוריער מיטן באַפעל: „נישט שיסן!"

דאָסטאָיעווסקי איז געבליבן לעבן.

די שטראָף איז אים פאַרביטן געוואָרן אויף פיר יאָר קאַטאָרגע אין סיביר מיט עטלעכע יאָר מיליטער-דינסט אַלס צוגאָב.

22 דעצעמבער 1849 — פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג.

„ברודער, מיין זייער געליבטער פריינט! — שרייבט דעמאָלט דאָסטאָיעווסקי — אַלץ איז געענדיקט איך בין פאַרמשפּט אויף פיר יאָר קאַטאָרגע אין אַ פעסטונג (וואַרשיינלעך אָרענבורגער) און דערנאָך — ענדיקן מיינע יאָרן אַלס פּשוטער סאָלדאַט.

„היינט דעם 22 דעצעמבער האָט מען אונז געפירט אויף סעמיאָנאָווסקי-פּלאַץ. דאָ האָט מען אונז פאָרגעלייענט דעם טויט-משפּט, מען האָט אונז דער אַנגט צום קושן אַ צלם, מען האָט צעבראָכן אונזערע שווערדן איבער אונזערע קעפּ און געמאַכט אונזער טויט-טואַלעט (אַ ווייס העמד). דערנאָך האָט מען אונז אַוועקגעשטעלט פאַר דער תליה. איך בין געווען דער זעקסטער. צו דריי מיט אַמאָל האָט מען אויסגערופן. איך בין אַלזאָ געווען אין דער צווייטער שורה און נישט געהאַט מער ווי איין מינוט צום לעבן. ברודער, וועגן דיר און וועגן דייניקע האָב איך אין דער דאָזיקער העכסטער מינוט געקלערט. דו ביסט געווען איינציק אין מיין געדאַנק, און נאָר אין דעם מאָמענט האָב איך ערשט דערפילט, ווי שטאַרק איך האָב דיך ליב, מיין גוטער ברודער! עס איז מיר קוים געבליבן צייט אַ קוש צו טון פּלעשטשעוון און צוראַפן, וועלכע האָבן זיך לעבן מיר געפינען און זיי זאָגן אַדיע!

„ענדלעך האָבן די פּויקן געגעבן אַ צייכן אַוועקצוגיין. די צוגעבונדענע צו דער תליה האָט מען באַפרייט פון די שטריק, און מען האָט אונז מיטגעטיילט, אַז זיין מאַיעסטעט דער צאַר האָט אונז געשענקט דאָס לעבן. ווייטער האָט מען אויסגערעכנט די פאַרשידענע משפּטים. נאָר פּאַלם אַליין איז געוואָרן אינגאַנצן באַפרייט און געבליבן ביי זיין מיליטערישער ראַנג.

„מען גיט מיר צו וויסן, מיין טייערער ברודער, אַז מיר

דאַרפֿן זיך לאָזן אין וועג אַריין היינט אָדער מאָרגן. איך האָב געבעטן אַ זעאונג מיט דיר, נאָר מען האָט מיר געענטפערט, טייערער ברודער, אַז עס איז אוממעגלעך. איך האָב בלויז דאָס רעכט דיר דעם בריוו צו שרייבן, און דו דאַרפסט זיך איילן מיר צו ענטפערן. איך האָב מורא אַז מיין משפט (צום טויט) זאָל נישט האָבן אויף וועלכן ס׳איז אופן דערגאַנגען צו דיר. איך האָב געזען אַ המון מענטשן, דורך דער קאַרעקטע-טירל, וואָס האָט אונז געפירט אויף סעמיאָנאָווסקי-פּלאַץ, מעגלעך, אַז די נייעס האָט זיך דערטראָגן אויך ביז דיר. האָסט אָן ספק געליטן צוליב מיר, און אָט ביסטו איצט וועגן מיין גורל באַרויִקט. ברודער! איך האָב נישט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט. מיין מוט איז נישט געפאַלן. דאָס לעבן בלייבט אומעטום לעבן. דאָס לעבן איז אין אונז און נישט מחוץ אונז. אין מיין שכנות וועלן זיין מענטשן, וועל איך זיין אַ מענטש צווישן מענטשן. אַזוי דאַרף מען בלייבן שטענדיק נישט געקוקט אויף די ענדערונגען, וואָס טרעפן אייך; נישט ווערן קליינלעך, נישט אויסגליטשן זיך. אָט דאָס איז דאָס לעבן, דאָס איז דער אויפגאַב. דער געדאַנק איז אַרויסגעפלאָסן פון מיין איך, פון מיין בלוט. יאָ, ס׳איז אמת! דער געדאַנק, וואָס האָט געשאַפן פאַר דער קונסט, קומט פון אַ העכער לעבן, אַ לעבן וואָס האָט דערקענט די העכסטע באַדערפענישן פון גייסט, וואָס האָט זיך געהאַט מיט זיי איינגעלעבט. אָט דער דאָזיקער קאָפּ איז געוואָרן אַראָפּגעשניטן פון מיינע אַקסלען. עס בלייבן מיר בלויז זכרונות פון שוין געשאַפענע אינערלעכע וויזיעס, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט קיין באַשטימטע פאָרמען אָנגענומען. אמת, אַז זיי גרייטן מיר צו גרויסע ליידן, אָבער — מיין האַרץ בלייבט... איך האָב דעם זעלבן גוף און דאָס זעלבע בלוט, כ׳בין פעיִק צו לעבן! צו ליידן, צו וואונטשן, צו דערמאָנען זיך, און נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם איז עס פאָרט לעבן. מען זעט די זון! פון איצט אָן ברודער: אַדיע! פייניק זיך נישט צוליב מיר!

„לאָמיר איצט איבערגיין צו מער רעאַלערע זאַכן:

„מיינע ביכער (מיין ביבל איז געבליבן ביי מיר), עטלעכע בלעטלעך פון מיין מאַנוסקריפּט, דער פּלאַן פון אַ דראַמע און פון אַ ראָמאַן, (ווי אויך פון אַ געענדיקטע נאָוועלע: „דערציילונג פון אַ קינד״), האָט מען ביי מיר צוגענומען. דאָך גלויב איך, אַז זיי וועלן דיר ווערן צוגעשטעלט. זיי וויסן, אין פאַל דו וועסט זיי אָפּנעמען, אַז איך נעם נישט מיט נישט מיין מאַנטל און נישט מיין אַלטן אַנצוג. אין דעם מאָמענט, ברודער געפין איך זיך ערב אַ לאַנגער נסיעה מיטן עטאַפּ און איך דאַרף געלט. טייערער ברודער! ווי נאָר וועסט דערהאַלטן דעם בריוו און ווי נאָר ס׳וועט דיר מעגלעך זיין צונויפצוזאַמלען וועלכע ס׳איז סומע, שיק עס מיר גלייך אַרויס! געלט [illegible] מיר אין איצטיקן מאָמענט נויטיקער ווי לופט (און דאָס, צוליב אַ פאַרשטענדלעכע סיבה). שיק מיר אויך עטלעכע ווערטער פון דיר, און אויב עס וועט אָנקומען געלט פון מאָסקווע, פאַרלאָז מיך נישט און פאַרנעם זיך מיט מיר. דאָס איז כמעט אַלץ. איך האָב חובות, נאָר, וואָס קען איך טון?

„קוש דיין ווייב און קינדער פאַר מיינעטוועגן. זאָל איך בלייבן אין זייער זכרון. גיב אַכטונג זיי זאָלן מיך נישט פאַרגעסן. אפשר וועלן מיר זיך נאָך ווידער זען? אָרדן זיך איין, ברודער און זאָרג פאַר דיין פאַמיליע. לעב מיט באַשטימטקייט. קיינמאָל איז נאָך דער רעזערוו פון מיינע גייסטיקע כחות נישט געווען אַזוי רייך ווי איצט. הלוואי מיין גוף זאָל נאָר אויסהאַלטן! איך לאָז זיך אין וועג אַריין קראַנק אויף שקראָפּיל. אויף גאָטס באַראָט! ברודער! איך האָב שוין אין מיין לעבן געזען אַזויפיל זאַכן, אַז זעלטן, וואָס עס קאָן מיך אָפּשרעקן. זאָל געשען, וואָס עס דאַרף געשען! ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך דיר געבן אַ ידיעה. גיב איבער מיין לעצטן דאַנק דער פאַמיליע מאַיקאָוו. זאָג, אַז איך דאַנק זיי פאַר דער שטענדיקער סימפּאַטיע צו מיין גורל. געפין אויך די האַרציקסטע ווערטער ווי נאָר מעגלעך — דיין האַרץ וועט עס דיר דיקטירן

— פֿאַר יעווגעני פּעטראָוונא*) איך ווינטש זיי אַ סך גליק. זייער אָנדענקען וועט שטענדיק בלייבן אין מיר אַן אָביעקט פֿון דאַנקבאַרער פֿאַרהערליעכונג.

„אפשר, ברודער, וועלן מיר זיך נאָך זען! גיב אויף דיר אַכטונג! ביי גאָט! דו מוזט לעבן, כּדי מיר זאָלן זיך נאָך קענען אַמאָל זען. אפשר וועט נאָך קומען אַ טאָג, ווען מיר וועלן זיך נאָך קענען אַרומנעמען, זיך דערמאָנען אונזער יוגנט-צייט, אונזער גאָלדענע צייט פֿון אַמאָל. מיר וועלן דעמאָלט רעדן פֿון אונזער יוגנט און האָפֿענונג, וואָס איך רייס איצט אַרויס פֿון מיין פֿאַרבלוטיקט האַרץ און באַגראָב. וועל איך שוין קיינמאָל מער נישט נעמען קיין פֿעדער אין מיין האַנט? איך מיין, אַז דאָס וועט מעגלעך זיין ערשט אין פֿיר יאָר אַרום. אין פֿאַל איך וועל עפּעס פֿריער אָנשרייבן, וועל איך דיר דאָס איבערשיקן. זאָל שוין זיין בעסער פּופֿצן יאָר פֿינסטערע תּפֿיסה. נאָר צו קאָנען האַלטן אַ פֿעדער אין האַנט.

„שרייב מיר אָפֿטער און אויספֿירלעכער. שרייב אַ סך. שטעל זיך אָפּ אין דיין שרייבן אויף דער קלענסטער פֿאַמיליען-געשעעניש, אויף די באַנאַלסטע זאַכן. פֿאַרגעס מיך נישט. דאָס וועט מיר צוגעבן האָפֿענונג אין לעבן. ווען דו וואָלסט געוווּסט וויפֿל מוט צום לעבן דיינע בריוו האָבן אין מיר אַריינגעבלאָזן זייענדיק אין תּפֿיסה! די לעצטע צוויי חדשים, ווען יעדע קאָרעספּאָנדענץ איז מיר געווען פֿאַרבאָטן, זענען געווען זייער שווער אַריבערצוטראָגן, און איך בין קראַנק געווען. ווען עס פֿלעגט אַמאָל נישט אָנקומען פֿון דיר קיין געלט, פֿלעג איך מיך זאָרגן פֿאַר דיר. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דו געפֿינסט זיך אין גרויס נויט. נאָך אַמאָל קוש דיינע קינדער, זייערע טייערע קליינע פּנימלעך, פֿאַרלאָז נישט מיינע געדאַנקען! הלוואי זיי זאָלן גליקלעך זיין. און אויך דו, ברודער, זיי גליקלעך! נאָר אין גאָטס נאָמען! זאָרג זיך נישט און פּייניק זיך

*) די מוטער פֿון דיכטער מאַיקאָוו.

נישט צוליב מיר! ווייס, אַז די האָפענונג פאַרלאָזט מיך נישט. אין פיר יאָר אַרום וועט מיין גורל זיין גרינגער צו פאַרטראָגן. איך וועל דעמאָלט זיין אַ פשוטער סאָלדאַט און נישט קיין קאַטאָרזשניק. און פאַרגעס בכלל נישט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען איך וועל דיר קענען אַרומנעמען. בין איך דען נישט געווען היינט אין משך פון דרייפערטל שעה נאָנט צום טויט? איך האָב זיך שוין געהאַט איינגעלעבט מיטן געדאַנק; דער געדאַנק האָט מיך געהאַט באַגלייט ביז צו דער לעצטער סעקונדע, און — איך לעב פון דאָס ניי!

„אויב עס קלערט ווער פון מיר שלעכט, אויב איך האָב זיך מיט וועמען געקריגט, אויב איך האָב אויף וועמען שלעכט געווירקט, — זאָלן זיי, אויב עס קומט דיר אויס מיט אַזעלכע צו טרעפן — זאָלן זיי אַלץ פאַרגעסן. אין מיין נשמה איז נישטאָ קיין פאַרביטערונג און האַס. איך וואָלט איצט אַזוי געוואָלט אַרומנעמען און קושן איינעם פון מיינע אַלטע פריינט. איך האָב היינט איבערגעלעבט די דאָזיקע פרייד אין מיין האַרץ, ווען איך האָב זיך געזעגנט פאַרן טויט מיט מיינע צוויי פריינט, וואָס זענען מיר טייער. אין דער רגע האָב איך געטראַכט אַז די נייעס וועגן מיין עקזעקוציע וועט דיך דערהרגענען. נאָר באַרויִק זיך, איך לעב נאָך, און אין דער צוקונפט וועל איך לעבן מיט דער אידייע אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען איך וועל דיך האַלזן. דאָס איז איצט מיין איינציקער געדאַנק. וואָס טוסטו? פון וועמען האָסטו היינט געטראַכט? האָסטו וועלכע נייעס פון אונז? ווי קאַלט היינט איז אין דער פרי!

„אָ! ווען דער בריוו זאָל צו דיר גיכער קענען אָנקומען! אַנדערש וועט מיר אויסקומען צו וואַרטן קנאַפּע פיר חדשים, ביז איך וועל האָבן פון דיר אַ ידיעה. איך האָב געזען דעם פּאַקעט, אין וועלכן ס'איז אָנגעקומען דאָס געלט. דער אַדרעס איז געווען מיט דיין האַנט געשריבן. אַ פרייד האָט מיך אַרומגענומען זעענדיק, אַז דו פילסט זיך גוט. און ווען איך טראַג

זיך אַריבער אין דער פֿאַרגאַנגענהייט און טראַכט וויפֿל צייט ס׳איז פֿאַרשווענדעט געוואָרן אויף גאָרנישט. וויפֿל צייט ס איז פֿאַרלוירן געוואָרן אויף בלאָנזשען, אויף פֿעלערן, וויפֿל ליידיק־גייעריי און אומפֿעיִקייט צום לעבן, ווי ווייניק איך האָב אָפּגעשאַצט די צייט און וויפֿל מאָל איך האָב געזינדיקט געגן מיין האַרץ און גייסט — בלוטיקט מיר מיין האַרץ. דאָס לעבן איז אַ געשאַנק! דאָס לעבן איז אַ גליק. יעדע מינוט וואָלט געקענט זיין אַן אייביקייט פֿון פֿרייד.

„ווען די יוגנט זאָל וויסן! פֿון איצט אָן, אַז מיין לעבן אַנדערשט זיך, וועל איך צוריק אויפֿלעבן אין אַ נייער פֿאָרם. ברודער! איך באַשווער דיך צו דערהאַלטן די ריינקייט פֿון דיין נשמה! איך וועל זיך איבערשמעלצן צום בעסערן. אין דעם איז מיין גאַנצע האָפֿענונג! מיין גאַנצע טרייסט!

„דאָס לעבן אין די קאַזאַמעטן האָט שוין דערהרגעט אין מיר אַ גרויסע צאָל קערפּערלעכע פֿאַרלאַנגען, וועלכע זענען נישט גאָר ריין. איך בין איצט אין אַ מצב פֿון גרינגן פֿאַרטראָגן זייער באַזייטיקונג, דערפֿאַר דאַרפֿסטו נישט קלערן, אַז אַ וועלכע ס׳איז מאַטעריעלע שוועריקייט איז בכוח מיך צו דערהרגענען. דאָס איז נישט מעגלעך. אָ! זיי געזונט!

„אדיע, ברודער, אַדיע! איך האַלז דיך זייער שטאַרק. איך דריק דיך אין מיינע אָרעמס. טראַכט פֿון מיר אָן עגמת נפש אין האַרץ. איך בעט דיך זיי נישט פֿאַרטרויערט, זיי נישט פֿאַרזאָרגט צוליב מיר. אין מיין נאָענטן בריוו וועל איך דיר שרייבן ווי אַזוי איך לעב. געדענק אין דעם וועגן וואָס מיר האָבן צוזאַמען גערעדט. לעב נישט מיטן בלויזן טאָג. ברענג נישט אויס קיין לעבן. ברענג אַריין אָרדנונג אין גורל. געדענק אין דיינע קינדער! אָ! ווען איך וואָלט געקענט, ווען איך וואָלט בלויז געקענט זיי זען!

„אַדיע! איך רייס איצט אַרויס פֿון מיין האַרץ אַלץ, וואָס איז מיר טייער. איך מוז זיי פֿאַרלאָזן! עס טוט וויי זיך צו לאָזן איבערשניידן אויף צוויי העלפֿט, צו צערייסן דאָס האַרץ אין צווייען!

„אַדיע! אַדיע!

„אָבער איך וועל דיך נאָך צוריק זען. איך בין אין דעם זיכער, איך האָף עס. האָב מיך ליב! ווער נישט גלייכגילטיק. דער געדאַנק פון דיין ליבשאַפט וועט זיין דער שענסטער טייל אין מיין לעבן.

„אַדיע! נאָכאַמאָל אַדיע! אַדיע אַלעמען!

דיין ברודער

פ. ְאָדאָר ד ָאָס ט אָ י ע וו ס ק י *)."

דערדאָזיקער לאַנגער כאַאָטישער בריוו מיט די כסדרדיקע איבערחזרונגען, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם איבערגעלעבטן מאָמענט. פאַר מאָמענטאַלע געפילן און געדאַנקען. קיין טיף קינסטלערישע עמפינדונגען האָט אָבער דער בריוו נישט געבראַכט און נישט געקענט ברענגען. דאָס האָט ערשט געדאַרפט קינסט-לעריש איבערגעקאָכט ווערן ביז ס'איז געקומען צום אויסדרוק מיט אַ סך יאָרן שפּעטער אין זיין „אידיאָט".

אָבער דערווייל איז פאַר דאָסטאָיעווסקין קלאָר געוואָרן, וואָס באַטייט אַזוינס זיין נייע שטראָף, וואָס עס מיינט: ס י ב י ר.

די שרעק אָבער, די דורכגעלעבטע, האָט איבערגעלאָזט איר רושם אויף זיין גאַנץ לעבן. דאָ דאַרף מען אויך זוכן די סיבה פון זיין שפּעטערדיקער עפּילעפּסיע, וואָס האָט אים שוין קיינמאָל נישט פאַרלאָזט.

נאָר דאָסטאָיעווסקיס טיפער רעליגיעזער גלויבן, האָט מעג-לעך געמאַכט אַז זיין שוואַכער אָרגאַניזם זאָל איבערטראָגן די קאַטאָרגע, דערצו נאָך מיט אומגעוויינלעכער שטייפקייט און רויִקייט.

פאַר דאָסטאָיעווסקין איז קלאָר, וואָס עס באַטייט אַזוינס

*) איך האָב בכיון געבראַכט דעם בריוו אינגאַנצן ווייל ער איז אין פרגעץ ביז איצט נישט געווען געדרוקט. ער איז לעצטנס געפינען געוואָרן.

א. ב.

זיין נייע שטראָף. דאָס איז: פאַמעלעכדיקער טויט, דורך אַן עלנט מיאוס לעבן, פאַרוויגט אין מאָנאָטאָנעם קייטן-קלאַנג, אין לאַנגע רייען פון מענטשן מיט גאָלע קעפ; קללות פון וועכטער, זידל-לשון פון חברים, באַגלייט מיט שטענדיקע קלעפ; לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט, פאַרוויגט אין די שרעקלעכסטע מעשיות, וועגן די ווילדסטע פאַרברעכנס; און פרעסנדיקע חיהלעך פייניקן דעם גוף; דער האַרטער מאַטראַץ און די פאַרסמטע לופט דורכן נאַכט-טאָפּ און שטוציק-שווייסיקע אַרעסטאַנטן-לייבער... און ביים אויפשטיין יעדן פרימאָרגן דאָס איילּיקע איבערקוקן די זאַכן צי האָט נישט ווער עפּעס צוגעגנבעט. און ווידער דער אָן ציל אומענדלעכער-לאַנגער אַרבעט-טאָג, און צו דעם אַלעם — די אייזקאַלטע פאַראַכטנדיקע באַציִונג צו אים מצד די אַרעסטאַנטן ווי צו אַ פּריץ... גאָט, צי קען זיין עפּעס שרעקלעכערס ווי דער דאָזיקער הסד פון צער?.. וועט ער, אַזאַ שוואַכער, געבראָכענער אין גייסט, דאָס אויסהאַלטן? שטאַרקערע זענען דאָך אומגעקומען פון שווינדזוכט און נאָך מערער — פון יאוש, וואָס וואַקסט אין אַזעלכע באַדינגונגען.

נאָר אים ווערט מיטאַמאָל קלאָר, אַז ער וועט נישט נאָר אויסהאַלטן, נאָר, אַז ער וועט דאָ אינגאַנצן געלייטערט ווערן, טראַנספאָרמירט אין אַ נ י י ע ם מענטש; ס'וועט פאָרקומען יענער תחית-המתים פון זיין נשמה, נאָך וועלכן ער האָט אַזוי געבענקט. „און אפשר, — האָט דאָסטאָיעווסקי שפּעטער געזאָגט צו מאַרקאָוון: — אפשר איז דאָרט אויבן נויטיק געווען מיך צו שיקן אויף קאַטאָרגע, כּדי צ פּ ע ס געוואָר צו ווערן... אפשר דעם סאַמע עיקר, אָן וואָס מען קען נישט לעבן"?..

און אין דאָזיקן אומגליק געפינט דאָסטאָיעווסקי דעם שליסל צו זיין גליק, און ער שרייבט שפּעטער, נאָך פיר יאָר סיביר, צו זיין ברודער:

„טייערער! געדענקסט ווי מיר האָבן זיך געזעגנט? פונקט האַלבע נאַכט, צו ניי-יאָר, האָט מען מיר אַרויפגעלייגט די קייטן אויף די פוס... כ'בין געווען לחלוטין רויִק, ווייל ביי יעדן נייען

טריט אין לעבן אריין, פילסטו אַזאַ מאָדנע אויפגעוואַכטקייט און נעזונטקייט... אויב דו מיינסט, אַז איך בין נאָך אַזאַ מעלאַנ־כאָליקער ווי פריער — האָסטו אַ גרויסן טעות! ס'איז כמעט נישט געבליבן קיין זכר פון דעם אַלעם"...

און דאָס אַלץ — גראָד דעמאָלט ווען ס'האָט זיך ביי אים שטאַרק אַנטוויקלט די עפּילעפּסיע, יענע קראַנקהייט, וועלכע עס טראָגט איינער פון זיינע שפּעטערדיקע שענסטע העלדן: פירשט מישקין.

3

צווישן די כאַראַקטעריסטישע פּסיכאָלאָגישע אייגנאַרטי־קייטן, וועלכע דאָסטאָיעווסקי אַנטפּלעקט פאַר אונז אין דער נשמה פון רוסישן פאָלק, פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט די אי־דייע פון ליידן, פּשוט: פריייוויליקע אויף זיך גענומענע ליידן לשם ליידן, אין נאָמען פון אַ געוויסער ליידנס־אידייע...

פאַראַן ביי דאָסטאָיעווסקין אַ פאַרשוין אין סיבירער קאַ־טאָרגע, וועלכער פאַרהאַלט זיך אַ לאַנגע צייט זייער רויק, לייענט גאַנצע נעכט די ביבל און — וואַרפט זיך לסוף אויף זיין מאַיאָר מיט אַ ציגל, כדי באַשטראָפט צו ווערן. אין דריי טעג אַרום נאָך דער באַשטראָפונג שטאַרבט ער טאַקע. אָבער פאַרן טויט זאָגט ער, „אַז ער האָט נישט געהאַט אויף קיינעם און אפילו נישט אויפן מאַיאָר, קיין שלעכט האַרץ. מער נישט— ער האָט געוואָלט ליידן"... אויף דעם אָרט גיט דאָסטאָיעווסקי נישט קיין קאָמענטאַרן. ער באַנוגנט זיך מיט די פאַקטן גופא. אָבער ערגעץ אַנדערש, אין „קאַראַמאַזאָוו" למשל, אַנטוויקלט ער ברייט די אידייע פון ליידן. ער דערפירט עס ביז אַ קולט, ביז אַ וועלט־באַנעם. און מיט אָט דעם דאָזיקן באַנעם פון דער ליידנס־אידייע, צייכנט זיך אויס דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק,

דאָס הייסט: יענע ברייטע שיכטן פון די פשוטע פאַרגרעבטע פאָלקס-מאַסן, וועלכע ער האָט ערשט דערקענט און געלערנט אין סיביר. אָט יענע פאַרברעכער, קאַטאָרזשניקעס, וועגן וועלכע ער שרייבט אין אַ בריוו פון 1856: „דאָס איז געווען דאָס רוסישע פאָלק, מיינע ברידער אין אומגליק"... און ער שטאָלצירט אפילו מיט אָט דער אייגנשאַפט, וועלכע מאַכט נאָך דאָסטאָיעווסקיס איבערצייגונג, דאָס רוסישע פאָלק פאַר אַן אתה-בחרתנו-פאָלק, אין געגנזאַץ צו די איבעריקע פעלקער, וועלכע באַקעמפן לויט זיין מיינונג די ליידן אַלס אידייע... און דאָסטאָיעווסקי האַלט, אַז דער דאָזיקער קולט איז דאָס אמתע קריסטנטום, די פּראַוואָסלאַוויע „וואָס ווער עס פאַרשטייט איר נישט, דער וועט קיינמאָל נישט פאַרשטיין דאָס רוסישע פאָלק, וועט עס נישט קענען ליב האָבן". אָט דאָס פאָלק, וואָס ליידט אַזוי-פיל וואַרטנדיק אויפן נ ס. „דער מענטש זוכט נישט אַזויפיל גאָט, ווי דעם נס" — זאָגט דער גרויס-אינקוויזיטאָר אין „קאַראַמאַזאָוו". און ער אַליין, דאָסטאָיעווסקי, קערט זיך אויך אום צו גאָט שטענדיק ווען ס'איז אים שלעכט. דאָס דאָזיקע לערנט ער זיך טאַקע אין סיביר צווישן די קאַטאָרזשניקעס, וועלכע, ביי זייער גאַנצער פאַרברעכערישקייט, וואָס איז ביי מאַנכע דערגאַנגען ביז סאַדיסטישער בעסטיאַלישקייט, הערן דאָך נישט אויף צו גלויבן אין גאָט און נישט דערפאַר, וואָס מען איז איבערצייגט, נאָר פאַרקערט: מען גלויבט, ווייל דאָס שאַפט די איבערצייגונג... און אין דעם פּרט איז דאָסטאָיעווסקי גערעכט: שטענדיק און אומעטום, איז דער פאַרברעכער-עלעמענט להוט נאָכן גלויבן. דאָ ווירקט קודם כל די אָפּגעשטאַנענקייט און אומבאַוואוסטזיניקייט לגבי לעבנס-דערשיינונגען. צוליב דעם באַטראַכטן זיי דאָס אומגליק אַלס שטראָף פון גאָט, און — אין זייער געזעלשאַפטלעכער פאַרשטויסנקייט בלייבט זיי נישט מער ווי זיך פילן נאָענט צו גאָט, בפרט ווען די קירכע העלפט צו אין דעם, לויערנדיק אויף די נשמות פון די דאָזיקע קרבנות... וועגן דעם רעדט אויך דאָסטאָיעווסקי שפּעטער אין „קאַראַמאַ-

זאָוו״. און אין דעם שטעקט אָן אמת, ווייל די געזעלשאַפט באַמיט זיך אונטערצוהאַלטן דעם גלויבן ביים פשוטן פאָלק.

דאָסטאָיעווסקי איז דערמיט צופרידן, און אין „אידיאָט״ בייזערט ער זיך אפילו, פאַרוואַרפנדיק די מערב־איראָפּעישע פעלקער זייער אַטעיִזם, מיט וועלכן אויך פאַרברעכער זענען דורכגעדרינגען... דאָס פאָלק, מיינט דאָסטאָיעווסקי, קען אָן גאָט נישט לעבן. „ווי אַזוי וועל איך לעבן אין די טיפענישן פון דער ערד אָן גאָט — פרעגט דימיטרי קאַראַמאַזאָוו אין תפיסה — ווי קען איך לעבן אויף דער ערד אָן גאָט״? און דאַריבער — דאַריבער האָט דאָס דערנידריקטע און באַליידיקטע פאָלק אַזוי ליב דעם, וועמענס קאָפּ ס׳איז געווען באַצירט מיט אַ דערנער־קראַנץ ..

אָט די קאָנצעפּציע פון דער נויטיקייט פאַר אַלגעמיינע ליידן, ווערט אים אויך קלאָר אויף קאַטאָרגע, צווישן די אומציייליקע געשמידטע מענטשן, להיפּכדיקע לויטן כאַראַקטער און לויט די באַדערפענישן, אָבער אַלע פאַראייניקט פון איין צענטראַל־אידייע: ליידן! און אין די קייטן זענען דאָך אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן, געשמידט דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק, יענע אַלע צענדליקער מיליאָנען, וועלכע באַוועגן זיך אפילו מחוץ די תפיסה־ווענט פון קאַלטן סיביר. זענען דען פאַראַן ווינציק צווישן די „פרייע״, וועמעס לעבן ס׳איז נישט ווייניקער אומדערטרעגלעך ווי אין תפיסה? דרוקט דען נישט אויף זיי אַלע ווער יאָך פון הונדערטער יאָריקער קנעכטשאַפט? און געפינען דען נישט אַ סך פון זיי, אַריינפאַלנדיק אין קאַטאָרגע, אַ מקום מנוחה און פאַרלייכטערונג פון זייערע יסורים?..

יאָ, דאָס רוסישע פאָלק צייכנט זיך אויס מיט דער סבלנות פון ליידן, אפשר מער ווי אַנדערע פעלקער, הגם יענע ליידן נישט ווייניקער. אָבער ביי יענע דערגייט עס נישט ביזן עקסטרעם פון מאַכן דערפון אַ ק ו ל ט, בפרט ווען עס לאָזט זיך דערפון בשום אופן נישט מאַכן קיין א י ד י י ע... ווייניקסטנס,

נישט קיין לעבעדיקע אידייע, ווייל אַן אידייע פון בלינדן גלויבן אין עפּעס אַ מעטאַפיזישער יענער-וועלטיקער האַרמאָניע, צוליב וועלכן דאָס לעבן פון אַלע עקזיסטירנדיקע דורות דאַרף זיך פייניקן — בפרט, ווען דאָס פייניקן זיך איז פאָרט נישט אָבלי־גאַטאָריש פאַר אַ ל ע מ ע ן און איז חל נאָר אויף די אָרעמע — איז דאָס שאַפן דערפון אַ קולט נישט נאָר אומנויטיק, נאָר טאַקע שעדלעך, און די שעדלעכקייט ליגט טאַקע אין דאָסטאָיעווסקיס מאַכן דערפון אַ פעטיש, אַ חוק ולא יעבור, שטאָט, וואָס עס וואָלט געדאַרפט זיין פאַרקערט: עפענען דעם פאָלק די אויגן, אָנווייזן אויף דער שרעקלעכקייט פון דאָזיקן אָבער־גלויבן און זוכן עס צו באַקעמפן.

אָבער ס'איז שווער צו עלכעס צו דערוואַרטן פון דאָסטאָיעווסקין דעם מיסטיקער. ער איז מיט זיין גאַנצער נשמה איינער פון יענע מאַסן מיט וועלכע ער לעבט צוזאַמען אין סיביר און וועלכע האָבן מיט זייער גלויבן געשטאַרקט זיין קראַנקער נשמה...

דאָסטאָיעווסקי איז נישט קיין קאַמפס־נאַטור. ער איז נישט להוט צו פאַרמעסטן זיך אויסצוואָרצלען די אַלע שרעקלעכקייטן פון לעבן. ער ווייזט בלויז אָן אויף זיי, און דעם אויספיר צו מאַכן בלייבט שוין פאַר אַנדערע, און נישט דווקא אַזאַ אויספיר, ווי דאָסטאָיעווסקי האָט געמיינט. דאָס האָט אונז שוין געוויזן די רוסישע ווירקלעכקייט, וועלכע האָט אַ גאַנץ אַנדערן אויספיר געמאַכט פון דער ליידנס־קאָנצעפציע... דאָסטאָיעווסקי, אָבער, האָט אונז געוויזן דעם מהות פון דער רוסישער נשמה: „נאַ זע, אַזוי זעט עס אויס. אַנדערש ווי אַלע אַנדערע? — אָבער צורירן זיך דערצו זאָלסטו נישט. ס'איז הייליק. און אַזוי דאַרף עס בלייבן"... האָט אָבער די דאָזיקע קאָנצעפציע פון ליידן געמוזט פלאַצן, זיך אָנשטויסנדיק אין פאָלקס־דראַנג צו געפינען אַ ר ע אַ ל ן, ד ע ר - ו ו ע ל ט י ק ן אויסגאַנג צו די ליידן. דאָס איז די נקמה פון לעבעדיקן לעבן איבער מעטאַפיזישע פשטלעך...

אין פּרט פון פּאַסיווקייט און רעזינגאַציע, אונטערשיידט זיך דאָסטאָיעווסקי פון טאָלסטאָיען, וועלכער, הגם, אין תּוך אויך אַ גלויביקער, האָט אָבער אין לעבן מיטגעמאַכט אַלע גלגולים, אַלע אידייען דורכגעלעבט און ביי קיינעם זיך לאַנג נישט אָפּגעשטעלט. ער איז אָבער אין אַלע פאַלן געווען רעוואָלוציאָנער געגנוג צו דערקלערן קאַמף דאָס אַלטע און שרעקלעכע און געפינען דעם אויסגאַנג פון די פאָלקס-ליידן אין לעבעדיקן לעבן, אין איבעראַנדערשונג פון לעבן אויף רעוואָלוציאָנערע יסודות.

און דאָסטאָיעווסקי: — ער האָט געמאַכט איין מער סטיכישן ווי באַוואוסטזיניקן טריט און שוין זיך אָפּגעקערט *)... שוין זיך אויפסניי פאַראַנקערט אין דער אידייע פון ליידן לשם ליידן... געזען אין דעם תּוך פון דער פאָלקס-נשמה און די נישט-בויטיקייט עס צו ענדערן. און אויב ער האָט זיך שוין יאָ פאַרגעשטעלט זיין פאָלק אַ רעוואָלוציאָנערס, וואָס וועט סוף כּל סוף איבעראַנדערשן דאָס לעבן, איז... אויך נאָר אין הסכּם מיט זיין פּראַוואָסלאַוויע, וואָס וועט באַהערשן די וועלט... נאָך דעם אַלעם וואונדערט מען זיך נישט מער דערויף, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שלעכטן נביא. און בלויז איין דור נאָך זיין טויט, האָט זיין פאָלק באַוויזן דאָס פאַרקערטע פון זיין נביאות; געוויזן, אַז די מאָס פון ליידן לשם ליידן איז איבערגעפולט און אַז די פּראַוואָסלאַוויע וועט דאָס לעבן נישט באַהערשן... אין אָט דעם פּרט איז גערעכט די מיינונג פון איליאַ ערענבורג — אַליין געגן זיין ווילן אַ שילדערער פון דאָסטאָיעווסקישע טיפּן — וועלכער מיינט, אַז פאַרן נייעם נאָך-רעוואָלוציע אונטערוואַקסנדיקן דור פון רוסישן פאָלק, הערט דאָסטאָיעווסקי אויף צו זיין פאַרשטענדלעך און ממילא אויך דער וועג-ווייזער...

---

*) צוריקקומענדיק פון סיביר, זיך באַזעצנדיק אין מאָסקווע, שטעלט זיך אַפילו דאָסטאָיעווסקי אויף דער רעגירונגס-זייט, אין דער זייט פון די פאָלקס-תּליינים... ער נעמט זיך אַפילו באַקעגנפן ניהיליזם.

יאָ. אידעיש לעבט זיך דאָסטאָיעווסקי אויס ביים נייעם דור, אָבער, אין אַלע פּרטים פון פּסיכאָלאָגישן נשמה-דערקענטעניש פון זיין פאָלק, בלייבט דאָסטאָיעווסקי אין זיין גאַנצער גרויס.

דאָס לעבן האָט זיך איר לאָגיק און איז זיך אָפּט נוקם אין די, וועלכע באַקעמפן עס עקשנותדיק אין נאָמען פון אַבסטראַקטע אידייען.

4

ס'איז שווער זיך קלאָר צו מאַכן דעם פאַקט, וואָס האָט געקענט באַוועגן דאָסטאָיעווסקין, אַז אומקערנדיק זיך פון סיביר (1859) און אָנהייבנדיק רעאַליזירן זיינע פּלעגער וועגן גרויסע ליטעראַרישע ווערק, זאָל ער זיך שטעלן אויף דער זייט פון דער רעגירונג. שוין זשע... צוליב דעם צאַרס „חסד", וואָס האָט אים פאַרביטן די טויט-שטראָף אויף קאַטאָרגע?.. אַזוי מיינען, וואָלט אפשר געווען אַ פּראָפאַנאַציע. מוז מען דאַריבער אָננעמען, אַז שולדיק איז זיין מיסטיציזם בכלל, דאָס געפינען אין די סיבירער ליידן דעם זינען פון לעבן... ביי קראַנקע, נישט קעמפערישע נאַטורן, איז אַזעלכעס נישט אויסגעשלאָסן. אַלנפאַלס איז עס איינס פון די זיג-זאַגישע סתירות אין דאָסטאָיעווסקיס לעבנס-וועג.

דערפאַר, נעמענדיק אין אַכט דעם דערמאָנטן פּרט אַלס פאַקט, ווערט קלאָר דאָס, וואָס איבערן גאַנצן בוך „זכרונות פון טויטן הויז", דעם גאַנצן אוצר פון פאַקטן, מאַטעריאַלן, טיפּן און געשטאַלטן, וועלכע גיבן אַ לעבעדיק בילד פון דער צארישער קאַטאָרגע — שוועבט דער גייסט פון רויִקייט, פון זאַפּלעכע באַטראַכטונגען, שילדערונגען און מיינונגען, אָן שיין פון פּראָטעסט און שאַרפקייט, ווי מען קען עס דערוואַרטן פון אַ

בונטאַרער נשמה, וועלכע זעט די זינלאָזיקייט און טעמפּע אכזריות, וואָס ליגט אין באַגריף „קאַטאָרגע".

די שוידערלעכסטע זאַכן דערציילט דאָסטאָיעווסקי אַזוי רויִק, מיט אַ טאָן פון קינסטלערישער אָביעקטיוויקייט, ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט נישט אין פּערזענלעכע שווערע איבערלעבונגען, נאָר אין אַבסטראַקטע חקירות.

אָבער, דאָ האַנדלט זיך נישט נאָר אין זיינע פּערזענלעכע ליידן, נאָר אין די ליידן פון רוסישן פאָלק, פון יענע אַלע פאַרפּינסטערטע שקלאַפן, וועמען דאָס לעבן גרייט צו אַלס פאַר־ברעכער און זיי מוזן דערנאָך אָפּקומען פאַר די זינד פון זייערע אונטערדריקער... פון דעם אַלעם איז ביי דאָסטאָיעווסקין קיין סימן נישטאָ. ער דערציילט פּשוט, קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגיש ווי ער איז עס בכוח. ער גיט אַמאָל אַ זאָג אַריין אַ וואָרט, וועגן דער אומנויטיקייט פון געוויסע מעטאָדן, וואָס ווערן אָנגעווענדט לגבי די אַרעסטאַנטן — און פּטור. ס׳איז אָבער נישטאָ דאָס שטאַרקע בונטאַרישע וואָרט פון אַ קעמפער.

דאָך, כדי צו זיין גערעכט מוז געזאָגט ווערן וועגן איין פּרט, וועגן וועלכן דאָסטאָיעווסקי זאָגט זיך זייער שאַרף אַרויס — וועגן פּראָבלעם פון טיראַנאַי אַלס כלל, אַלס נאַטירלעכער עגאָיִסטישער אינסטינקט ביים מענטשן, וועגן דעם חיהשן אינסטינקט, וואָס ליגט טיף אין דער נשמה און איז נישט אַזוי גרינג אויסצוואָרצלען. מיט דער דאָזיקער חיהשקייט, מיינט דאָסטאָיעווסקי, זענען דורכגעדרינגען אַלע אָן אויסנאַם מענטשן — אויף קאַטאָרגע צי מחוץ איר, — אפילו די מאָ־דערנסטע, די „דזשענטלמייט", ווי ער רופט זיי. אַלע שטרעבן זיי צו באַזיצן מאַכט, די מאַכט פון הערשן איבער אַ צווייטן מיט־מענטש.

„פאַרצן מענטשן — זאָגט דאָסטאָיעווסקי — וואָס לעכצן ווי טיגערס צו לעקן בלוט. ווער ס׳האָט איינמאָל אויסגענוצט אָט די מאַכט, אָט די אומבאַגרענעצטע ממשלה איבערן גוף, בלוט און גייסט, פון אַזאַ בשר ודם ווי ער אַליין; ווער ס׳האָט

אויסגענוצט די מאַכט אין פולער מעגלעכקייט צו דערנידעריקן מיט דער גרעסטער דערנידערונג אַ צווייט וועזן, וואָס טראָגט אויף זיך דעם צלם אלהים — יענער ווערט שוין נישט ווילנ־דיק אָנמאַכטיק אין זיינע פּילונגען. טיראַנאַי איז אַ געוואוינקייט: זי האָט די אייגנשאַפט זיך צו אַנטוויקלען און אַנטוויקלט זיך סוף כל סוף אין אַ קראַנקהייט." „איך האַלט — זאָגט דאָסטאָ־יעווסקי — אַז דורך דער געוואוינקייט קען דער בעסטער מענטש פאַרגרעבט און פאַרטעמפּט ווערן ביז אַ חיה. בלוט און מאַכט פאַרשיכורן: זיי אַנטוויקלען פאַרדאָרבנקייט און זנות, זיי באַ־קומען שליטה איבערן שכל און געפיל. מענטש און בירגער ווערן אויף אייביק פאַרלוירן אינם טיראַן. און דער צוריקקער צו חרטה, צו אויפלעבונג ווערט פאַר אים כמעט אוממעגלעך. די מעגלעכקייט פון אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט ווירקט אָנשטעקנ־דיק אויף דער גאַנצער געזעלשאַפט: די געזעלשאַפט, וואָס קוקט גלייכגילטיק אויף אַזאַ דערשיינונג, איז שוין אַליין אָנגעשטעקט אין איר יסוד. קורץ: דאָס רעכט פון לייב־שטראָף, וואָס ווערט געגעבן איינעם איבערן צווייטן, איז איינע פון די מכות פון דער געזעלשאַפט, איינע פון די שטאַרקסטע אַטריבוטן פאַר אומ־באַדינגטער נישט־אָנוועגנדיקער צעפאַלונג".

קלאָר, אַז מיט די דאָזיקע ווערטער האָט דאָסטאָיעווסקי געצילט אַ סך ווייטער און ברייטער פון זיין ענגן קאַטאָרגע־קרייז און די פאַרשווינען אויף וועמען ער האָט דאָס אַלץ גע־קענט מערקן. דאָס האָט ער געצילט צו דער שקלאַפעריי, צום לייב־אייגנטום אַלס אַלגעמיין סיסטעם פון רעגירונגס־מאַכט, וואָס האָט דעמאָלט נאָך עקזיסטירט אין רוסלאַנד. גראָד דעמאָלט האָט זיך דער קאַמף וועגן אָפּשאַפן אָט די באַרבאַרישע פאָרם, שטאַרק צעשפּילט אין רוסלאַנד. קורץ דערנאָך — 1863 — ווערט עס טאַקע אָפיציעל אָפּגעשאַפט, הגם נישט אָפיציעל זענען די צענד־ליקער מיליאָנען פויערן־מאַסן ווייטער געבליבן אויסגעשטעלט אויפן חסד פון פריץ, צו וועמען די גאַנצע ערד האָט אַלץ געהערט...

דאָסטאָיעווסקי האָט אַלזאָ מיט דער דערמאָנטער קריטיק איבער טיראַנאַי, געמיינט דאָס אַלגעמיינע בילד פון רוסישן לעבן.

אָבער נישט בלויז קריטיק מיינט דאָס דאָזיקע.

די דאָזיקע געדאַנקען זענען בכלל אין תוך אַ נ אַ ר כ י ס-ט י ש: וועגן דער אומפּאַרמיידלעכער טיראַנאַי, וואָס איז איינגעשלאָסן אין יעדע רעגירונגס־מאַכט, און דאָס איז נאָך מער כאַראַקטעריסטיש פאַר דאָסטאָיעווסקין. ס'איז אָבער פאָרט אין סתירה צו זיין ליידן-קאָנצעפּסיע... ווייל ס'מוז קלאָר ווערן, אַז באַזייטיקן די סבות פון ליידן, פון אונטערדריקונג, הייסט באַזייטיקן אויך די א י ד י י ע פון ליידן, הייסט פאַרוואָרפן דעם אַרומגעהילטן מיסטיציזם און פאַרוואַנדלען עס אין אייגנטלעכן מהות: אין אַ סאָציאַל פּראָבלעם, פון געראַנגל צווישן אונטערדריקער און אונטערגעדריקטע; ס'הייסט שטעלן זיך אויפן יסוד פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף געגן אָט דער טיראַנאַי, ווייל נאָר דאָס איז בכוח צו באַזייטיקן, אויב נישט אַ ב ס אָ ל ו ט, איז ווייניקסטנס אָפּשוואַכן די געגנזייטיקע מענטשלעכע פּייניקונג. אָבער, וואָס קען דאַ העלפן דאָסטאָיעווסקיס מיסטישע ליידן-קאָנצעפּסיע צוליב אַ מעטאַפיזישן צוועק? וואָס העלפן פּרעטענזיעס צו דער געזעלשאַפט, וועלכע דולדעט אַזאַ סיסטעם? קען דען די געזעלשאַפט אַנדערש?..

און רעדנדיק ווייטער וועגן תּלינים זאָגט דאָסטאָיעווסקי:

„מיט אַ תּליון מיאוסט זיך די געזעלשאַפט. אָבער מיט אַ תּליון אַ דזשענטלמאַן מיאוסט מען זיך שוין גאָרנישט. אפילו די, וועלכע זאָגן זיך אַרויס געגן אים, האָבן נאָך נישט באַוויזן אין זיך אויסצולעשן דעם ווילן צו געוואַלטיקן. יעדער פאַבריקאַנט, יעדער אונטערנעמער, דאַרף אומבאַדינגט פילן דעם תּענוג דערפון, וואָס זיין אַרבעטער איז אינגאַנצן אָדער טיילווייז מיט זיין פאַמיליע אָפּהענגיק בלויז פון אים“...

און ווייל דאָסטאָיעווסקי גלויבט נישט אין רעוואָלוציאָנערן אויפוואַכן פון אונטערדריקטן מענטש צו אַ רעוואָלוציאָנערן

באוואוסטזיין אין קאמף — ענדיקט ער אזוי סקעפטיש:

„נישט אזוי גיך וועט זיך דער דור אפרייסן פון דעם, וואס זיצט אין אים בירושה; נישט אזוי גיך זאגט זיך דער מענטש אפ פון דעם, וואס איז אים איבערגעגעבן געווארן מיט דער מאמעס מילך. אזעלכע גיכע איבערקערענישן קומען נישט פאר. דערקענען דעם משפחה-פעלער איז נאך ווייניק. מען דארף זיך פון אים אינגאנצן באפרייען און דאס מאכט זיך נישט אזוי גיך"...

5

איך האב א ביסל לענגער ציטירט דאסטאיעווסקיס פארמולירונגען, וועגן דער מענטשלעכער איינגעבוירענער שלעכטקייט און הערשאפט-שטרעבונג, ווייל אין דעם ליגט דער תוך פון דאסטאיעווסקיזם, פון זיין באזונדערן נוסח ביים אריינדרינגען אין דער מענטשלעכער נשמה. דאס זעלבע פארמולירט זיך אין די מערסטע פון זיינע ווערק, דאס איז דער עצם-יסוד פון זיין וועלט-באנעם, פון דעם געראנגל צווישן מלאכישן און טייוולאנישן, וואס איז אין מענטש. אין דעם פרט בלייבט דאסטאיעווסקי אומבאזיגבאר, אפילו דעמאלט, ווען מיר זאלן אים צופאסן צו אונזערע סאמע לעצטע באגריפן, וועלכע ענדערן זיך צוזאמען מיטן לעבן; אפילו, ווען מיר זאלן נעמען אין באטראכט דעם איבערבראך, וואס די צייט האט געמאכט אין דער מענטשלעכער פסיכיק, אין דער שטרעבונג אויסצעווארצלען פון זיך די דערמאנטע שלעכטע אייגנשאפטן — מוזן מיר מודה זיין, אז דאסטאיעווסקי טרייבט נישט איבער, אז ער בלייבט אלץ דער מייסטער פון דער מענטשלעכער נשמה-דערקענטעניש, אין איר אייביקן מהות; ער בלייבט אלץ דער נביא, וועלכער האט געקוקט אין דער ווייטער צוקונפט.

און אפשר — אפשר דוקא די נייע צייט, מיט איר וועלט־איבעראנדערשנדיקע עקספערימענטן, האָבן דאָס באַוויזן די מענטשלעכע מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך פון מאַכט־שכרות, און דורשט נאָך גענגזייטיקער פייניקונג ?..

סוף כּל סוף גייט עס דאָך דאָ נישט אין די פּרינציפּן, אין וועמעס נאָמען די אַרבעט ווערט געטון, נאָר אינם מהות פון די מעשים, וועלכע בלייבן אַלץ די זעלבע שעדלעכע לגבי מענטש צו מענטש. דער מענטש קען זיך אַלץ נישט דערהויבן צו דער גייסטיקער הויך פון קענען פאַרווירקלעכן גרויסע אי־דעאַלן אָן מעטאָדן, וועלכע דערנידעריקן דעם מענטש צום חיה־מצב. און אפילו ווען מ׳זאָל צוגעבן, אַז די דערמאָנטע מעשים זענען אַ פּועל יוצא פון אַ קאַטעגאָרישן לעבנס־ און רעוואָ־לוציאָנס־אימפּעראַטיוו, אָן וועלכן ס׳איז נישט מעגלעך צו קומען צו יענער געגאַרטער פרייער, גערעכטער, וועלט — בלייבט נאָך אַלץ שטאַרק פּראָבלעמאַטיש די פראַגע:

צי וועט זיך אויך דעמאָלט דער מענטש נישט באַפריי־ען פון דער ירושה „וואָס גייט איבער מיט דער מאַמעס מילך"?..

אָט אין וואָס עס ליגט דאָסטאָיעווסקיס שטאַרקע זייט, מיט וועלכע ער שלאָגט אונז און איז אונז דאַכט זיך מנצח, ווי פיינלעך דאָס זאָל נישט זיין... נאָר, וועלכער גרויסער אמת איז דע, נישט פיינלעך פאַר דעם, וואָס שטרעבט צו האַרמאָ־ניע ?.. אָבער נאָך מער באַדויערנדיקער איז דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע האַרמאָניע־שטרעבונג איז נישט אָבליגאַטאָריש פאַר דער מענטשהייט אַלס אַ זעלכע. בלויז יחידים אָדער קלענערע גרופּירונגען זענען דערוויי̇ל להוט נאָך דער שטרעבונג, אין דער צייט, ווען דאָס, וואָס מען רופט: מענטשהייט, שטעלט פאָר מיט זיך עפּעס אומבאַשטימס, מטושטשדיקס, און פאַר דער דאָזיקער פאַרמלאָזער מאַטעריע איז נעגטער אַ מאַטעריעלע באַפרידיקונג און... געבויט טאַקע אויפן צווייטנס אונטערדריקונג. דעריבער איז דאָסטאָיעווסקיס בייסנדיקער אמת נאָך מער פיינ־לעך און דעריבער מוזן מיר אים מוטיק אין פּנים אַריינקוקן, ־יען זאָל עפּעס פּאָזיטיווס לערנען...

6

„יאָ. פאַרברעכן דאַכט זיך קען נישט באַטראַכט ווערן לויט די געוויינלעך־אָנגענומענע שטאַנדפּונקטן, און זיין פילאָזאָפיע איז אַ ביסל שווערער ווי מען מיינט״.

אַזוי גיט דאָסטאָיעווסקי אַ זאָג, מיט אַ קוים מערקנדיקער איראָניע, אויפן אַדרעס פון דער אַלגעמיין אָנגענומענער געזעלשאַפטלעכער באַציִונג צום פאַרברעכן־פּראָבלעם אַלס גאַנצעס, נישט פּרוּוונדיק זיך פאַרנאַנדערקלייבן אין אירע שאַטירונגען.

אַזוי זאָגט ער נאָכדעם, ווי ער באַקאַנט זיך מיט דעם אַלעם אין דער פּראַקטיק, דרינגט אַריין אין דער פאַרברעכער־וועלט, באַקענט זיך מיט זייערע געשיכטעס, געוואוינקייטן, כאַראַקטערן און השגות. אָט יענע אַלע אייגנשאַפטן, וועלכע דינען אים פאַר אַ באַזע אויף פּסיכאָלאָגיש פאַרשטיין זייער לעבן און דעם טרייב־כוח פון זייערע מעשים. אין דעם פּרט איז פאַר דאָסטאָיעווסקין געווען אַ גרויסער פאַרדינסט דאָס צונויפלעבן זיך אַ לאַנגע צייט מיט דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער סביבה. זיין קינסטלערישע נטיה צו באַמערקן יעדע קלייניקייט, צוזאַמען מיט זיין פּסיכאָלאָגישן חוש אַריינצודרינגען אין תוך פון יעדער זאַך און יעדער דערשיינונג, האָט מעגלעך געמאַכט נישט נאָר אויפצושטעלן דעם מערקווירדיקן בנין פון דער דאָזיקער פאַרברעכער־וועלט, נאָר אויך פאַר זיך אַליין קלאָר געמאַכט דעם תמצות פון פאַרברעכן־פּראָבלעם, אַלע אירע פאַרצווייגונגען און ניואַנסירונגען, אַ דאַנק וועלכע ער האָט, ווי קיינער אין זיין דור, געשאַפן יענע ריזיקע ווערק, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק נישט נאָר דאָס פּראָבלעם גופא און איר פאַרקריפּלונג אין די הענט פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט—

נאָר אויך אויפגעדעקט די נשמה פון פאַרברעכער, יענע אַלע באַהאַלטנסטע ווינקעלעך, וועלכע בלייבן נישט קוקנדיק אויף אַלע דורך די באַדינגונגען אַרויסגערופענע דערנידערונגען, מענטשלעך אין איר שורש.

פאַר אונז גייט פאַרביי אַ וואונדערלעכע גאַלעריע טיפן און געשטאַלטן פון דער פאַרברעכער וועלט, גוטע און שלעכטע, ערלעכע נאַטורן און אויסוואורפן. און די דערמאָנטע באַגריפן, הגם זיי באַקומען דאָ אַ באַזונדער קלאַנג, צוליב דער מאָדנע־קייט פון די אָביעקטן אויף וועמען זיי ווערן אָנגעווענדט, לאָזן זיי זיך דאָך דיפערענצירן, פונקט ווי מיר טוען עס מיט מענטשן, וועלכע געהערן נישט צו דער דאָזיקער איזאָלירטער וועלט, הגם ס׳וועט קיינער נישט קענען באַווייזן, אַז אַלע אויף דער פריי אַרומגייענדיקע מענטשן זענען לויט זייער נאַטור און מעשים צדקים און אַז קיינער פון זיי פאַרדינט נישט צו פאַרלירן די פרייקייט. ווען עס וואָלט געווען אַ מאָס צו משפטן מענטשן לויט זייער כאַראַקטער און לעגאַליזירטע מעשים — וואָלט גע־ווען מער איזאָלירטע ווי פרייע און מען וואָלט אַלנפאַלס איינ־געזען, אַז נישט אַלע איזאָלירטע זענען ערגער פון די פרייע... די ערד וואָלט דעמאָלט גערדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין איין גרויסן סיביר און... קיין שטראָפער און שומרים וואָלטן נישט געבליבן...

אָבער איך מיין לגמרי נישט צו פאַראַדאָקסירן, אפילו, ווען איך זאָג, אַז דערווייל באַשטראָפט מען נאָר פאַר מעשים, וועלכע זענען נאָר נישט אין הסכם מיט די געזעצן, וואָס עס האָבן באַשאַפן מענטשן, וועלכע שטייען בכלל נישט אין וועלכן פרט העכער ווי די באַשטראָפטע. סיי־ווי־סיי ענדערט עס נישט דעם פאַקט, אַז פאַרברעכער, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס ווערן באַשטראָפט דערפאַר, וואָס זיי האָבן געוואָגט צו פאַרוואַנדלען זייער מחשבה און מעשים, אָבער גאָר אַזעלכע, וועמען אפילו די מחשבה האָט נישט געטריבן, נאָר ריין זייטיקע סבות אַרויס־גערופענע פונם פאַרפלאָנטערן קאַפריזנעם לעבן, — יענע אַלע

איזאָלירטע, געשטעמפּלטע אַלס פֿאַרברעכער, באַרויבטע פֿון זייער פֿרייקייט אין אַלע מענטשלעכע באַדערפֿענישן, — אָט די אַלע מוזן אומבאַדינגט דיפֿערענצירט ווערן לויט די זעלבע קאַטעגאָריעס און מאָסן, וואָס עס גילט פֿאַר פֿרייע מענטשן. פּשוט: גוטע אָדער שלעכטע נאַטורן זענען דאָ סיי צווישן די און סיי צווישן יענע, טייל מיט געבוירענע נייגונגען צו שלעכטס און טייל — פֿון לעבן פֿאַרפֿירטע, וועלכע וואָלטן נאָך געקענט בלייבן מענטשן, ווען די שטראָף וואָלט זיי נישט ענדגילטיק דערדריקט.

דאָסטאָיעווסקי וויל עס נישט פֿאַרבאָרגן. ער איז מודה, אַז צווישן די אַלע פֿאַרברעכער זענען פֿאַראַן מענטשן מיט בעסטיאַלע נייגונגען, מענטשן וועלכע האָבן הנאה פֿון סאַדיסטישן פּייניקן אַ צווייטן, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן פֿריער. אָבער די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן באַזיצן אויך די שטראָפֿער — און אפשר אין אַ גרעסערער מאָס, ווייל ספּעציעל אַזעלכע קלויבט מען אויס — די אַלע עלטסטע, וועלכע, וואָלטן געדאַרפֿט זיך געפֿינען צווישן די באַשטראָפֿטע...

דאָסטאָיעווסקי שילדערט אַ סך אַזעלכע עלטסטע, אָנהייבנדיק פֿון פּלאַץ-מאַיאָר און ענדיקנדיק מיטן עקזעקוטאָר זשערעביאַטניקאָוו, איינעם פֿון די שוידערלעכסטע ראַפֿינירטסטע סאַדיסטן, וועלכער קומט דורך דאָסטאָיעווסקיס פּשוטער שילדערונג נאָך בולטער אַרויס. און דאָ באַנוצט זיך שוין דאָסטאָיעווסקי מיט זיין מעטאָד פֿון רויקער שילדערונג, אָן אינערלעכער אויפֿרעגונג און נאָר צום סוף גיט ער אַ לאַקאָנישן פֿרעג:

— נו, צי וואָס דאַרף מען עס?..

אמת, צווישן די עלטסטע זענען אויך פֿאַראַן מענטשן גוטע מיט מענטשלעכער באַנעמונג צום אַרעסטאַנט. אָבער זיי ווערן בטל אין אַלגעמיינעם סכום שלעכקייטן. איבריקס, זענען אַזעלכע גוטע פֿאַראַן אויך צווישן אַרעסטאַנטן. דאָס אַלץ פֿאַרטושט די גרענעצן, וועלכע מען שטעלט בפֿירוש אַוועק צווישן פֿאַרברעכער און שטראָפֿער בפּרט און דער איבריקער פֿרייער וועלט

בכלל. גיכער שפילט דאָ די ראָל דער ריינער צופאַל פון לעבן, וואָס האָט איינעם געשטעלט מין הצד, אים אַריינגעוואָרפן אין תהום פון מעשים, וואָס פירן אויף גליטשיקע וועגן, וואָס ענדיקן זיך שטענדיק אין קאַטאָרגע, און אַזעלכע, וועלכע האָבן מערסטנס נאָר צוליב אויסערלעכע סיבות אַזעלכע וועגן אויסגעמיטן. און וויפל זענען פאַראַן אַזעלכע, וועמען די שטראָף דערשלאָגט שוין די מעגלעכקייט צוריק צו דערהייבן זיך צו אַ מענטשלעכן מצב? אַזעלכע, וועמען די פרייקייט וואָלט גיכער אויסגעהיילט ווי דאָס דערנידריקנדיקע שטראָפן?

בכלל מוז מען קוקן אויף מענטשלעכער בעסטיאַליטעט — סיי פון די שטראָפער סיי געשטראָפטע — ווי אויף אַ קראַנק-האַפטע פּאַטאָלאָגישע דערשיינונג, און ווי צו אַזעלכע, זענען נויטיק אַנדערע הייל-מיטלען, פונקט למשל, ווי מען היילט אַנ-דערע קראַנקהייטן; דאָס איז שוין אַן אַקסיאָמע: ס'איז קלאָר, אַז אַנטקייגנשטעלן אַ פאַרברעכערישן טאַט אַן אַנדערן נישט-ווייניקער פאַרברעכערישן — הגם דער לעצטער רופט זיך מיטן קלינגנדיקן און אָפּשרעקנדיקן נאָמען „שטראָף" — פירט קיינ-מאָל נישט צום ציל; דאָס ראַטעווען נישט דעם פאַרברעכערס נשמה, נאָר פאַרדאַרבט זי, פירנדיק אין טורמע גופא צו נאָך גרעסערע פאַרברעכנס, אַרויסגייענדיק פונם קוק: „ס'איז שוין אַלץ איינס"! דאָסטאָיעווסקי דערציילט גענוג אַזעלכע פאַקטן.

בכלל באַמיט זיך דאָסטאָיעווסקי אין דאָזיקן ווערק איינ-צוהאַלטן די קינסטלערישע אָביעקטיווקייט ביים שילדערן די גוטע אָדער שלעכטע דערשיינונגען און כאַראַקטער-שטריכן צווישן די אַרעסטאַנטן. ער קאָנסטאַטירט מער ווי ער קאָמענ-טירט. דאָך, צו געוויסע בעסטיאַלע דערשיינונגען צווישן די אַרעסטאַנטן, באַציט ער זיך אפילו אַנטיפּאַטיש, לדהיפך זיין שטענדיק איבערוועגנדיק געפיל פון רחמנות, סימפּאַטיע אָדער ליבע צו אומגליקלעכע. ער איז אפשר אויפגעבראַכט און פאַר-ביטערט פון ווייטיק, דערקענענדיק אין יענע געוויסע פאַלן דעם אור-שורש פון דער מענטשלעכער אָפּשטאַמונג: די חיה. אָבער

ווער איז שולדיק אַז די געזעלשאַפט קולטיווירט דאָס חיהשע
אינם מענטש, שטאָט עס צו פאַרניכטן און אַרויסברענגען דאָס
מענטשלעכע, וואָס טליעט אויך אין אַזעלכע נשמות?

„יאָ. פאַרברעכן קען נישט באַטראַכט ווערן לויט די אָנ־
גענומענע שטאַנדפונקטן, און זיין פילאָזאָפיע איז אַ ביסל שווע־
רער ווי מען מיינט"...

7

„ווען דאָס עקזיסטירנדיקע שטראָף־סיסטעם, וואָלט באמת
געוואָלט היילן דעם פאַרברעכער, וואָלט זי נאַטירלעך דאָס
גאַנצע סיסטעם געדאַרפט איבעראַנדערשן אויף אַזאַ יסוד, וואָס
זאָל ברענגען בעסערע רעזולטאַטן אין איר אויפגאַב. (הגם
איך קוק אויף דעם פּראָבלעם בכלל אַנדערש און האַלט יעדן
שטראָף־סיסטעם פאַר לגמרי צוועקלאָז, שוין בלויז אַרויסגייענדיק
פון דעם קוק, אַז די ראַדיקאַלסטע לעזונג דערפון ליגט אויס־
שליסלעך און איינציק אין ענדערן דעם געזעלשאַפטלעכן סדר—
די איינציקע סבה פון פאַרברעכן.) צי קען מען אָבער מאָראַליש
היילן פאַרברעכער מיט נאָך גרעסערע אכזריותדיקע מיטלען?
מיט אָנשטעלן אַלס פאַרוואַלטער איבער זיי אַזעלכע מענטשן,
וועמעס הערצער און נשמות זענען מוזן זיין טויט פאַר
יעדן מענטשלעכן געפיל צו מענטשלעכע ליידן און צער? און
אַזוי זעט דאָך ווירקלעך אויס די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט אי־
בערן פאַרברעכער. און זאָל ווער פון די שומרים ריזיקירן אַרויס־
צעווייזן צו אַ פאַרברעכער אַ פונק מענטשלעכקייט; זאָל ווער
לאָזן דאָס געוויסן האַנדלען אַנדערש, ווי די פאָרשריפטן זענען
—וועט אַזעלכער סיי באַשטראָפט און סיי באַזייטיקט ווערן אַלס
„אומגעווינטשטער" עלעמענט... איבריקס איז דאָך קיין סוד נישט,
אַז אַזאַ אַדמיניסטראַציע ווערט וועראַבירט נאָר פון „האַרטע"

עלעמענטן און דערמיט מיינט מען „מאָראַליש״ צו היילן די אַרעסטאַנטן...

דאָסטאָיעווסקי דערציילט אַ סך וועגן דער גאַטירלעכער שלעכטקייט און סאַדיסטישער באַציִונג מצד די מערסטע עלטסטע איבער די אַרעסטאַנטן, און ווי שלעכט דאָס ווירקט אויף די לעצטע, ווי עס טרייבט אַ סך פאַרביסענע נאַטורן צווישן זיי, צו שרעקלעכע מעשים לגבי זייערע עלטסטע, און בכלל ווירקט עס מאָראַליש אין פאַרקערטן זינען, אַזוי, אַז קיין וועג צו חרטה און תשובה איז שוין נישטאָ.

דאָס אַליין באַווייזט, ראשית די זינלאָזיקייט פון גאַנצן שטראָף-סיסטעם, והשנית — ווי ווייניק פאַרשטענדניש און גו-טער ווילן ס׳איז פאַראַן אין עקזיסטירנדיקן סיסטעם, צו לינ-דערן באמת די פאַרברעכנס און צו מאַכן דעם פאַרברעכער פאַר אַ נוצלעכן מיטגליד אין דער געזעלשאַפט. דאַגעגן באַווייזט דער פאַקט, אַז מענטשלעכע באַציִונג צו אַרעסטאַנטן מצד שפּיטאָל-דאָקטוירים, ווירקן אויף גוט, זיי וועקן בעסערע מענטש-לעכע געפילן אין די הערצער פון די אומגליקלעכע, געפילן פון דאַנקבאַרקייט.

דאָס באַווייזט, ווי נוצלעך ס׳וואָלט געווען די אויסבעסע-רונג-אַרבעט, ווען שטאָט שלעכטע געפיללאָזע מענטשן, זאָל מען פאַר שומרים אָנשטעלן מענטשן מיט געפיל און געוויסן, מענטשן, וועלכע זאָלן קענען צוקומען צו דעם פאַרברעכערס נשמה און זי היילן!..

8

די אַלערליי אונטערדריקונגען לגבי דעם פאַרברעכער מיטן אייגנציקן ציל אָפּצעטויטן אין אים דאָס לעצטע מענטש-לעכע געפיל, אַז ער זאָל דערפילן זיין נישטיקייט -- דאָס אַליין ווירקט נישט, ווייל קיין שום זאַך אין דער וועלט איז נישט

בכּיח אויסצעוואָרצלען דעם פאַרברעכערס איבערצייגונג, אַז ער איז אַ מ ע נ ט ש. דאַגעגן ווירקן אַזעלכע אונטערדריקונגען אין אַ מאָדנעם פּסיכאָלאָגישן פּרט: דאָס וועלן שמ׳ען פאַר אַ... שרעקלעכן מענטש, דאָס וועלן באַרימען זיך געגנזייטיק אין אַלערליי אמתע און נאָך מער אויסגעטראַכטע שרעקלעכע מעשים, כּדי אַרויסצערופן באַוואונדערונג... דאָס איז אַן אייגנאַרטיקער אַרעסטאַנטישער עגאָיזם, און קומען קומט עס צום אויסדרוק, בלויז נאָר צו קענען באַווייזן די עמפּינדלעכקייט פון דער אונטערדריקטער פּערזענלעכקייט, פון דער אינדיווידואַליטעט, וואָס לאָזט זיך דורך גאָרנישט פאַרניכטן. און נאָך אַ פאַקט דאַרף אילוסטרירן דעם אַרעסטאַנטס אינדיווידואַליטעט: דאָס ה ו ל י ע ן צווישן די אַרעסטאַנטן, דער אייגנאַרטיקער אופן פון האַנדלען מיט פאַרבאָטענע משקאות, וואָס איז צווישן זיי פאַרשפּרייט, דאָס קלויבן געלט אויפן חשבון פון אומגליקלעכן חבר, וועלכער וויל זיינע צרות פאַרטרינקען, און — דאָס הוליען מצד די „רייכע" הענדלער-אַרעסטאַנטן, אין די ספּעציעלע יום-טוב-טעג. דאָ מיינט דער אַרעסטאַנט נישט נאָר פאַר יענעם זיך באַווייזן, נאָר נאָך מער פאַר זיך אַליין, אַליין אַ מאָמענט פילן, אַז מען איז נאָך נישט אינגאַנצן געשטאָרבן, אַז די עמפּינדלעכקייט איז נאָך נישט אַטראָפירט, אַז מען איז נישט בלויז אַ טויטער חפץ אין די הענט פון שלעכטע שומרים. און — פון געפיל אַז מען עקזיסטירט, אַז דאָס מענטשלעכע לאָזט זיך נישט אָפּטויטן — ציט זיך שוין אַ פאָדעם צום איינציק ליכטיקן שטראַל אין לעבן פון אַרעסטאַנט: די ה אָ פ ע נ ו נ ג, די פּשוטע אומאויסלעשנדיקע האָפענונג פון דער מענטשלעכער נשמה, אויף פאַרלייכטערונג פון רעזשים און — סוף-כּל-סוף די קער באַפרייונג.

אָט די האָפענונג, דער ליכטיקסטער שטראַל אינם לעבן פון דער גאַנצער געפּייניקטער מענטשהייט פון יעדן אינדיווידום וואָס לעבט — איז דער איינציקער מקור פון לעבנס-ענערגיע. די האָפענונג, וואָס פאַרלאָזט נישט דעם גוסס אין לעצטן לעבנס-מאָמענט — דאָס איז דער איינציקער כּח, וואָס האַלט

אונטער דעם פסיכישן גלייכגעוויכט ביים אַרעסטאַנט, וועלכער... ווייסט אַפילו, אַז ער וועט שוין די תפיסה-ווענט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. אפילו דער אויף צוואַנציק יאָר פאַרמשפּטער, זאָגט אויך מיט אַ רויִק געמיט:

— וואַרט, כ׳וועל נאָר אָפּקומען דעם טערמין, דערנאָך...

דער „דערנאָך" איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז די האָפענונג, וואָס דערהאַלט אויף די עקזיסטענץ פון טרויעריקן לעבן.

9

אין זיין פשוטן לשון, גיט אונז דאָסטאָיעווסקי איבער די כאַראַקטעריסטישע פסיכאָלאָגישע סבות, וואָס זענען אין אַ סך פאַלן גורם פאַרברעכן. און מאָטיוון פאַר אַזאַ טאַט מוזן נישט זיין דוקא וויכטיקע אינם לעבן פון פשוטן פאָלק — און זיי גיבן דאָך די גרעסטע צאָל קרימינאַל-פאַרברעכער. — מערסטנס אין אַזעלכע פאַלן ווערט אַ מאָרד באַגאַנגען סטיכיש; אַ פּלוצלונגדיקער אויסברוך פון עפּעס אַן אינעווייניקסטער באַליידיקטער צו נישט באַליידיקטער ליידנשאַפט; פאַרביטערטע מענטשלעכע געפילן, און — דער ערלעכסטער שטילסטער מענטש אין להוט צו ווערן אַ מערדער. ער שטעכט דורך זיין שונא מיט אַ מעסער, נישט אויסגעחשבונט טוט ער עס. אָט דער אַקט אַליין פירט דעם מענטש אַרויס פון גלייכגעוויכט, ער ווערט פּלוצלונג פאַרשיכורט פון אַן אינעווייניקסטן פסיכישן איבערברוך און — ער הייבט זיך אָן קייקלען אין תהום פון פאַרברעכן. ער פאַרלירט דעם גלייכגעוויכט און ווערט פעיִק צו באַגיין איין מאָרד נאָכן צווייטן, שוין לגמרי אָן וועלכער סבה... דאָס האַרץ אין אים שטאַרבט אָפּ פאַר פּחד איבער דאָס געשעענע, בפרט ווען ער ווייסט, אַז אויף אים וואַרט אַ שרעקלעכע שטראָף... ער וויל זיך אַליין פאַרגעסן, פאַרגעסן זיין פּחד דורך אַ הוליע

טון און — דורך אָנוואַרפן אַ פּחד אַרום זיך. און בכלל וויל ער זיך דעמאָלט אַרויסווייזן פאַר אַן אַנטשלאָסענעם מענטשן... אָט די אַנטשלאָסנקייט האַלט אָן ביזן עשאַפאָט. דאָ ווערט ער פּלוצלונג רויק, ער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ שמאַטע. אויפן עשאַפאָט האָט ער חרטה, בעט מחילה ביים פאָלק, ביי גאָט א. אַז. וו.

אַזוי באַשרייבט דאָסטאָיעווסקי דעם פּסיכאָלאָגישן מצב פון אַ מענטש, וואָס ווערט אַ פאַרברעכער ביז זיין שטעלן זיך פנים אל פנים מיטן אומפאַרמיידלעכן—דעם טויט. מער קינסט-לעריש האָט דעם דאָזיקן נשמה-מצב באַשריבן אַנדרײ ייעוו אין „די זיבן געהאָנגענע". אויך הוגאָ אין זיין „די לעצטע מינוט פון אַ פאַרמשפּטן". נאָר נישט וועגן דעם גייט דאָ. דאָ איז וויכטיק דער פּועל יוצא, וואָס דאָס אויבנגעבראַכטע האָט געדאַרפט אויספירן: די נויטיקייט פון אַ ראַציאָנאַל שטראָף-סיסטעם געשטיצט אויף אַריינטראַכטן זיך אין די אומוועגן, אויף וועלכע עס קען אַוועק צוליב זייטיקע סבות די מענטשלעכע נשמה, ווייל די עקזיסטירנדיקע שטראָף-סיסטעמען העלפן נאָך פאַרטיפן דעם תהום צווישן פאַרברעכער און דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

* *
*

און אָט זעען מיר:

פאַרצווייפלטער רעוואָלט געגן דער אונטערדריקונג פון דער פערזענלעכקייט, טראַגי-קאָמישער עגאָיזם פון זיך אַרויסשטעלן שרעקלעכער ווי מען איז, און נישט אויסגעלאָשענע האָפענונג— דאָס זענען פונדאַמענטאַלע שטריכן אין פּסיכישן מצב פון דער אַרעסטאַנטן-נשמה. דערפון פאַרטירט זיך אויס אַ גאַנץ אייגנ-

אַרטיקע עטיק און בלייבט סוף כּל סוף אַ קללה אויפן געוויסן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע טאָלערירט עס. נאָר די געזעלשאַפט, איבערגעלאָדן מיט שווערע פאַרברעכן לגבי דער מענטשהייט, איז לגמרי נישט עמפּינדלעך אויף אַזעלכע זאַכן. וואָס באַטייט דאָ איין זינד מער?..

אָבער אין אינטערעס פון דער מענטשהייט ליגט צו לעזן דאָס פאַרברעכן- און שטראָף-פּראָבלעם, צו פאַרוואַנדלען די דערמאָנטע קללה אין איר היפּך, כּדי צו דערפירן דער געפּייניקטע וועלט אויפן וועג צו אַ בעסערן מאָרגן.

10

דאָסטאָיעווסקי באַווייזט אויך, אַז דער תּהום צווישן פּראָסטן פאָלק אין דער אַריסטאָקראַטיע, איז נישט בלויז די סאָציאַלע פראַגע, נישט בלויז דער פּועל יוצא פון עקאָנאָמישן אונטערשייד אינם לעבנס-אופן פוןביידע קלאַסן, פון הערשער און באַהערשטע, נאָר — אַז דאָס איז אַ פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג, פּשוט: די ביידע קלאַסן קענען זיך נישט פאַרשטיין, און פאַלש איז די איינרעדעניש פון די „העכערע" קלאַסן, אַז זיי פאַרשטייען יאָ דעם פּשוטן פאָלק, צוליב זייער גייסטיקער איבערוואָג פון ערשטן. דאָס פאָלק רעכנט זיך דערמיט נישט. באַמיט זיך נישט נאָר נישט צו פאַרשטיין דעם צד שכּנגד, נאָר — מיידט אים אויס, איגנאָרירט אים ביי אַלע מעגלעכקייטן. און ווי קען נאָך זיין אַ גינסטיקערע מעגלעכקייט אַרויסצעווייזן די באַציונג ווי... אין תּפיסה? דאָ טרעפן זיך דאָך אויך „העכערע" שיכטן, אַזעלכע, וואָס פאַרגאַלאָפּירן זיך שוין אַ ביסל צופיל געגן געזעץ, באַזיצנדיק די זעלבע מענטשלעכע שוואַכקייטן ווי די „נידריקע" קלאַסן. און — דעמאָלט באַקענען זיי זיך ראשית מיט דער שטראָף-סיסטעם, וואָס די היטער פון זייער קלאַס ווענדן אָן לגבי ווידערשפּעניקטע, ודהשנית, דאָס, וואָס איז לויט דאָסטאָיעווסקין נאָך שרעקלעכער: זיי שטויסן זיך אָן

אויף אַ קאַלטע וואַנט פון האַס און פאַראַכטונג מצד דעם „נידריקן" פאַרגרעסטן פאַרברעכער... יאָרן לאַנגער צונויפלעבן זיך העלפן נישט דעם תהום פאַרשיטן. דער פשוטער פאָלקסמענטש גלויבט נישט דעם פריץ, ווייל אים פאַר קיין גלייכן נישט אָנערקענען...

דאָסטאָיעווסקין איז אויף זיינע אייגענע פּלייצעס אויסגעקומען דערפון צו ליידן אין משך פון אַלע זיינע יאָרן — פיר יאָר — קאַטאָרגע. ער פאַרזיכערט, אַז די דאָזיקע ליידן זענען די שווערסטע. דער באַוואוסטזיין, אַז אַפילו אין דאָזיקן מצב פון פולשטענדיקער געפאַלנקייט, קאָן נישט באַזייטיקט ווערן די וואַנט צווישן מענטש און מענטש, בלויז דערפאַר, וואָס איינער האָט דאָס אומגליק צו קומען פון אַ נאַנדער קלאַס מענטשן און סביבה ווי זיי אַלע — דאָס פּייניקט זייער.

אָבער אויך אין דעם פּרט — אין געגנזאַץ פון זיין מעטאָד ביים אַרויסזוכן די סבה פון יעדער דערשיינונג — באַניגנט זיך דאָסטאָיעווסקי מיט בלויזן קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, וואָס איז נאַגע, פּסיכאָלאָגיש זייער וויכטיק, ווייל עס וועט העלפן ביים רעאַליזירן די אָפּשאַצונג פון „העכערע" און „נידריקע" קלאַסן מענטשן. אָבער בלויזע קאָנסטאַטירונג איז אין דעם פאַל ווייניק. דאָ פאָדערט זיך אומבאַדינגט אַ ברייטער אַנאַליז איבער די סאָציאַלע טרייב-כחות, וואָס שאַפן דעם פּסיכאָלאָגישן תהום.

ער טוט עס אַפילו טיילווייז אין זיינע אַנדערע ווערק פון זעלבן שאַפונג-פּעריאָד ווי „דאָס טויטן הויז": אין „אידיאָט" און „דערנידריקטע און באַליידיקטע" אין וועלכע ער ווייזט מערווייניק אָן דעם סאָציאַלן תהום צווישן קלאַסן. מען מערקט ווייניקסטנס, אַז דאָסטאָיעווסקי פאַרמאַכט נישט די אויגן אויף דער עקזיסטענץ פון אַזעלכע קלאַסן-הפּוכים. אָבער ווי געזאָגט, טוט ער עס אין יענע ווערק נאָר טיילווייז, אויבנאויפיק, נישט פאַרטיפט און אַנאַליזירט. דאָך, וואונדערט מען זיך, פאַרוואָס אין „טויטן הויז" מיידט ער אַזאַ אַנאַליזירונג לגמרי אויס.

נאָר מער ווי אַ ביסל וואונדערן מיר זיך נישט. מיר

האָבן אין זינען, אַז ס׳איז מער-ווייניק אין הסכם מיט זיין וועלט-באַנעם און צופיל פאַרלאַנגען איז איבריק. דאָך, ווען מיר רעדן וועגן דאָסטאָיעווסקין אין ליכט פון דער נייער צייט, ווען מיר דיפערענצירן צווישן זיינע אידייען און געדאַנקען, וועלכע דערשיינען אין ליכט פון צייטווייליקייט און אייביקייט — מוזן מיר דעם דערמאָנטן פאַקט קאָנסטאַנטירן, כּדי אָנצעווייזן, וואָס עס פעלט אין אַזאַ ווערק, וואו מענטשלעכע ליידן פאַרייניקן אַלע קלאַסן, און פעלן פעלט דער פּשוטער לעבעדיקער חוש פאַר רעוואָלוציאָניזם. נאָר ווידער די אייגענע מעשה: זיך אַליין איז דאָסטאָיעווסקי געטריי געבליבן...

11

ווען מיר וועלן רעדן וועגן „די ברודער קאַראַמאַזאָוו״, וועט נאָר אויסקומען ברייטער אַרומצורעדן נאָך אַ מערקווירדיקן שטריך אין דער נשמה-אייגנשאַפט פון רוסישן פאָלק: דער טיפער רעליגיעזער גלויבן. און דאָ מוז מען דערמאָנען, אַז אָט די אייגנשאַפט זיך דריקט אַמבולטסטן אויס ביים רוסישן פאַרברעכער, דעם קאַטאָרזשניק פון נידריקסטן מין.

אויב ביי אַנדערע פעלקער מאָרדן פאַרברעכער ראַפינירט, ציניש און אויסגערעכנט און בלייבן ביזן לעצטן לעבנס-אויגנבליק צוקריגט סיי מיט דער געזעלשאַפט און סיי מיט גאָט, — איז עס אַנדערש מיטן רוסישן פאַרברעכער. ער וועט מאָרדן פשוט צוליב נויטווענדיקייט, הגם ס׳זענען אויך פאַראַן אַנדערע פאַלן פון קאַפּריז; ער וועט מקבל זיין זיין שטראָף, וועט אין מערסטע פאַלן אַפילו עס האַלטן פאַר גערעכט און פאַרדינט, און וועט נישט נאָר נישט פילן זיך דערווייטערט פון גאָט אין וועמעס געבאָט ער האָט בוגד געווען — נאָר וועט זיך נאָך פילן צו אים נאָענטער...

— „פאַר גאָט זענען מיר אַלע גלייך״ — טרייסט זיך אַ קאַטאָרזשניק אין „טויטן הויז״ ביים אָפּריכטן זיינע תפילות, און

עס קומט בײַ אים אַרויס מיט שטאָלץ, ווי ער וואָלט זיך געפילט שטאַרקער, וואָס ווײַניקסטנס די „פּאָזיציע“ באַווײַזן די שטראָפער בײַ אים נישט צוצונעמען... און אויך דאָס קען צוגערעכנט ווערן צו די עלעמענטן, וואָס האַלטן אויף די אַריבערטראָג־מעגלעכקייט פון שווערן גורל...

לעבט ער זיך אַזוי דער דאָזיקער פאַרברעכער מיט זײַן גאָט, גלויבט, אַז יענער וועט אים גיכער מוחל זײַן ווי די מענטשן און ער איז צופרידן מיט זײַן גורל און איז צופרידן דערמיט, וואָס אים בלײַבט סוף כּל סוף די דהאָפענונג אויף מחילה אַזש „אויף יענער וועלט“...

איך וועל נישט דאָ פּרווון זיך באַנוצן מיטן שאַבלאָנעם באַשטעטיקן אָדער אָפּווענדן די ריכטיקייט פון אָט דער דערשײַנונג. די פראַגע איז בכלל צו קאָמפּליצירט אויף אָפּצופּטרן זי מיט באַשטימטע מײַנונגען. אָבער האָבנדיק אַלס יסוד פון אונזער אַרבעט דעם ראַציאָנאַליסטישן צוגאַנג צו לעבנס־דערשײַנונגען און פּראָבלעמען, קענען מיר זיך אויך נישט באַפרײַען פון אָנווײַזן די אַן־און־פאַר־זיכדיקע שעדלעכקייט, וואָס דער דאָזיקער אומקאָנטראָלירטער גלויבן ברענגט פאַר די לײַדנדיקע גופא.

און שעדלעך איז עס שוין דערפאַר, וואָס בלינדער גלויבן אין אַ יענער וועלט פּעטעט דעם גלויבן אין דער וועלט און דעם פרײַען מענטשלעכן ווילן, אָט יענער ווילן, וואָס קומט פונם באַוואוסטזײַן, אַז מען איז אַליין עפּעס און, אַז ס׳איז נויטיק צו קעמפן מיט די באַדינגונגען, וועלכע שטויסן אין תהום פון פאַרברעכן און שפּעטער אין שטראָף, וואָס דערדריקט שוין לגמרי דעם מענטשלעכן ווילן; און אַז קעמפן מײנט נישט אויף אַן אינדיווידועלן וועג, פון אַליין זיך בעסער מאַכן דורך אַ ווילדע טאַט, נאָר קאָלעקטיוויסטיש, ווײַל נאָר דער וועג איז מסוגל מבטל צו מאַכן די אַטמאָספערע און באַדינגונגען פאַר פאַרברעכנס — אָט דאָס אַלץ ווערט געשטערט דורכן בלינדן גלויבן, און דעריבער מוזן מיר זיך פון אים אָפּגרענעצן.

— אָבער —

נאָר אין דעם „אָבער" איז קאָנצענטרירט אַלע כאַראַקטער־אונטערשיידן צווישן רוסישן פאָלק און אַנדערע פעלקער. יענע אַלע זיג־זאַגן מיט וועלכע ס'איז פול די געשיכטע פון דאָזיקן פאָלק, וואָס האָט דער וועלט צולהכעיס אָפּגעטון... און נישט נאָר דער וועלט: אַפילו איר גרעסטן נשמה־קענער — דאָס־טאָיעווסקין האָט עס אויך אָפּגעטון, אָפּלייקענענדיק זיין נביאות וועגן כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע, מיט וועלכער זיין פאָלק וועט דער וועלט באַגליקן... דעריבער איז אויף דעם פאָלק נישט חל יענע לאָגישע מאָטיוון פון ראַציאָנאַליזם, ווען עס האַנדלט זיך וועגן גלויבן, וואָרים ס'איז נישט אויסגעשלאָסן אַז די רעוואָלוציע איז אויך געמאַכט געוואָרן מיטן גלויבן...

* *
*

„געגן גאָט זענען מיר אַלע גלייך..."

הם... — און געגן מענטשן?...

געגן מענטשן? — דאָ שווייגט דער פּסוק. דאָ הערשט אייביקע אומגלייכקייט, וואָס אפילו גאָט אַליין סאַנקציאָנירט... ווי זשע לאַנג וועט עס נעמען, ביז דער גלויביקער מענטש וועט פאַרשטיין אייבצופירן די באַגערטע מענטשלעכע געגנזייטיקע גלייכקייט?...

דערווייל האָט דעם אָנהייב געמאַכט דאָס זעלבע פאָלק וואָס קלאַמערט זיך אַזוי אין גאָט און גלויבט אין דער גלייכקייט לגבי אים...

דאָס לעבן הייבט אָן דערגענצן דאָס, וואָס דאָסטאָיעווסקי האָט דורך זיינע מיסטישע ברילן נישט געקענט דערזען.

IV

1

ווי אַקסיאָמאַטיש ס׳זאָל נישט זיין דער כּלל אין דער ליטעראַטור, אַז דער שטערן פון אַ קינסטלער הייבט אָן שיינען שוין ביי די ערשטע טריט פון זיין שאַפונג־וועג, וואָלט אָבער געווען נישט ריכטיק צו מיינען, אַז אין אַלע פאַלן לאָזט זיך פאַרבינדן די איינהייטלעכקייט פון אַ קינסטלערס שאַפן, אָנהייבנדיק פון זיינע ערשטע שאַפונגען ביז די לעצטע. אמת, אַז ס׳זענען אויך פאַראַן אויסנאַמען, למשל אַזעלכע, ביי וועמען די ערשטע דערגרייכונגען אויפן געביט פון קינסטלערישן שאַפן פאַרבלאַסן גאָר די ווייטערדיקע.

דאָס איז אָפּהענגיק אין דער טיפקייט, לעבנס־ענערגיע און טעמפּעראַמענט פונם קינסטלער אויף איינצוהאַלטן אין זיך געגנוג פון יענעם אומבאַמערקבאַרן שטאָף, וואָס דינט אַלס רעזערוואואַר צו באַפרוכפערן דאָס פעלד פון זיין שאַפונגס־וועג. אין די מערסטע כאַראַקטעריסטישע פאַלן אָבער, מאַכט דער קינסטלער דורך די עוואָלוציע פון זיין שאַפן מיט פּרימיטיווע האַלב־רויע מיטלען, אין וועלכע עס ווערט קודם כּל בולט דער טאַלאַנט און שפּעטער ערשט דאָס, וואָס מען האָט פונם קינסטלער צו דערוואַרטן — די שטופנווייזע אַנטוויקלונג אויף זיין וועג צו זיין געניע.

דאָס זעלבע ווייזט זיך אַרויס אויך בנוגע דאָסטאָיעווסקין, בײַ וועמען דער קינסטלערישער ניוואָ פון זײַנע ערשטע שאַפונגען, איז ווײַט נישט דער זעלבער ווי אין זײַנע שפּעטערדיקע גרויסע ווערק.

די דערציילונג „דעם פעטערס חלום״ האָט דאָסטאָיעווסקי געשאַפן אייניצייטיק מיטן „טויטן הויז״, זייענדיק אין טאָבאָלסקער קאַטאָרגע־תּפיסה. זי איז אָבער קינסטלעריש שוואַכער פון „טויטן הויז״ און טראָגט אין זיך בולטע סמנים פון פרימיטיווקייט, פון נאָך נישט פילן זיך זיכער און שטאַרק, ווי אין שפּעטערדיקן שאַפן. ס׳איז אויך מאָדנע דער פאַקט, וואָס די קאַטאָרגע־סביבה האָט בכלל געקענט גורם זײַן, אַז דאָסטאָיעווסקי זאָל שאַפן אַזאַ הומאָריסטיש ווערק. קיין סימן פון זײַן דראַמאַטישן ערנסט. דער הומאָר און איראָניע, וואָס גייט איבער אין שאַרזשירן די טיפּן אין „פעטערס חלום״, זענען דער בולטסטער אויסדרוק פון אַ באַזונדערקייט מיט וועלכן די דערציילונג צייכנט זיך אויס פון זײַן אַלגעמיין שאַפן. און מאָדנע: אויך אַלס אָפלאַכער, אַלס סאַטיריקער ווייזט זיך דאָסטאָיעווסקי אויף דער געהעריקער הייך נישט ווייניקער, ווי ערגעץ אַנדערש אַלס מיסטיקער און פּסיכאָלאָגישער רעאַליסט.

די פרימיטיווקייט־סמנים ווייזן זיך קודם כּל אַרויס אין זײַן נישט פרײַ־זײַן פון יענעם שאַבלאָן, וואָס האָט געהערשט אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור פון זײַן צײַט: דאָס דורכשמועסן זיך בײַ יעדער געלעגנהייט מיטן לייענער, דאָס איבערחזרן זיך ערטערווייז, דאָס ווירקט אויף אַ הײַנטצײַטיקן לייענער שאַקירנדיק. פון דער דערציילונג אָבער אַלס *גאַנצעס*, פילט זיך שוין דער גרויסער דאָסטאָיעווסקי, דער קענער פון דער מענטשלעכער נשמה, אפילו אין יענע פרטים וועלכע שטעלן די טיפּן אין ליכט פון קאָמיזם, אַנטפּלעקן אָבער די טראַגיקאָמישע שאָטן־זײַטן פון דער מענטשלעכער נשמה.

עס דערשײַנט דאָ אויך דאָסטאָיעווסקיס באַזונדערער טאַלאַנט צונויפצוויקלען אַ קנויל פון סיטואַציעס, אָנגעצויגן אויף אַ שמאָל באַגרענעצטן לייוונט, האַלטנדיק געשפּאַנט דעם

אינטערעס צו די געשעענישן אין בוך, וועלכע שפּילן זיך אָפּ אין משך פון סך הכּל געציילטע עטלעכע טעג.

און די טיפּן דאָ זענען בכלל אַנדערע ווי אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק. דאָ דאָמינירן נישט קיין טראַגישע פּראָבּלעמען און דראַמאַטישע קאָנפליקטן מיט פילאָזאָפישע הקירות. און אויב אפילו דער גרונט-מאָטיוו פון דאָזיקן ווערק רייסט זיך דאָך דורך ערנסט — ווערט עס צורינען אינם שטראָם פון שאַרזש און קאָמיזם, מיט וועלכן דאָס אַלץ ווערט געשילדערט. דאָס גיט אפשר אַ גאָר באַזונדערן שטריך צו דאָסטאָיעווסקיס אַרט שאַפן: הומאָר און איראָניע.

דערציילנדיק, דערשיינען פאַר אונז די דאָזיקע העלדן אין זייערע נאַטירלעכע קאַריקאַטוריסטיש-לעכערלעכע געשטאַלטן. איבערהויפּט דער אידיאָטישער פירשט — דער הויפּט-העלד אַרום וועלכן די אַקס פון דער געשיכטע דרייט זיך. דאָס איז שוין נישט קיין לעבעדיקער מענטש, נאָר אַ מאַנעקן, איינער פון יענע אידיאָטישע טיפּן, וועלכע מיר באַגעגענען אין די טעאַטער פאַרסן.

דער סיזשעט פון דער מעשה איז כמעט ווי אין אַן אָפּערעטקע. איז אויך דאָ פאַראַן אַ רייכער פירשט, פאַרשטייט זיך אַן אַלטער אָפּגעלעבטער עובר-בטלניק; אַ קינסטלעך-צו-נויפגעקלעבטער מאַנעקן, וועלכער פאַרמאָגט שוין נישט קיין טראָפּן זכּרון און נישט קיין לעבנס-פעיקייט, חוץ עפּעס אַ פאַרבליבן רעשטל פון אידיאָטישער נייגונג צום מין היפה. און דאָס דאָזיקע געפּיל, וואָס שטאַרבט שוין אויך אָפּ, ווערט אין אים קרענקלעך אויפגעבלאָזן מצד זיין סביבה, צוליב געוויסע פערזענלעכע אַמביציעס. און די סביבה — די ספּעציפישע סביבה פון פּראָווינצער רוסישן קליינבירגערטום, פּוסטע אויפגעבלאָזענע באַאַמטן-ווייבער, וועלכע פילן אויס די לעבנס-פּוסטקייט מיט: קעגנזייטיקע רכילות, פלוידערייען, אינטריגעס, קאָקעטירנדיק ווען מען דאַרף און ווען נישט, מיט געוויסע פּראָווינציעלע פּראַזן, וועלכע דערעסן ביים כסדרדיקן איבערחזרן זיך. נאַטירלעך איז דער העכסטער אידעאַל ביי דער קלאַס מענטשן—

קאַריערע און דאָס מיינט — אַ גוטער שדוך מיט דער טאָכ־טער, מעג זיין מיט אַזאַ לעבעדיקן בר־מנן, ווי דער אידיאָ־טישער פירשט, אַבי זיך אַריינקריגן אין יחוס...

בכלל איז עס די באַקאַנטע סביבה אין רוסישן בירגער־לעכן לעבן אין ערשטן האַלבן פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. און אומדירעקט קריגן מיר דורך אָט דער שאַרזשירטער דערציילונג אַ געטריי בילד פון דער פוסטקייט און דעגענעראַציע, וואָס האָט צו יענער צייט שוין געהערשט אין דער „העכערער" רו־סישער געזעלשאַפט.

2

די צענטראַל־פיגור פון דער סביבה, איז אַ געוויסע מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אַ פרוי מיט אַ שטאַרקן ווילן, וועלכע הערשט מיט עכט ווייבערשער דעספּאָטיע איבער איר מאַן, וואָס דער־שיינט פאַר אַ לעמעשקעוואַטן טויגעניש.

זי, די אשת־חיל, איז דורכגענומען מיט זאָרג, ווי אַזוי איר בת־יחידה „גליקלעך" צו מאַכן מיט אַזאַ מאַן ווי... דער פירשט אַ שטייגער. מאַכט זיך אַ מעשה און דער אידיאָטישער פירשט קומט צופעליק אין שטעטל אַריין, צוזאַמען מיט אַ יונגנמאַן, וואָס שדכנט זיך טאַקע צו דער טאָכטער. יענע נעמט אים נישט גערן אויף, ווייל אַליין לעבט די טאָכטער איבער אַ שטילע ראָמאַנטישע טראַגעדיע. און אָט, איינשטייענדיק צופעליק ביי איר, נעמט זיך די מוטער אין זינען אַריין, אומבאַדינגט און פאַר יעדן פרייז דורכצופירן דעם שדוך צווישן איר טאָכטער מיטן פירשט. מיט איר אויסערגעוויינלעכן, ענערגישן כאַראַק־טער, געלונגט איר צו באַזיגן אַלע שטערונגען אויפן וועג: סיי איר טאָכטערס עקשנותדיקע פאַראַכטונג צום גאַנצן עסק, סיי דעם שווערן קאַמף געגן דער גאַנצער שטאָטישער דאַמען־געזעל־שאַפט, וועלכן ווילן דעם דאָזיקן פירשטלעכן „חפץ" צוליב קנאה אויסכאַפּן... זי באַזיגט אפילו אויך דעם יונגנמאַן, דעם פרע־

טענדאַטאָר אויף איר טאָכטערס האַנט, און אַלץ מיט איר גע־שליפן צינגל. מיטן בעל־דבר גופא האָט זי נאַטירלעך ווינציק אַרבעט, ווייל ווי נאָר ער דערזעט דאָס דאָזיקע מיידל, זיין „שאַרמאַן אַנפאַן" און פאַלט אַריין אין אידיאַטישער התפעלות— קען מען אים אפילו מיטן טייוול פאַרשלייערן.

ס'איז ממש צו באַוואונדערן די ענערגיע, וואָס די דאָזיקע פרוי פטרט ביים דורכפירן דאָס דאָזיקע לעכערלעך קאָמישע שטיקל אַרבעט, באַנוצנדיק זיך מיט עכט־ווייבערשע ביטערקייט און מיט נישט איבערקלויבנדיקע מיטלען...

אין דאָזיקן פרויען־טיפ האָט דאָסטאָיעווסקי פאַרקערפערט די גאַנצע ביטערקייט, קליינלעכער עגאָאיזם און עקשנות פון דער פרוי, וועלכע פאַרלירט זיך נישט אין די געפערלעכסטע סי־טואַציעס. און טראַגי־קאָמיש איז, ווען נאָך אַלע אָנשטרענגונגען, בעת זי איז שוין גרייט צו שניידן די פרוכט — קומט דער נישט־דערוואַרטעטער צונויפברוך: דער באַעולטער קאָנקורענט זעט זיך אַרום אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט, און — ווי יעדע שוואַכע נאַטור, וועלכע קען נישט מנצח זיין שטאָלץ, מענטש־לעך — טוט ער עס קליינלעך, פחדניש, דורך נקמה. ער אי־בערצייגט דעם פירשט — וועלכער פאַלט בכלל גרינג אַרונ־טער יעדער ווירקונג, — אַז מען האָט אים פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ און אַז זיין כבוד פאָדערט זיך דערפון אַרויסצודרייען. איי, ער האָט געגעבן זיין צוזאָג? — נאַרישקייטן! ער וועט דערקלערן אַז דאָס אַלץ איז געווען נישט מער ווי אַ שיינער חלום... סיי־ווי־סיי איז זיין עמפינדלעכקייט אונטערצעשיידן צווישן ווירקלעכקייט און חלום — אָפּגעטעמפט, אָדער לגמרי אָט־ראָפירט. איז שוין גאָר גרינג, אַז דערמיט זאָל זיך צעפאַלן דער גאַנצער בנין, צוזאַמען מיט דער אָרימער מוטערס פלענער אין שיינע פאַנטאַזיעס...

אויב ז'ער אידיאָטישער פירשט טיילט זיך אַרויס אַלס אָביעקט, וואָס איז נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר דאָסטאָיעווסקיס טיפּן-פּערסאָנאַזש און מאַכט דעם איינדרוק, ווי עפּעס זייטיקס, פרעמדס, אַדאָפּטירט פון ערגעץ אַ פאַרס; אויב מאַריאַ אַלעק- סאַנדראָווגאַ איז אויך זייער ווייניק דאָסטאָיעווסקיש אין פאַר- גלייך מיט זיינע פרויען-טיפּן, קען מען עס אָבער נישט זאָגן בנוגע איר טאָכטער זינאַ און איר פאַרערער — דעם שוואַך- כאַראַקטערדיקן מאָזגלאַקאָוו.

זינאַ — דאָס איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישע פרוי- ען-טיפּן ביי דאָסטאָיעווסקין. שוין דער דאָזיקער טיפּ אין דער דערציילונג, איז אַן אָנזאָג אויף דעם שפּעטערדיקן מייסטער פון די פרויען-טיפּן אין „אידיאָט", „דערנידריקטע און באַליי- דיקטע" און קאַראַמאַזאָוו". אין איר גאַנצער האַנדלונג, אין איר אַריסטרעטן געגן איר מוטער אין איר געבראָכן רעזיגנירטן נאָכגעבן דעם גורל, ביז גרייטקייט איר יונג-בליענדיק לעבן מקרב צו זיין אויפן מזבח פון פליכטן צום איינגעשלייערטן אידיאָטישן פירשט, דעם לעבעדיקן בר-מנן; איר נישט ווייניק מוטיקן אויפפּלאָנטערן דעם עקלדיקן פּלאָנטער, וואָס איר מוטער האָט פאַראַרבעט דורך איר דערקלערונג אין קריטישן מאָמענט; איר פאַראַכטנדיק אָפּקערן זיך פון מאָזגלאַקאָוון, — זען מיר דען נישט אין דעם די מעשים פון גרושענקאָ אין „קאַ- ראַמאַזאָוו"? שוין דעמאָלט הייסט עס, אין ערשטן שאַפונג-פּער- יאָד, האָט זיך ביי דאָסטאָיעווסקין אויסקריסטאַליזירט יענער פרויען-טיפּ, וואָס בילדעט שפּעטער דעם חוט השדרה פון זיינע גרויסע ווערק.

נאָך מער בולט ווערט דער דאָזיקער פאַרגלייך, בעתן דראַמאַטישן דערשיינען ביים גוססדיקן געליבטן אירן, ווען ער שיקט איר אין לעצטן מאָמענט רופן און זי איז אים מוחל, — דאָס איז איר אידענטישקייט מיט גרושענקאָן מחוץ יעדן ספק.

און ער, דער שטאַרבנדיקער געליבטער אירער, וועלכער בליצט דורך פאַר אונז דרך-אגב, אינם אַלגעמיינעם חוזק-שפּיל, זיין מודה זיין זיך און בעטן מחילה ביי איר, טראָגט אויך אין

זיך סמנים פון זיינע שפעטערדיקע נאָכגייער, די דימיטריס און אַנדערע, יענע וועלכע ווערן תּמיד געפּירט אין זייערע מעשׂים מצד דעם סתּירהדיקן מלחמה־פּלאָנטער, וואָס איז אַזוי אייגן דער נשמה פון רוסישן פאָלקס־מענטש.

און אפילו זי אַליין, מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, ביי איר גאַנצער לעכערלעכקייט, — פאַרקערפּערט דאָך אין זיך אַ כאַראַקטעריסטישן טיפּ, אַ שטריך פון אַ קלאַס מענטשן אין אַ באַשטימטער תּקופה. אין דעם פאַל — דאָס גייסטיק פּוסטע אידייענלאָזע בירגערטום, וועמען עס כאַראַקטעריזירט מיט זיך קודם־כּל דער צעפּוילטער אויסגעלעבטער פּירשט. און דערנאָך — די דאָזיקע פּרוי, וועלכע קלאַמערט זיך מיט ציין און נעגל אַריינצוקריגן זיך אין דאָזיקן צעפּוילטן יחוס. ס׳איז שוין אַפילו צו זיי דערגאַנגען עפּעס וועגן „נייע אידייען” מיט וואָס די יוגנט שטעקט זיך אָן, נאָר „ס׳איז דאָך אַזוי נאַריש” פאַר לייטישע מענטשן... ס׳איז אַן אָפּקלאַנג פון אַ תּקופה אין רוסישן לעבן, ווען נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן און ווי אַ ווייטער עכאָ באַרירט דאָס פּוסטע, פאַרגליווערטע בירגערלעכע לעבן.

אָבער מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ פאַרמאָגט אויך אין זיך מענטשלעכע שטריכן: איר אָפּטימיזם און כּח זיך און יענעם צו פאַרסוגעסטיאָנירן, איז וואונדערלעך; איר בעטן זיך ביי דער טאָכטער, יענע זאָל איר גלייבן; איר נישט וועלן זען אַלץ פון דער שלעכטער זייט — פאַרמאָגט אין זיך טראַגיש מענטשלעכעס. דאָס איז אַ ריין מענטשלעכער שטרעבן צו פאַרוואַנדלען די ווירקלעכקייט אין אַזוינס, וואָס נאָר די פאַנטאַזיע איז בכּח צו שאַפן און נאָר דער טיפער גלויבן קען עס רעאַליזירן... דאָס איז אַלנפאַלס אַ מדרגה, צו וועלכער מען דאַרף זיך קענען דערהויבן. דערהויבט זיך טאַקע די דאָזיקע פרוי צו אַ מענטשלעכן טיפּ, מיט אַלע שוואַכע און שטאַרקע זייטן; מיט דער שטרעבונג אַפילו די ווירקלעכקייט איינצושפּאַנען אין דינסט פון דער כימעריע. איז דאַריבער איר דורכפאַל דער אייביק מענטשלעכער דורכפאַל, דאָרט, ווו די ווירקלעכ־

קיים שטויסט זיך צונויף מיט סוגעסטיע און פאַנטאַזיע.

איבריקס: איר דורכפאַל איז נישט קיין ענטגילטיקער. זי איז פון יענעם טיפּ מענטשן, וועמען קיין שום דורכפאַל איז נישט בכח צוצעברעכן דעם ווילן. גיכער שטאַרקט עס די עקשנות ביים ווייטערדיקן פּרווו אויפסניי אָנצעהויבן דורכפירן דעם ווילן. און — ווי מיר זען טאַקע אין עפּילאָג פון „פּעטערס חלום" — טרעפן מיר שפּעטער די דאָזיקע פרוי אין דער געזעלשאַפט פון יענער סביבה, צו וועלכער זי האָט געשטרעבט. סוף-כל-סוף איז דאָך די פּערזאָן נישט וויכטיק. אויב נישט דער עובר-בטלדיקער פירשט, פאַרוואָס זאָל נישט טויגן קיין אַנדערע פון זעלבן „יחוס"-קלאַס? דער עיקר איז דאָך דער ציל...

* *
*

ס'איז נאָך אַלעם דאָך מאָדנע, וואָס אַזאַ סאַטיריש-איראָנישע דערציילונג, וועלכע לאַכט אַזוי אומרחמנותדיק אָפּ פון דער אַריסטאָקראַטיע, האָט געקענט בעשאַפן ווערן דורך דאָסטאָיעווסקין ביי אַזעלכע קאַטאָרגע-באַדינגונגען אין סיביר. גיכער וואָלט זיך אַהערגעפּאַסט זיינע מער ערנסטע פּאַרטיפּטע ווערק, אויף וואָס זיינע תּפיסה-באַדינגונגען האָבן אים געקענט אָנרעגן. אָבער יענע ווערק זענען ערשט געשאַפן געוואָרן אין יאָרן אַרום, בשעת דאָסטאָיעווסקי האָט ווידערגעלעבט אויף דער פריי און זיין ליטעראַרישער געניע האָט זיך פאַרנאַנדערגעוויקלט אין זיין גאַנצער מעכטיקייט...

דעם „פּעטערס חלום" בלייבט אַ אינטערעסאַנטער עפּיזאָד אין זיין קאַטאָרגע-לעבן.

V

„אויף דער וועלט, מיין פריינט זענען דאָ גוטע מענטשן. דו האָסט זיי לײדער נישט באַגעגנט.
(„דער גידריקטע און באַליידיקטע“)

1

אָפּגעקומען זיינע פיר קאַטאָרגע יאָרן, איז דאָסטאָיעווסקי, דורך אַ באַפעל פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ זעלנער, און נאָך דריי יאָר האָט ער זיך דערדינט צום ראַנג אָפיציר.

דעם זעקסטן מערץ 1856 האָט דאָסטאָיעווסקי חתונה געהאַט מיט דער אַלמנה מאַריאַ איסאַיעוואַ. נאָך לאַנגע השתדלותן האָט ער, סוף כל סוף, באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון סיביר. ווינטער אין יאָר 1859 איז אים שוין דערלויבט געוואָרן צו וואוינען אין די רעזידענצן.

אין יענער צייט האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן זיין אינטענסיווע ליטעראַרישע און פּובליציסטישע טעטיקייט אין דער גאַנצער ברייטקייט. צוזאַמען מיט זיין ברודער מיכאַיל, הייבט ער אָן אַרויסגעבן — אין 1861 — דעם זשורנאַל „ווּרעמיאַ“ וואו ער דרוקט אָפּ זיין נייעם ראָמאַן „דערנידריקטע און באַליידיקטע“, גלייכצייטיק מיט די „זכרונות פון טויטן הויז“. ביידע האָבן אַן אומגעהויערן דערפאָלג. אין 1862 זענען שוין די „דערנידריקטע און באַליידיקטע“ דערשינען אין בוך.

פון יענער צייט — 1861 — באַזעצנדיק זיך אין פעטער-בורג, איז פאַרבליבן דער אומפאַרשטענדלעכער פאַקט אין דאָס-טאָיעווסקיס לעבן: זיין שטעלן זיך אויף דער רעגירונגס-זייט און זיין אַרויסטריט געגן ניהיליזם, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן דער יוגנט. שפּעטער זענען זיינע שפּאָטישע אַרויסטריטן געקומען צום אויסדרוק אויך אין זיינע ווערק.

2

„דערנידריקטע און באַליידיקטע" איז אַ נייער וויכטיקער עטאַפּ אויפן וועג פון דאָסטאָיעווסקיס קינסטלערישן אַרויפשטייג.

דער דאָזיקער ראָמאַן איז דער ערשטער אין וועלכן דאָס-טאָיעווסקי פאַרמעסט זיך אויף ברייטע שילדערונגען פון לעבן. דאָ פירט ער אַרויס ברייטערע שיכטן פון דער רוסישער גע-זעלשאַפט, אַ גאַנצע גאַלעריע פאַרשידנאַרטיקער טיפּן, אַ געמיש פון רעאַליזם מיט פאַנטאַזיע; אידייען און פּראָבלעמען קומען דאָ צום אויסדרוק. קורץ: דאָסטאָיעווסקי באַווייזט זיך אין זיין פילפאַרביקייט און אַלזייטיקייט.

דאָס ערשטע, וואָס אונז וואַרפט זיך אין די אויגן אין דאָזיקן ראמאַן איז, דאָס פּראָבלעם פון ליבע אין דער ספּע-ציפיש דאָסטאָיעווסקישער באַלייכטונג. אינטערעסירט דאָס אונז נאָך מער, ווי אַ זאַך, וואָס איז ביי דאָסטאָיעווסקין דעם מיס-טיקער, פון די נישט געוויינלעכע זאַכן; ווייל זיין גאַנצער גייסטיקער מהות איז להוט צו גלויבן אין אַן אַבסטראַקט-פּלאַ-טאָנישער ליבע צווישן מענטש און מענטש, אַ ליבע לשם-שמים, אַ ליבע, וואָס איז פריי פון עגאָיזם, אייגננוץ און אויסקוק אויף באַלוינונג — ווי מיר האָבן עס געזען אין דער דערציילונג „ווייסע נעכט". איז דעריבער פאַר דאָסטאָיעווסקין כמעט אומ-מעגלעך זיך אָפּצוגעבן מיט פּשוטער ערדישער ליבע צווישן

מאַן און פֿרוי, אַ ליבע נאָך וועלכער עס שלעפּן זיך אומפֿאַרמיידלעך נאָך אַלע נאַטירלעכע באַגלייטער: אייפֿערזוכט, נקמה, באַליידיקטע אייגנליבע און יענע איבעריקע געפֿילן, וועלכע שטעלן צונויף די ליידן פֿון דער ליבע.

און דאָך — דאָך האָט דאָסטאָיעווסקי געפּרוּווט אויך אַזאַ ווערק געבן, מיטן באַגער, ווייזט אויס, פֿרייצוזיין פֿון זיין געוויינלעכן אַבסטראַקט-מעטאַפֿיזישן שורש, נאָר, זאָל זיך באַזירן אויסשליסלעך אויפֿן רעאַלן ערדישן ריין-מענטשלעכן לעבן. און אין אַ גרויס ווערק, אין פֿיר טיילן גיט ער אונז דעם דאָזיקן מענטשלעכן ראָמאַן מיט אַלערליי מענטשלעכע קאָנפֿליקטן אויפֿן ליבע געביט, מיט געגנזייטיקע צונויפֿשטויסן, — בקיצור, יענעם גאַנצן רעקוויזיט פֿון וואָס עס ווערן צונויפֿגעשטעלט אַלע אַזעלכע ראָמאַנען אין דער אַלטער ווי נייער ליטעראַטור.

וועלן מיר פּרוּוון זען, ווי אַזוי קומט דאָס אַלץ אַרויס אין דאָסטאָיעווסקיס באַלייכטונג. איז אים זיין קאָנצעפּציע געלונגען? איז ביי אים דאָס ע ר ד י ש ע אין דער ליבע געבליבן מענטשלעך און נאַטירלעך, ווי מיר זעען עס געוואוינט צו באַגעגענען אין רעאַלן לעבן? צי עס איז אים נישט געלונגען?

ווייזט זיך אַרויס, אַז קיין ניסים געשעען נישט. וואָרום וואָלט עס ביי דאָסטאָיעווסקין אַרויסגעקומען נאַטירלעך, כּדי צו באַפֿרידיקן אונזערע לעבנס-באַגריפֿן, וואָלט עס געווען מער ווי אַ נס: ס'וואָלט ממש געווען אַן אָפּלייגונג פֿון זיין אייגנטלעכן מ ה ו ת, אַ פֿאַרלייקענונג פֿון יענע אומדערקלערלעכע מקורים, וואָס נערן זיין מיט מיסטיציזם באַהערשטע נשמה. און ביי אַזאַ נאַטור ווי דאָסטאָיעווסקי, ביי וועמען דאָס שאַפֿן אין אַלע זיינע ניואַנסירונגען איז דער אויסדרוק פֿון יענע אַלע דערמאָנטע יסודות, וואָס נעסטן אין זיין נשמה, דעם אייגנטלעכן דאָסטאָיעווסקיזם, — איז אַזאַ אָפּלייגונג אוממעגלעך. איז דעריבער מער נאַטירלעך, וואָס זיין פּרוּוו האָט אַנטוישט אונזערע באַגריפֿן, פֿאַרוואָס ס'איז אַרויסגעקומען נישט דאָס, וואָס דאָסטאָיעווסקי האָט אפשר ג ע וו אָ ל ט, נאָר דאָס, וואָס ס'האָט

געמוזט ארויסקומען. און ארויסגעקומען זענען: מענטשן, וואָס זענען **נישט** קיין מענטשן און מלאכים, וואָס זענען **נישט** קיין מלאכים... עפּעס אַ נישט איינגעגעבענער סינטעז צווישן די ביידע עלעמענטן, צווישן איבערמענטשלעכן אינם מענטש און מענטשלעכן אינם איבערמענטש.

אמת, איבערמענטש, דאַרף דאָ נישט פאַרשטאַנען ווערן אין גייסט פון ניטשעאַניזם, נאָר אין אַ פּשוטן זינען פון אַרויס־ווייזן געפילן און האַנדלונגען, וועלכע האָבן נישט קיין אָרט אין רעאַלן לעבן, הגם צו אַזאַ מדרגה דאַרף זיין די שטרעבונג פון דער מענטשהייט. אָבער לעת־עתה גייט עס אַרויס מחוץ דער רעאַלער וועלט פון באַגריפן, דעריבער איז עס אַזוי אי־בערמענטשלעך...

לאָמיר זען ווי אַזוי איז דאָס אַרויסגעקומען.

קודם־כל — די קאָנצעפּציע גופא:

אַ מיידל פון באַלעבאַטישע עלטערן, וועמעס פאָטער, אַן ערלעכער מענטש מיט קאָנסערוואַטיוו־קליינבירגערלעכע באַגריפן, פירט אָן מיט אַ פירשטס גיטער. פאַרליבט זיך דאָס מיידל אינם פירשטס זון, אַ יינגל אַ לייכטזיניקס, לחלוטין אָן כאַראַקער, נאָר אַ זייער ערלעכער אין דער נשמה און דערמיט איז ער דער היפך צו זיין פירשטלעכן פאָטער. און ווי ס׳פירט זיך אין ראָמאַנען, אַז געגנזאַצן טרעפן זיך צונויף, איז דער פאָטער די פאַרקערפּערונג פון מענטשלעכער שלעכטקייט, כיטרעקייט און געמיינקייט. פאַרליבט זיך דער דאָזיקער בן־יחיד אויך אין דעם מיידל, איז נאַטירלעך, אַז דער פירשט איז געגען דעם שידוך, האָבנדיק פאַר אַ ציל פאַר זיין בן־יחיד אַ קאַריערע־שידוך.

דער פירשט פראָצעסירט זיך אויך מיטן מיידלס פאָטער — זיין פאַרוואַלטער — וועלנדיק דוקא דעם אַלטן ערלעכן פאַר־וואַלטער באַליידיקן און דערנידריקן. דערווייל אַנטלויפט דאָס מיידל פון אירע עלטערן צוליב איר ליבע צום פירשטס זון, הגם זי ווייסט אויסגעצייכנט זיין לייכטזיניקייט און כאַראַקטער־לאָזיקייט, צוליב וועלכן מען קען אים קנאַפּ־וואָס געטרויען.

און זי—איז אַ מיידל מיט כאַראַקטער, מיט ווילן עפּעס דורכצופירן.

דער פירשט, ווען מען די מעשה מיט דעם מיידלס דערנענטערונג צו זיין זון געפעלט נישט, נוצט אויס זיין פאָטערלעכן איינפלוס אויפן זון, און וועלנדיק אים אָפּציען פון זיין געליבטער, פאַרפּלאָנטערט ער אים אין אַ צווייטן שידוך מיט אַ רייך מיידל מיט אַ גרויסן נדן און — דער בחור פאַרליבט זיך אויך אינם צווייטן מיידל... און... מיט די זעלבע געפילן, מיט זיין נאַיווער אויפריכטיקייט און ערלעכקייט, מאַכט ער דערפון נישט קיין סוד פאַר זיין געליבטער נאַטאַשאַן פאַרזיכערנדיק איר, אַז אויך אָן איר קען ער נישט לעבן. און זי... זי גלויבט אים, הגם זי פילט שוין אינסטינקטיוו, אַז ער וועט זיך סוף כל סוף אָפּווענדן פון איר צו דער צווייטער, נישט אויפהערנדיק זי צו ליבן...

להיפּך אַלע ראָמאַניסטן, שילדערט אונז דאָסטאָיעווסקי זיינע העלדן מיט בלויזער גרויסמוטיקייט אין די כאַראַקטערן: קיין איי־פּערזיכטס-סצענעס זענען נישטאָ. אַליאָשאַ מאַכט באַוואוסט אויך פאַר זיין צווייטער געליבטער — קאַטיאַ — וועגן זיין צוגעבונדקייט צו נאַטאַשאַן. יענע, שטאַט פאַרוואָרפן, טרייבט אים נאָך אָפּטער באַזוכן נאַטאַשאַן, כדי איר קיין עגמת־נפש נישט צו פאַרשאַפן... און יענע — דאָס זעלבע.ביידע ווילן זיך באַקענען און — די באַקאַנטשאַפט צווישן ביידע קאָנקורענטקעס קומט טאַקע פיירלעך פאָר. ביידע שמועסן זיך האַרציק דורך וועגן דעם גליק פון דאָזיקן יינגל. און, סוף כל סוף ווערט קלאָר, אַז ער גייט אַוועק צו קאַטיאַן און אַז דאָס איז דעם פאָטערס אַרבעט, נאַטירלעך מיט די נידריקסטע מיטלען געווירקט. אין דער דאָזיקער אין זיין שוואַכקייט אומסימפּאַטישער יינגל, פאַרלאָזט די יעניקע, וועלכע האָט פאַר אים אַלץ מקרב געווען, צוריסן מיט אירע עלטערן, וועלכע — איבערהויפּט דער פאָטער — קען איר נישט מוחל זיין.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָ אַלץ, יעדער שטריך פון די באַציונגען צווישן דער דרייליגג־געליבטע, אָדער די טרעפונג פון

ביידע מיידלעך. זייער אידילישער שמועס איז אזוי פרימיטיוו, ווי נאר צווישן מלאכים.

אזוי פאסט דאסטאיעווסקי אויף דאס פראבלעם פון עראָ-טישער ליבע, אויב ער נעמט זיך עס שוין באארבעטן. מיר קענען אויך זיין באהאנדלונג פון זעלבן פראבלעם פון זיינע וואריאציעס אין אנדערע ווערק, וועלכע זענען אלע נישט אנ-דערש.

3

פון אויבנגעבראכטן ווערט קלאר, אז דאסטאיעווסקי פאסט אויף דאס עראטישע פראבלעם נישט רעאליסטיש און נישט נאטוראליסטיש, נאר — אידעאליסטיש. ער אידעאליזירט פשוט זיינע העלדן, פארוואנדלענדיק זיי אין מלאכים און באשעפענישן, וועלכע האבן נישט קיין געמיינזאמעס מיט רעאלע מענטשלעכע מעשים און באגריפן וועגן אזא פראבלעם, ווי עראטיזם. קיין מלאכים זענען עס דאך נישט, ווייל דאס לעבן פון די העלדן אין „דערנידריקטע און באליידיקטע" איז דאך געבינדן מיטן רעאלן לעבן, מיט דער סביבה, פון וועלכער זיי באפרייען זיך נישט. דעריבער ווערן זייערע מלאכיש-אידעאליסטישע מעשים נאך שרייענדיקער, קומען נאך גילער אין קאנטראסט מיט סביבה און באדינגונגען. און אין דעם שטעקט די נישט-נאטירלעכקייט. ווייל וועלן זאגן, אז די ליבע דא פרעטענדירט אויף קעגנזיי-טיקער פלאטאנישקייט, קען מען נישט. די נאטור דאמינירט גלייך ביי אלעמען...

און, וואס איז אזא טיף, ווי איוואן, — דער דערציילער פון דער געשיכטע — וועלכער ליבנדיק צום ערשטן נאטאשאן, זאגט זיך אפ פון אלע זיינע געפילן, אן איין ווארט, כדי נישט צו שטערן איר גליק, און ער איז נאך דער פארמיטלער צווישן

אַלע איבריקע ה̇העלדן?... ווי ווייט איז דאָס פון דער רעאַליטעט!

אָבער נאָך שרייענדיקער איז דער קאָנטראַסט צווישן די דאָזיקע מענטשן-מלאכים און דעם פירשט. אין קיין שום ווערק באַגעגענען מיר נישט אַזאַ ענלעכן טיפּ, אין וועלכן דאָסטאָיעווסקי זאָל פאַרקערפּערן אַזויפיל אוממענטשלעכקייט און געמיינקייט, ווי אין דעם פירשט, דערצו, ווען מיר קענען נאָך דאָסטאָיעווסקיס באַציִונג צו זיינע העלדן, ווען אין די טונקלסטע נשמות באַמיט ער זיך דאָך אַרויסצוגעפינען דאָס מענטשלעכע. און דאָ איז דער פירשט אַרויסגעקומען אַזוי מאָדנע! און צוזאַמען מיט דער איבערגעשאַצטער אידעאַליזאַציע פון זיינע פאַרליבטע העלדן, מאַכט עס דעם איינדרוק ווי אין די ראָמאַנען פון אַ געוויסן מין, וועלכע אָפּערירן שטענדיק מיט צוויי פאַרטיקע טיפּן מענטשן: מלאכים און טייוואָלים. גראָד מוז דער זון זיין דער היפך פון טאַטן... פאַר דאָסטאָיעווסקין איז עס נישט כאַראַקטעריסטיש, גיט גאָרנישט צו צו זיין פּסיכאָלאָגישקינסטלערישער איינגאַרטיקייט. דעריבער מוזן מיר דעם ראָמאַן באַטראַכטן אַלס עפּיזאָד אין זיין אַלגעמיינעם שאַפן, אַלס קאַפּריז פון אַ קינסטלער.

וואָס שייך דעם פירשט, זאָגט ער אונז אַלס אינדיווידועלער טיפּ גאָרנישט, סיידן מיר זאָלן אים באַטראַכטן פון קוק אַלס קלאַסן-פאַרקערפּערונג, אַלס דער, וואָס קאָנצענטרירט אין זיך, לויטן ווילן פון מחבר, אַלע שלעכטקייטן און פאַרדאָרבנקייט פון זיין קלאַס. און דאָס וועלן מיר נאָך טון. דאָ איז נאָר כדאי צו קאָנסטאַנטירן, אַז אין זיין עראָטישן באַנעמען דאָס פּראָבלעם, איז דאָסטאָיעווסקין נישט געלונגען אַרויסצוברענגען קיין לעבעדיקע מענטשן. דאָס מלאכישע אין זיינע העלדן, ווי סימפּאַטיש עס זאָל אונז נישט זיין, איבערצייגט אונז אָבער נישט. אַרויסגייענדיק פון אַ רעאַליסטישן קוק אויפן לעבן, זען מיר אין דעם נישט מער ווי אַן אידעאַליזאַציע, וועלכע איז ווייט פון לאָגישן אמת און אַט דאָס פאַרטונקלט דאָס פּסיכאָ-

לאָגישע אין דער זאַך.

אַזוי למשל, זען מיר נישט די אמתע טרייב-סבות, פאַרוואָס האָט נאַטאַשע געמוזט אַנטלויפן פון די עלטערן, נישט פּראָוואָנדיק אפילו זיי באַקאַנט מאַכן מיט איר ליבע, כדי צו וויסן, צי מען וועט איר שטערן?

ס'איז אויך נישט איבערצייגנדיק די ליבע פון אַזאַ כאַראַקטערפול מיידל צו אַזאַ לייכטזיניק ייִנגל. דאָ זעט אויך אויס מער קאַפּריז אירע ליידן צוליב ליבע, איידער אָרגאַנישע נאַטירלעכקייט. זי זאָגט אפילו, אַז זי ליבט אין אים דאָס נאַיִוו-קינדישע, אָבער — ס'איז אַרויסגעקומען מער געזאָגט ווי איבערגעצייגט.

ווייזט אויס, אַז דאָסטאָיעווסקיס פּסיכאָלאָגיזם איז דאָ געשטרויכלט געוואָרן פון זיין מיסטיציזם, פון זיין נישט קענען קוקן אויפן לעבן מיט רעאַלע בליקן, כדי נישט צו פאַרבייטן דאָס פּשוט ערדישע אויפן געטלעכן. ס'האָט זיך נישט געקענט איינגעבן דאָס אַריבערטראָגן מעטאַפיזישע קאָנצעפּציעס וועגן פּלאַטאָנישער ליבע אויפן לעבעדיקן לעבן. דאָס לעצטע איז לעת-עתה צו אַזאַ מדרגה נישט דערוואַקסן. עראָטישע ליבע אין די אידעאַליסטישסטע פאָרמען, וואָס זענען נאָר באַקאַנט צווישן מענטשן, קען זיך נישט באַפרייען פון שורש און פּועל יוצא: ליידן, אייגנליבע, אייפערזוכט, פון נישט אָפּזאָגן זיך פרייוויליק פון גליק לטובת אַ צווייטן. דאָסטאָיעווסקי רעכנט זיך מיט דעם אַלעם נישט. ער גיט אונז זייַנע העלדן ווי ער וואָלט זיי געוואָלט זען. איז אַרויסגעקומען דאָס, וואָס האָט געמוזט אַרויסקומען: האַלב מענטש און האַלב מלאך...

4

און דאָך איז עס דאָסטאָיעווסקיש ווערק!

און דאָך — און דאָך אָטעמט דאָס בוך מיט אַזויפֿיל מענטשלעכקייט, מענטשלעכן צער און פּיין, ווי נאָר דאָסטאָיעווסקי קען עס אונז געבן. און אפֿילו די געליבטע — אַ חוץ דעם תּמצית, וועגן וועלכן מיר האָבן פֿריער גערעדט — אָטעמען מיט אַזויפֿיל מענטשלעכע ליידן און צער, אַז עס רייסט מיט.

קודם כּל נאַטאַשע. מיר פֿילן איר אינערלעכן צער, באַמיענדיק זיך פֿאַר קיינעם נישט אַרויסצעווייזן אירע געפֿילן פֿון באַליידיקטער אייגנליבע. און אַז זי האַלט איר ראָל מער ווייניק אויס, הייסט עס דאָך זיך שטעלן העכער, ווי ס'איז די מענטשלעכע נאַטור.

אָבער אויך אַליאָשאַ און זיין קאָמיש־טראַגישן מאַטערן זיך, כּדי צו באַגרייפֿן דעם אייגנטלעכן מהות פֿון זיינע געפֿילן, כּדי פֿעסטצושטעלן אויף וועמענס זייט זיין ליבע איז שטאַרקער — רירט אונז אַ סך מאָל; מיר פֿילן אין אים אַ קרבן פֿון אַ מאַטאַלער לאַגע, וועמען צו באַזיגן פֿאָדערט אַ שטאַרקערן כאַראַקטער, ווי ער פֿאַרמאָגט. וואָס איז ער אָבער שולדיק?

אָבער די שווערסטע אומדאַנקבאַרסטע ראָל האָט איוואַן: ביזן סוף נישט מיט קיין איין טאָן אַרויסווייזן אינערלעכן ווייטיק, אונז זייער שווער. און אין דעם איז פֿאַראַן אַזויפֿיל דאָסטאָיעווסקישע מענטשלעכקייט, אַז מען איז גרייט מוחל צו זיין די נישט־רעאַלקייט פֿון דער אידיליע שכל. און לאָגיק טרעטן דאָ אָפּ פֿאַר די געפֿילן, באַזונדערס אין די מעשׂים, וועלכע האָבן אַ שייכות צו ריין־אוטיליטאַרע צוועקן, — אין דעם ליגט זייער מענטשלעכער ווערט מחוץ יעדן ספֿק.

דאָס זעלבע איז נוגע אויך אויף די איבריקע העלדן. נאַטאַשאַס עלטערן למשל, וואָס, הגם, דער פאָטער ווייזט אַרויס אַ פאַרעקשנטע אכזריותדיקייט נישט־וועלנדיק מוחל זיין דער טאָכטער, — איז אָבער נישט מער ווי דער אויסדרוק פון גע־קרענקטע באַליידיקטע מענטשלעכע געפילן, וואָס ווערן אַרויס־גערופן סיי דורך זיין טאָכטערס האַנדלונג, וועלכע איז אין סתירה צו זיינע אַלע לעבנס־באַגריפן, סיי דורך די שווערע באַליידיקונגען מצד דעם פירשט. אָבער דער תוך פון זיין צע־וויטיקטער נשמה איז דאָך ל י ב ע. אומענדלעכע פאָטערלעכע ליבע, וועלכע ברעכט צום סוף דורך די שלוזיען פון געמאַכט־קייט, פון אָנגעשטרענגטן איינהאַלטן זיך, ווי מיר זעען עס אין דער סצענע ביים סוף פון דער געשיכטע, ווען נאַטאַשאַ אַ פאַר־לאָזענע פון איר געליבטן, קערט זיך צוריק צו די עלטערן.

5

מען מוז אויך זאָגן, אַז בכלל גענומען, באַזירט נישט די אידייע פון דאָזיקן ווערק אויף דער ל י ב ע; גיכער — אויף די ליידן: די אַלע דערנידערונגען און באַליידיקונגען, וואָס דעם אָרעמען און ערלעכן קומט אויס אויסצושטיין מצד די ריי־כע און מעכטיקע. מער ווי אין זיינע פריערדיקע ווערק, קומט דאָ צום אויסדרוק דאָסטאָיעווסקיס מיטגעפיל צו די אָרעמע און זיין אָפענער אַנטיפּאַטיע צום צד שכנגד. דער איינציקער העלד אין דער ראָל פון באַליידיקער, דער פירשט, וואַקסט דאָ אויס אין אַ סימבאָל פון אַ שלעכטן און אומגערעכטן, וואָס זיין קלאַס פאַרמאָגט. אין קיינס פון זיינע שפּעטערדיקע ווערק געפינען מיר שוין נישט קיין קלאָרערער אַנטיפּאַטיע און אָפּנייגונג פון דאָזיקן קלאַס, ווי דאָ. אויך ביי נייצייטיקע און אין פרט פון איבערצייגונגען מער פּראָגרעסיווערע גייסטער ווי דאָסטאָיעוו־

טײַ, קען מען קיין בולטערע אָפּנייגונג פון דערמאָנטן קלאַס נישט געפינען. אמת, די קינסטלערישע געשטאַלטונג פונם פירשט אַלס העלד, ליידט אפשר דערפון צוליבן איבערפלוס פון שלעכטס פון אַ גאַנצן קלאַס אויף די פּלייצעס פון אַ י ח י ד. אָבער דער צ י ל, די אידייע איז בולט. איבריקס: איין מענטש פון דערמאָנטן קלאַס, מיט דער הילף פון געזעץ־אַפּאַראַט, וועלכן ער קען האָבן צו דינסט — איז בכח צו פאַרשאַפן מער ליידן און באַליידיקונגען צו אונטערגעדריקטע, וויפל גוטס עס ווילן טון אַלע פון זיין קלאַס אינאיינעם גענומען...

און נאָך מער אפשר ווי אין זיינע איבריקע ווערק, דערהויבט זיך דאָ דאָסטאָיעווסקי צו אַ סימבאָל פון גערעכטיקייט, צו אייגנעבוירענער נטיה צו יושר און מענטשלעכקייט. זיין דיפערענצאַציע צווישןביידע פיינטלעכע מענטש־טיילן, די קלאַסן־ליניע, ווי מיר וואָלטן געזאָגט אויפן מאָדערנעם לשון, באַווייזט אָן ספק זיין שטעלן זיך מיטן רוקן צום צד, וועמען דער פירשט סימבאָליזירט.

אַמבולטסטן ווערט קלאָר דאָסטאָיעווסקיס שטעלונג צום „העכערן" קלאַס פון דער סצענע, בשעת דער פירשט רייסט פון זיך אַליין אַראָפּ די מאַסקע, אין זיין שמועס מיט איוואַנען, דעם דערציילער פון דער געשיכטע. מיט אַן אויסערגעוויינלעכן ציניזם שפּייט ער אויף זיין אייגענער נשמה, וועלכע טרונקט זיך ממש אין שמוץ, ער טוט עס אַזוי, ווי ער וואָלט אין דאָזיקן אַליין־שפּייען געוואָלט דעם שמוץ דערטרענקען. ער וואַרפט אויך פאָר זיין צוהערער, פאַרוואָס יענער אַלס שרייבער מיידט אויס אַריינצודרינגען אין די קרייזן פון „העכערן" קלאַס, ווייניקסטנס צוליב ריין־שרייבערישע צוועקן. זיין צוהערער, נישט באַהאַלטנדיק די פאַראַכטונג און עקל, ענטפערט:

— „אויב איך גיי נישט אַריין אין אייער אַזוי גערופענעם „העכערן קרייז", איז עס ערשטנס דערפאַר, וואָס דאָרט איז אומעטיק, והשנית — נישטאָ דאָרט וואָס צו טון!..."

הגם דאָסטאָיעווסקי האָט נישט קיין פּאָזיטיווע באַציִונג

און גלויבט אפילו נישט, איראָניזירנדיק ערטערווייז פון די, וואָס פּרעטענדירן צו געהערן צום נייעם דור, וועלכע דאַרפן זיין די טרעגער פון אַ נייעם אינהאַלט אין לעבן; דאָך, זיין קינסטלערישע אינטואיציע און דאָס געפיל פאַר א מ ת, צווינגט אים צו אַנערקענען, אַז אין אַן אַלטן אַדל-קלאַס איז פּוסט; אַ חוץ געמיינקייטן און אינטיריגעס מצד איין טייל, און אָנגעבלאָזענע אידייענלאָזיקייט באַגלייט מיט פּוסטע פּאָראורטיילן און קאָנסערוואַטיווע באַגריפן מצד אַ צווייטן טייל — צייכנט זיך דער דאָזיקער קלאַס מיט גאָרנישט אויס; קיין שום שעפערישס, לעבעדיקס און געזונטס איז דאָרט נישטאָ. דאַקעגן שטרעבט צו דעם אַלעם און גייט אויפן וועג דאָס צו באַזיצן, דער יונגער דור. און נישט נאָר ביים קלאַס אונטערדריקטע און אָרעמע זענען זיי פאַראַן: דאָסטאָיעווסקי ווייזט אונז — און די ווירקלעכקייט האָט עס אין לויף פון דער לאַנגער פרייהייט-באַוועגונג-געשיכטע אין רוסלאַנד באַשטעטיקט, — אַז אַלמענטשלעכע אידעאַלן פאַרבלאָנדזשען אויך אין נשמות פון יונגן דור, ביי אַזעלכע, וואָס געהערן צום רייכן לאַגער. אַ חוץ אַליאָשאַ, וואָס פּערזאָניפיצירט דעם איבערברוך אין די נשמות פון יונגן דור ביים רייכן קלאַס, איז עס נאָך בולטער און כאַראַקטעריסטישער אין דער פּערזאָן צון קאַטיאַן. זי, די גרעפישע טאָכטער, דאָס צאַרטע אומשולדיקע מיידל, פאַרמאָגט אַ פיינפילנדיק האַרץ און אַ ריינע נשמה; זי איז דורכגעדרונגען מיט גוטע מעשים, שטרעבנדיקן אידעאַליזם און איז שוין אַפילו באַוואיסטזיניק לטוב דעם נ י י ע ם לעבן, זי באַשליסט אַפילו, אַז ווען זי וועט ווערן פּוליאָריק, יועט זי... אַוועקגעבן אַ מ י ל י אָ ן לטובת דער אידייע... און בכלל גיט זיך די דאָזיקע גרעפישע בת יחידה אָפּ מיט „פאַרדעכטיקע" עלעמענטן; יונגעלייט פון „נידריקן" שטאַנד, אָרעמע אידעאַליסטן, וועלכע פּלאַנעווען וועגן איבערבויען די וועלט. אָט די לעבן אויף גאָר אַנדערע יסודות און לויט אַנדערע השגות ווי די רייכע... די געגנזייטיקע באַציִונגען ביים דאָזיקן „נידריקן" קלאַס, זענען מער פּשוטער, פרימי-

טיוער און ממילא — מענטשלעכער. און זי באַווייזט אפילו די דאָזיקע קאַטיאַ, אים, אַליאָשאַן צוזאַמען אַריינצוציען. און פון דאָרט קומט ער אָפּט צו נאַטאַשאַן אין איבערפולטער מיט קינדישער התפעלות און מיט דער זעלבער נאַיווער באַגייסטערונג וויל ער... אַגיטירן דעם שטרענגן פאָטער זיינעם, פאַרוואַרפנדיק יענעם, פאַרוואָס ער, אַזאַ קלוגער מענטש, זאָל נישט וועלן פאַרשטיין אָט דעם אמת... און דאָס ווערט שוין מצד דאָסטאָיעווסקין געשילדערט גאַנץ אויפריכטיק. ווערט טאַקע דורך די דאָזיקע שטריכן בולט אַ קאַפּיטל געשיכטע, וואָס דערציילט, וועגן די נייע ווינטן, וואָס האָבן אין צווייטן העלפט נייַנצנטן יאָרהונדערט געבלאָזן אין דער רוסישער געזעלשאַפט. און דערמיט ווערט באַקרעפטיקט דאָסטאָיעווסקיס הומאַניזם, נישט קוקנדיק אויף זיין אומגלויבן אין סאָציאַליזם אַלס באַוועגונג, ווי מיר האָבן שוין געהאַט די געלעגנהייט טיילווייז אָנצעווייזן, און מיר וועלן נאָך וועגן דעם האָבן צו רעדן.

בכלל הייסט עס, איז דער יונגער דור מער גענייגט זיך דורכצודרינגען מיטן גייסט פון דער צייט און דער דאָזיקער גייסט — פאַרשטייט דאָסטאָיעווסקי — איז נישט אויסשליסלעך קיין מאָנאָפּאָל פון די אָרעמע, אונטערגעדריקטע.

און וואָלט עס פּאַקטיש געווען אויסשליסלעך דער מאָנאָפּאָל פון אָרעמע, וואָלט עס באַדייטנדיק פאַרקלענערט די מאָראַלישע באַדייטונג פון די אידייען אַלס אַזעלכע. פון אונטערגעדריקטע איז דאָך סוף כל סוף נישט קיין קונץ צו שרייען וועגן יושר. דערפאַר איז עס אָבער אַ העלדישקייט און אַ מאָראַלישע גרויסקייט מצד אַזעלכע, וועלכע זענען נישט געבוירן אין די רייען פון די אונטערדריקער. ווען אַזעלכע דרינגען דורך דעם גייסט פון יושר און אמת, טרייסלען זיך אָפּ פון זייער לעבן און גייען איבער — במעשה צו במחשבה — אין לאַגער פון אונטערגעדריקטן — דאָס איז צו באַגריסן!

צום גליק האָט די רוסישעווירקלעכקייט, ווי איך האָב שוין אָנגעמערקט, אין פּרט פון דער געשיכטע פון מענטש-

ליכע אידייען און פרייהייט-באַוועגונגען, וועלכע זענען לגמרי אַנדערש צו אַנדער-לענדערדיקע ווירקלעכקייטן — צום גליק האָט זי שוין באַוויזן די ריכטיקייט פון דאָסטאָיעווסקיס דיאַגנאָז, כּדי מען זאָל נישט דאַרפן חושד זיין, אַז דאָס האָט ער, דאָסטאָיעווסקי נישט פאַרגינען דעם הומאַניזם-מאָנאָפּאָל דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג...

דאָסטאָיעווסקי איז אויך אין דעם פאַל געבליבן געטריי זיך אַליין, זיין קוק אויף געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

ביי דעם אַלעם קען מען נישט פאַרבייגיין דעם דיסאָנאַנס, וואָס עס שאַפט זיך ווען מען באַטראַכט דעם פאַקט, אַז גראָד דידאָזיקע בולטע אידייע פון שטעלן מאָראַליש העכער דעם יונגן דור איבערן אַלטן אַריסטאָקראַטישן — פאַלט זיך ביי דאָסטאָיעווסקין צונויף מיט זיין גייסטיקן איבערברוך, וואָס קומט אין אים פאָר אין דער צייט פון זיין צוריקקומען פון סיביר און זיין באַזעצן זיך אין פעטערבורג, ווען ער שטעלט זיך אויף דער רעגירונגס-זייט, צום אַטאַקירן דעם ניהיליזם. אויב דאָס לעצטע — קאַמף געגן ניהיליזם — איז נאָך פאַרשטענדלעך, בלייבט אָבער דאָס ערשטע, איינע פון די, אומצייליקע סתירות אין וועלכן ס'האָט זיך געצאַפּלט די נשמה פון דאָזיקן ריז.

6

דער טראַגישסטער טייל אין „דערנידריקטע און באַליידיקטע" איז דאָס לעבן און טויט פון דער יתומהלע נעלי און די געשיכטע פון איר מוטערס אומקום.

אמת, די געשיכטע גופא איז אפשר נישט אויסערגעוויינלעך, ווייל, וואָס קען דאָ זיין אויסערגעוויינלעך אַ מעשה מיט אַ יונגע פרוי פון רייכערן שטאַנד, וועלכע פאַרליבט זיך מיט

דער נשמהדיקער ריינקייט אין אַ מאַן אַן אויסוואורף — צו־פעליק דער זעלבער פירשט, אַליאָשאס פאָטער, וועלכער ניצט איר שעדלעך אויס, באַרויבט איר און לאָזט זי איבער מיט אַ קינד? אָבער אפשר ליגט די אויסערגעוויינלעכקייט אין דעם, וואָס איר פאַנאַטישער פאָטער פאַרשטויסט זי און וויל איר ביזן סוף נישט מוחל זיין?

ניין, דאָס אַלץ זענען אַלטעגלעכע דערשיינונגען. די מאָדנעקייט ליגט דאָ, מער ווי אין אַלע אַנדערע דאָסטאָיעווסקיס ווערק, אינם באַארבעטן דאָס מאַטעריאַל, אין דעם. וואָס ס׳וועט פאַר אונז אַזוי טיף דורכדרינגלעך העל דער טראַגיזם, וואָס ליגט אין די געשעענישן. מ׳זעט דאָ ווי די אַלע עלנטקייטן אוןליידן קומען פון די ווילדע פאָראורטיילן און פ[illegible]רקריפלטע לעבנס-באַגריפן. און וואָס איז דען דעם אַלטנס נישט מוחל-זיין דער אומגליקלעכער טאָכטער, מער ווי פוסטער עקשנותדיקער שטאָלץ, אַרויסגערופן דורך פאַלשע געזעלשאַפטלעכע באַגריפן?

דאַגעגן דערשיינט דאָ די ליבע פון דער אומגליקלעכער באַליידיקטער פרוי, אַלס די פאַרקערפערונג פון גערעכטן לעבנס-חוש מצד די יונגע, ווייל זיי ליבן און גיבן זיך אָפּ, דער־פילנדיק אַ נאַטירלעך געזעץ פון לעבן. דאָס עכטע לעבן וויל נישט אַנערקענען קיין שום אויכערלעכקייטן, מעגן דערפון אַרויסקומען אַזעלכע טראַגעדיעס, ווי די דערמאנטע. דער אַלטער דור אָבער, וועלכער איז פסיכיש דערצויגן געוואָרן דורך קאָנווענציאָנעלע באַגריפן,—דער אַלטער קען אַזאַ אַריבער־גיין די מענטשלעכע גרענעצן, מצד דער יוגנט, נישט באַגרייפן און ממילא — נישט מוחל זיין.

האָט אונז דאָסטאָיעווסקי דאָ צונויפגעפירטביידע וועלטן און אונז געוויזן, ווי ס׳קומען אום פון צוזאַמענשטויס ביידע, סיי פאַרשטויסענע און סיי פאַרשטויסער, ווייל דעם אַלטנס עקשנות איז אויך דורכגעדרינגען מיט ליבע. אָבער דער געזעל־שאַפטלעכער שקר טרייבט אים אויך זיך אַליין צו ברענגען פאַר אַ קרבן, צוזאַמען מיט זיין טאָכטער און אייניקל.

ווידער האָט דאָסטאָיעווסקי אָנגעוויזן אויף אַ שטיק ווייד־פלייש, וואָס איז אָנגעוואַקסן אינם מענטשלעכן אָרגאַניזם; ווידער איז די עלטער אין שאָטן לגבי דער יוגנט. ווייל אויב אפילו די יוגנט בלאָנזשעט אָפּטמאָל, צוליב איר אומדערפאַרנקייט, בלייבט זי אָבער שטענדיק מענטשלעך, נאָענט צום לעבנס־אינסטינקט און קען אפילו מוחל זיין אויך, ווען ס׳איז נויטיק. די עלטער אין דער קאָנדענסירטקייט פון איר לעבנס־שטייגער קען נאָר זיין דער היטער פון טויטע השגות, וועלכע זענען סתירה־דיק פיינטלעך צום לעבן. און דאָסטאָיעווסקי איז שטענדיק אויף דער זייט פון די גערעכטע אפילו, ווען זיי זינדיקן, ווייל ס׳איז בעסער צו זינדיקן מיטן לעבן, איידער זיין דער שומר פון טויט.

7

די טראַגישקייט פון דער געשיכטע דערגייט ביז גאָר, ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דער ווירקונג, וואָס די דערמאנטע פאַרקריפּלטע באַגריפן האָבן אויף דער נשמה און דערציִונג פון קינד.

באַזונדער איז דאָסטאָיעווסקי עמפּינדלעך צו דער קינדער־וועלט און צו אַלע דערשיינונגען, וועלכע ווירקן אוממיטלבאַר אויף דער נשמה פון אומשולדיקן קינד, וואָס קריגט די ערשטע לעקציע פון לעבן, ביים שטעלן די ערשטע טריט אויף דער וועלט. אַ סך פּלאַץ ווידמעט דאָסטאָיעווסקי אין זיינע ווערק די באהאַנדלונג פון קינדער־דערציִונג־פּראָבלעם, נישט דאָס אַבסטראַקטע פּראָבלעם פון דער שול און־ בילדונג־דערציִונג, נאָר די פּשוטע מענטשלעכע דערציִונג פון הויז און סביבה פון דער אייגנטלעכער לעבנס־שול. אויך אין דעם פּרט האָט דאָסטאָיעווסקי אַרויסגעוויזן אַ סך פּסיכאָלאָגיש דערקענטעניש פון דעם קינדס מהות. נאָר ס׳וועט נאָך וועגן דעם אויסקומען אויספיר־

לעכער צו רעדן שפּעטער.

אין נעליס נשמהלע האָט זיך איינגעזאַפּט דער גאַנצער גרויל פון איר מוטערס איבערלעבונגען, צוגלייך מיטן באַוואוסטזיין פון דער מענטשלעכער שולד אין דעם אַלעם און גאָר באַזונדערס, בעת ס'איז איר אויסגעקומען נאָך דער מוטערס טויט צו באַקענען זיך מיטן אמתן גהינום פון מענטשלעכער אכזריות מצד די אין וועמעס הענט זי איז איצט אַריינגעפאַלן; און אפילו שפּעטער, ווען נאַטאַשאַס געליבטער, איוואַן, האָט איר פון דאָרט אַרויסגעראַטעוועט און איר אַרומגערינגלט מיט! מענטשלעכער גוטסקייט, — איז עס נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען דאָס דאָזיקע צעווייטיקטע נשמהלע איבערצוצייגן, אַז די וועלט באַשטייט סוף כּל סוף נישט פון בלויז שלעכטע מענטשן... און הגם איר נשמהלע איז אין תּוך גוט, קען זי עס נישט באַגרייפן. לאַנג נעמט עס ביז מען דערוואַרעמט אין איר די פאַרשטיינערטקייט, ביז זי באַקומט אַ ביסל צוטרוי...

— „אויף דער וועלט, מיין פריינט, — רעדט צו איר דער גואל — זענען פאַראַן אַ סך גוטע מענטשן. דו האָסט זיי לײדער נישט באַגעגנט"...

אָבער, וויפל זענען דאָ אין לעבן, וועלכע באַגעגענען עס קיינמאָל נישט? און אַז זיי בלייבן פאַרשטויסן, מיט טיפן קינדישן האַס צו אַלץ און צו אַלעמען און רעקרוטירן פון זיך שפּעטער, ביים רייף ווערן, פ א ר ב ר ע כ ע ר — איז עס גאַנץ נאַטירלעך. ס'איז דאָך פאָרט שווער אַרויסצושלעפּן דאָס ביסעלע גוטס, אויף וועלכן ס'שוועבט אַרום אַזויפיל שלעכטס...

נעליס האַס צו מענטשן, וועלכע ווילן איר גוטס טון, דערמאָנט אין ענלעכע סצענעס פון „קאַראַמאַזאָוו", ווען אַליאָשאַ קען אויך נישט איינגעמען דאָס פאַרביטערטע יינגעלע פון באַליידיקטן קאַפּיטאַן.

* *
*

דאָסטאָיעווסקי איז אומפּאַרגלייכלעך אין זיין בודט מאַכן דאָס גוטע און שלעכטע, וואָס גייען פּאַראַלעל אין מענטשלעכן לעבן. ס'איז אַן אייביקער קאַמף צווישן דיביידע געגנזעצלעכע עלעמענטן, וועלכע באַהערשן די מענטשלעכע נשמה. ער ווייזט אויך אָן די מקורים, וואָס פּאַרוואַנדלען מענטשן אין פּשוטע חיות. און שטענדיק זען מיר, אַז די באַגריפן זענען אַ פּועל יוצא פון פאַלשע פּאַראורטיילן, הגם אויך איינגעבוירענע נטיה שפּילט נישט די לעצטע ראָל. דאָסטאָיעווסקי פּרואווט עס אפילו נישט פּאַרטושן. און אַז די דאָזיקע נטיה הערשט מערסטנס ביים רייכן קלאַס — דאָס איז קלאָר באַוויזן. ווייל אויב די אָרעמקייט גיט אויך אַרויס פון זיך שלעכטס, איז עס דאָך שטענדיק אַ פּועל יוצא פון דער פינסטערניש, אומוויסנקייט און אונטערדריקונג, אין וועלכע זיי ווערן געהאַלטן, בעת ווען ביי די רייכע קומט עס פון איבערזעט און באַוואוסטזיניק.

כאַראַקטעריסטיש איז בלויז דאָסטאָיעווסקיס סקעפּטיציזם, מיינענדיק, אַז די דאָזיקע סתירה אין מענטשלעכן לעבן וועט אַזוי עקזיסטירן אייביק. ער וואָלט אפשר געווען גערעכט, ווען מען זאָל גלויבן, אַז אייביק וועט אויך עקזיסטירן מענטשלעכע צעטיילונג אין קלאַסן. צום גליק איז דאָס לעצטע שוין זיודאי נישט מחוצן ספק... דאָס לעבן אַרבעט דערפאַר, אַז אַלץ זאָל זיך ענדערן, אפילו די ווילדסטע מענטשלעכע באַגריפן.

VI

„יאָ, די נאַטור האָט נישט ליב קיין קריפּלען
זי מאַלט געבוירן דעם קריפּל, אָבער שטאָט
רחמנות האָבן אויף אים — שטראָפט זי אים.
אַזוי איז עס!“ („אייביקער מאַן“)

1

איינס פון די הויפּט-פּראָבלעמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן זיינען אַלע צייטן און דורות, איז דאָס פאַמיליען-לעבן, דאָס מיינט יענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וועלכע באַפעסטיקט דעם אויסגאַנג-פּונקט פון די באַציונגען צווישן מענטשן פון ביידע געשלעכטער, וועלכע פאַרייניקן זיך קודם כל אויפן יסוד פון נאַטירלעכן טרייב-כח — עראָטישע געפילן, אָדער ליבע, ווי מען איז געוואוינט אָנצורופן ליידנשאַפטלעכע אימפּולסן צווישן מענטשן פון ביידע געשלעכטער.

דאָס אַלץ, וואָס די נאַטור הייבט אָן אויפן נאַטירלעכן אופן, אָן איבערקלייבערישע מיטלען, צוליבן פּשוטן דערפילן אַ נאַטירלעכן טרייב-כח פון לעבן, פון דער גאַנצער מענטשלעכער עקזיסטענץ, אַלס איין צווייגעלע אין פילפאַרביקן לעבנס-גוים, — דאָס פאַרענדיקט שוין אויף אַ פּיל ווייניקער נאַטיר-לעכן אופן יענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס הייסט

„חתונה״, וועלכע האָט דעם אויפגאַב צו שטעמפּלען די דאָזיקע באַציִונגען מיטן חותם פון געזעץ און ברכה.

וועגן דער אומנאַטירלעכקייט און שעדלעכקייט פון דער דאָזיקער חתונה-אינסטיטוציע, אַ דאַנק אירע אומלאָגישע גאָר-נישט ראַציאָנאַלע געזעצן, וואָס פאַרקריפּלען דאָס מענטשלעכע לעבן, שאַפנדיק באַדינגונגען, וועלכע העלפן ווי אַמגיכסטן אָפּ-צוטויטן דעם יסוד פון די מענטשלעכע פאַרבינדונגען — די ליבע גופא — ווענן דעם איז איבעריק צו רעדן, ס׳הייסט איבעריק איז אפשר נישט, ווי לאַנג דער דאָזיקער געזעלשאַפטלע-כער שטייגער וועט נישט איבערגעאַנדערשט ווערן. אָבער איך מיין צו זאָגן, אַז דאָס אַלץ איז שוין קיין נייעס נישט. וואָס מער אונזער לעבן גייט מאָראַליש באַרג-אַראָפּ, אַלץ מער לאָזן זיך הערן די אויפריכטיקע שטימען געגן דער פאַרקריפּלונג-אינ-סטיטוציע, און מיר זענען שוין אַפילו עדות פון באַווייזן, אַז ווי נאָר דער פאַרשקלאַפטער מענטש הייבט אָן פון זיך אַראָפּ-וואַרפן דעם יאָך פון דורות לאַנגער אונטערדריקונג, איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן: פולשטענדיק איבערבויען די פאַר-שימלטע חתונה-אינסטיטוציע, דורך פאַרבייטן זי מיט געזעצן וואָס זאָלן מער-ווייניק אָפּשוואַכן די פאָלגן, וואָס דורות לאַנגע טראַדיציעס האָבן דער מענטשלעכער פסיכיק איבערגעלאָזט.

נאַטירלעך איז דאָ נישט דאָס אָרט און ציל אויספירלע-כער ווענן דעם פּראָבלעם צו רעדן, כדי צו באַווייזן די פוסט-קייט, וואָס עס שטעקט אין די טענות, וואָס עס טראָגן אַרויס די פאַרטיידיקער פון אַלטן פאַרפוילטן בירגערטום, אַז, אויך דאָס נייע ברענגט נישט די געהאָפטע פועל יוצאס, אַז עס ברענגט נאָר כאַאָס. יענע ווילן נישט וויסן און פאַרשטיין, אַז אַן איבער-גאַנגס-עטאַפּ פון אַ טויזנטיאָריקער געזעלשאַפטלעכער שיטה אין אַ נייער נאָך אומבאַגרייפלעכער צוליב איר מאָדנעקייט — קען נישט פאָרקומען מיט איין קלאַפּ, ווייל דאָס פאָדערט דורות לאַנגע איבערקאָכונג, ביז צום געזונטן פאַרדייען. דעריבער איז איבעריק ווענן דעם צו רעדן. מיר וועלן עס לאָזן פאַרן לעבן

גופא און פאַר דער צייט דעם דאָזיקן פּראָצעס דורכצופירן.

נישט אַריינברענגענדיק אין דאָזיקן פּראָבלעם קיין נייעס צו דעם, וואָס איז שוין אויף דעם געביט גערעדט און געשריבן געוואָרן, באַרירן מיר דאָס דאָזיקע פּראָבלעם דרך אגב, בלויז אויף אַזויפיל אויף וויפל עס האָט אַ שייכות צו דאָסטאָיעווסקיס דירעקטן אָדער אומדירעקטן באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם אין זיינע ווערק.

זאָגן, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט געהאַט אַ קלאָר אויסגעדריקטע באַציִונג צום דערמאָנטן פּראָבלעם, קען מען אויך נישט. ווייל אויף וויפל מען קען לויט אונזער קוק אַרויסדרינגען פון זיינע ווערק, האָט ער קיין באַזונדער שטעלונג צום פאַמיליען-לעבן און חתונה-אינסטיטוציע נישט. פּונקט ווי אַנדערע לעבנס-דערשיינונגען, נעמט ער דעם דאָזיקן שטייגער ווי ער גייט, נוצט אויס די פאַרשידענע אויספירונגען זיינע אַלס מאַטעריאַל פאַר זיינע ווערק. אָבער קיין זעלבסשטענדיקע מיינונג — פּאָזיטיוו צו נעגאַטיוו — זעט מען נישט, אין היפּך צו אַנדערע לעבנס-פּראָבלעמען, וועלכע קומען אין זיינע ווערק צום אויסדרוק.

איבריקס — אין קיין שום פון זיינע צאָלרייכע ווערק דערשיינט נישט דאָס פאַמיליען לעבן אַלס באַזונדער פּראָבלעם, וואָס זאָל פאָדערן באַזונדער באַלייכטונג. אויב ער שילדערט שאַרף פאַרשידענע זייטן פון פאַמיליען-לעבן, איז עס נאָר דרך אגב אַלס דעקאָראַטיוו-קאָנסטרוקציע מאַטעריאַל פון געגעבענעם ווערק. דאַריבער איז זיך שווער קלאָר צו מאַכן, ווי אַזוי אייגנטלעך באַציט זיך דאָסטאָיעווסקי גופא צום דאָזיקן פּראָבלעם: אויב אָבער מען זאָל משפטן לויט געוויסע בילדער, וועלכע דערשיינען דאָ און דאָרט אין זיינע ווערק, ווערט קלאָר, אַז קיין פאָראורטייל געגן חתונה אַלס שעדלעכע אינסטיטוציע האָט ער נישט. ווי אין אַ סך אַנדערע פּרטים, איז ער אויך דאָ געווען קאָנסערוואַטיוו און מסתמא געהאַלטן דעם הייניקן מצב אין פאַמיליען לעבן, פאַר באַפרידיקנדיק, געהאַלטן דעם יסוד

פאַר אַ געזונטן; נישט מער—אַלע פאַרקריפּלונגען און דיסאָנאַנסן מיט וועלכע דאָס דאָזיקע לעבן איז פול, איז נאָר אַ פּראָדוקט פון נאַטירלעכער מענטשלעכער שלעכטקייט. און ביי זיין מיסטיש-סקעפּטישן קוק אויף דערשיינונגען, קען מען דאָך אין דעם פּרט גאָרנישט אָפּווענדן... אַזוי איז עס און גענוג! ער איז אין דעם פּרט נישט רעוואָלוציאָנער, ווי טאָלסטאָי למשל, נאָר נייטראַלער שילדערער. אין ערגעץ ווייזט ער נישט אָן אויף די געזעלשאַפטלעכע סבות, וואָס זענען גורם די טראַגישע דיסאָנאַנסן אין פאַמיליען-צוזאַמענלעבן. ביי אים זענען פאַראַן העלדן זאַטע, „סאָלידע" פון מיטעלע און „העכערע" קלאַסן, בירגער פון דער רוסישער געזעלשאַפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט (אין „אידיאָט"). אַלץ איז ביי זיי אַזוי באַלעבאַטיש שטרענג לויט טראַדיציע. לויט אָנגענומענע מנהגים האָט מען חתונה — פאַרשטייט זיך נישט צוליב סענטימענטן, נאָר צוליב קאַריערע, און מען האָט קינדער, מען פאַרנעמט אַן אָרט אין דער געזעלשאַפט; „מען גיט אויס" קינדער. די קינדער ווידער, וועלן חלילה נישט בוגד זיין אין די עלטערנס ווילן. די קינדערס פּערזענלעכע אַמביציעס האָבן דאָ נאַטירלעך קיין אָרט נישט. אַלץ ווערט פאַבריצירט לויטן פאַרטיקן שולחן-ערוך פון געזעלשאַפטלעכן שטייגער. און טרעפט אַמאָל, אַז ווער פון די קינדער ס'דערלויבט זיך אויף אַ פּרואוו זעלבסשטענדיק איינצואָרדענען זיין לעבן, אויף זעלבסשטענדיק מאַכן דעם אויסקלויב פאַרן ליבע-אָביעקט, ווי למשל אַליאָשאַ אין „דערנידריקטע און באַליידיקטע" — איז עס ראשית אַן אויסנעם, והשנית — אַ נישט געלינגענער, ווייל דאָסטאָיעווסקי שטעלט אים אין אַזאַ ליכט, אַז מער ווי אַ קאַריקאַטור פון זעלבסשטענדיקייט דערשיינט ער פאַר אונז נישט. נאָר דאָ איז משמעות שוין שולדיק דאָסטאָיעווסקיס לכתחילהדיקע בטולדיקע באַציונג צו דער יוגנט, צו די אַלע, וועלכע האָבן אין זיין צייט שוין זיך אָנגעשטעקט מיט נייערע אידייען, מיט געדאַנקען, וועלכע זענען להיפּך דעם פאַרשימלטן קאָנסערוואַטיזם. אין אַלע ענלעכע פאַלן

שילדערט דאָסטאָיעווסקי די יוגנט נישט אָן איראָניע.

דעם בעסטן ביישפּיל האָבן מיר אין „אייביקער מאַן" גופא, ווען ער לאָזט וועלטשאַנינאָוון איראָניזירן און חוזק מאַכן פון דעם יונגן ניינצן יאָריקן סטודענט, וועלכער קומט צו טרוסאָצקין פּראָטעסטירן, פּאַרוואָס ער, אַזאַ אַלטער עובר-בטלניק, וויל ביי אים מיטן כח פון געלט, צונעמען זיין כלה, אַ מינדעריאָריק מיידל. מען פילט בולט דאָסטאָיעווסקיס איראָניע איבער דעם באַגייסטערטן אַ ביסל נאַיוון יינגל.

נאָר דאָס אַלץ, ווי מיר האָבן שוין טיילווייז געזען, נעמט זיך פון סקעפּטיציזם בנוגע דער גייסטיקער און מאָראַלער איבערוואָג מצד דעם נייעם דור לגבי דעם אַלטן. הגם מיר האָבן אויך געזען אַז בדרך כלל גענומען, איז זיין סימפּאַטיע פּאָרט ביים יונגן דור. ער קען אָבער דאָך נישט גרינג שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דאָס נייע איז לגמרי בעסער און געזונטער ווי דאָס אַלטע. עפּעס ווי ער וואָלט מורא געהאַט זיין סימפּאַטיע איינגאַנצן אָנצופאַרטרויען אויף אומדערפאַרענע יונגע הענט.

און דאָס איז טאַקע די טראַגעדיע פון דאָזיקן קראַנקן גאון, וועלכער האָט געזען דאָס מענטשלעכע לעבן אין אַ תהום און נישט געזען קיין שום ליכטיקן אויסגאַנג צו אַ שענערן און בעסערן לעבן אין אונזער צוקונפט.

2

ס׳וואָלט אָבער פאַלש געווען צו דרינגען, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט אַ פּאָזיטיווע באַציונג צום פאַמיליען לעבן. הגם ער רירט נישט אָן די יסודות פון דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, קומען אָבער אין זיינע ווערק צום אויסדרוק מער שאָטן-זייטן פון פאַמיליען-לעבן, ווי העלע. די וויכטיקסטע טראַגישע פועל יוצאס פון אַ ראַציאָנאַלן פאַמיליען-לעבן און נאָך

מער — פון די פאַלשע געזעצן, וועלכע מישן זיך אַריין אין דער ליבע צווישן געשלעכטער, איז — דאָס פּראָבלעם פון די „אומגעזעצלעכע" קינדער. קינדער, וועלכע זענען דער פּראָדוקט פון ריינער ליבע, זענען אין דער געזעלשאַפט נישט גלייכבאַרעכטיקט מיט די סאַנקציאָנירטע דורכן געזעץ. אמת, אין מערב־אייראָפּע איז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם נישט אַזוי צוגעשפּיצט ווי אין מזרח. אָבער אויך דאָרך דאָמינירט נישט דער פּרינציפּ פון אַבסאָלוטער גלייכקייט צווישן די דורכן געזעץ סאַנקציאָנירטע און נישט סאַנקציאָנירטע. דאָרט איז מען פּשוט געצוואונגען צו אַנערקענען די זאַך דעפאַקטאָ, אַרויסגייענדיק פון פּראַקטיש־פּאַטריאָטישע סבות... אָבער צו קיין לכתחילהדיקע גלייכבארעכטיקונג און אָנערקענונג דעפּרינציפּ, איז די געזעלשאַפט נישט דערוואַקסן.

דאָסטאָיעווסקי נאַטירלעך, ווייזט דאַרויף נישט אָן. אָבער אומדירעקט קריגן מיר עס אַרויס פון זיינע איבערגעגעבענע פאַקטן אין יענע טיילן פון זיינע ווערק, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט די טראַגעדיעס פון „אומגעזעצלעכע" קינדער.

נעמען מיר למשל, די געשיכטע מיט דער יתומהלע נעלי אין „דערנידריקטע און באַליידיקטע", וועלכע איז אַ פּרוכט פון איר מוטערס ריינער מענטשלעכער ליבע צו אַן אויסוואורף. די גאַנצע טראַגעדיע, וואָס טרייבט איר מוטער צום טויט, דורך דעם פאַנאַטישן זיידנס פאַרשטויסונג און דעם סוף כל סופיקן טויט פון דער קליינער יתומה, — נעמט זיך דאָך דאָס אויסשליסלעך דערפון, וואָס דער אַלטער פאַנאַטיקער איז אַליין אַ קרבן פון פאַרקריפּלטע געזעלשאַפטלעכע באַגריפן און דורך דעם, וואָס די פאַרשטויסענע, אַליין אַ קינד פון אַ באַשטימטער סביבה, קען זיך נישט אויפהייבן איבער די פאַלשע השגות און און רעכנט זיך מיט דער געזעלשאַפטלעכע מיינונג: זי ליידט און שעמט זיך מיט איר ליבע ווי מיט איר פּרוכט, דאָס קינד. אמת, אַז דערפון ווערט ביי איר סוף כל סוף אַ פאַרביטערונג אויף דער געזעלשאַפט און די דאָזיקע פאַרביטערונג גיט זי

אויך איבּער איר קינד און די קליינע יתומה קען שוין נישט שלום מאַכן מיטן לעבּן אַפילו דעמאָלט, ווען זי שליסט זיך אָן אין גוטע מענטשן, וועלכע פילן איר מיט און טוען איר גוטס. אָט אין וואָס עס האַנדלט זיך סוף כל סוף: אין דער ווירקונג וואָס אַזאַ דערציִונג קען האָבּן אויף דער נשמה פון קינד. און אין דעם גייט עס דאָסטאָיעווסקין דעם פאַרטיידיקער און ליבּהאָבער פון דעם קינדס נשמה.

אַן ענלעכע געשיכטע האָבּן מיר אויך אין „אידיאָט" מיט דער גערודפטער באַליידיקטער יתומה מ אַ ר י אין דער שווייץ, צוליבּ איר „אומלעגאַלער" ליבּע. דאָרט זען מיר, ווי שעדלעך עס ווירקט דער ביישפּיל פון דאָס רודפן דער אומגליקלעכער מצד די דערוואַקסענע אויף דער דערציִונג פון די קינדער, און נאָר דעם „אידיאָטס" אויסערגעוויינלעכע מי ביים איבּערצייגן די קינדער אין דער אומגערעכטיקייט פון די דערוואַקסענע און אין זייער אומבּרחמנותדיקייט צו מענטשלעכע ליידן, געלינגט עס אים די קינדער צו פאַרוואַנדלען פון שונאים אין ליבּהאָבער און מיטפילער. דאָס איז די ווירקונג פון ראַציאָנאַלער דערציִונג.

דאָס זעלבּע האָבּן מיר אויך אין אונזער איצטיקער דערציילונג: „אייביקער מאַן". אַ ענלעכע געשיכטע מיטן אַכט-יאָריקן מיידעלע ל י ז אַ, אויך אַ פּראָדוקט פון „אומלעגאַלער" ליבּע, הגם שוין אַ ווייניקער טראַגישע אין אויסערלעכן זינען, ווייל זי קומט פון פּשוטן אָפּנאַרן דעם מאַן. אָבּער פאַרן קינד גופא איז עס נישט ווייניקער טראַגיש, דערפאַר וואָס זי ליידט פון באַוואוסטזיין, אַז זי איז איבּעריק אויף דער וועלט. די מוטער שטאַרבּט און פון כלומרשדיקן פאָטער געניסט זי האַס און פאַראַכטונג, שטאָט ליבּע. און דאָס קומען אין קאָנטאַקט מיטן אמתן פאָטער, באַליידיקט איר עמפּינדלעכקייט נאָך מער, און אויך זי שטאַרבּט מיט אַן אינעווייניקסטער קללה צו דער סבֿיבֿה.

די טראַגישקייט אַלזאָ, איז אומפאַרמיידלעך ביי די געגעבּענע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען. און דאָס שרייט שוין

ממש אַרויס פון דאָסטאָיעווסקיס ווערק.

איז אָט די אַלע דערמאָנטע און מיליאָנען נישט דער־מאָנטע ענלעכע טראַגישע קאָנפליקטן, זענען דער פועל יוצא פון שלעכט - אָוועקגעשטעלטן פאַמיליען־לעבן אַפּאַראַט, וואָס פונקציאָנירט פאַלש. די כלומרשטע „הייליקייט" פון פאַמיליע שאַפט אַ יסוד פאַר טראַגעדיעס, צוליבן אַריינמישן זיך פון געזעץ אין סאַמע הייליקטום פון דער מענטשלעכער נשמה, פון די אינטימסטע מענטשלעכע געפילן. דאָס באַשטימען: „כשר" אָדער „טריף" איז אַ חוזק איבערן מענטש און איבער זיין מאָראַליש-עטישן מצב.

נאָך טראַגישער בלייבט אין דעם פאַל די לאַגע פון דער פרוי. זי מוז אומפאַרמיידלעך אָרגאַניש און פסיכיש טראָגן די קאָנסעקווענצן פונם שקר, וועמעס יסוד ס'שטעקט אויך אין דער פרויס באַזונדערער לאַגע אין דער געזעלשאַפט. דאָס באַפרייען דער פרוי פון יענער געזעלשאַפטלעכער פאַרשקלאַפונג גייט האַנט ביי האַנט מיט דער איבעראַנדערשונג פון דער אַנטי-ראַציאָנאַלער חתונה-אינסטיטוציע אויף אַ נייעם יסוד פון פרייען אויסקלויב צווישן די געשלעכטער, אָן דער קאָנטראָל און אַריינ־מישונג פון געזעץ. נאָר דאָס איז איינציק מסוגל צו פאַרמיידן טראַגעדיעס ענלעכע, ווי מיר זען עס אין לעבן און אין דאָסטאָ־יעווסקיס ווערק.

3

ווי אַזוי די סאַנקציאָנירטע פון געזעץ „הייליקייט פון פאַמיליע" זעט אויס אין שיין פון דערווירקלעכקייט, פאַר־שפאַרט מען אויך צו רעדן.

אַז פאַרראַט, אָפּנאַרעריי — אָפענע צו פאַלשע, — פילט אָן דאָס גאַנצע פאַמיליען-לעבן — איז איבריק אָנצעווייזן. אונ־זער גאַנץ געזעלשאַפטלעך לעבן ווערט צופרעסן פון אָט דער מכה. און מאָדנע: גראָד דער קלאַס, וועלכער סאַנקציאָנירט דאָס

געזעץ זינקט אין שמוץ פון דער דערמאָנטער פּלאָג. און ס׳איז נישט קיין וואונדער: די מאַטעריאַליזאַציע פון אונזער לעבן, די דעמאָראַליזאַציע און גייסטיקע דעקאַדענץ, דער געיעג נאָך אי- בערנאַטירלעכן לוקסוס — האָבן אינגאַנצן אַטראָפירט די אַמאָלי- קע פאָרמען פון מענטשלעכער פאַרייניקונג אויפן בלויזן יסוד פון ליבע.

אמת, אין דער בירגערלעך-בורזשואַזער געזעלשאַפט איז זינט אַלע צייטן דאָס חתונה האָבן געווען פאַרבינדן מיט גע- שעפט, מיט פאַרזיכערן מאַטעריעל די פרוי צו אַ מאַן אַ פאַר- דינער, אַ מאַן אַ פאַרזאָרגער; אָבער צו אַ פולשטענדיקע ירידה איז עס דערגאַנגען אין לעצטן נאָך מלחמה-פעריאָד, ווען דער הערשנדיקער קלאַס איז מאָראַליש פאַרווילדעט און וויל פאַר- טאַנצן דעם געשלעכטלעכן אונטערגאַנגס-משפט, אין שכרות פון זנות. אין אַזאַ צייט זענען פאַרשווינדן געוואָרן די רעשטלעך סענטימענטן צו דער ליבע, וואָס איז נאָך געבליבן פון די אַלטע צייטן, פאַר וועמען יענע ראָמאַנטישע פאָעזיע איז גע- בליבן אַ מצבה...

איז זיך דעריבער נישט צו וואונדערן, ווען פאַראַט איז דער נאַטירלעכער באַגלייטער פון בירגערלעכן פאַמיליען-לעבן, ווען די פרוי פאַרקויפט זיך צום ערשטן בעסטן צ אָ ל ע ר, מיט דער לכתחילהדיקער כּונה שפּעטער זיך אָפּצוגעבן וועמען דאָס האַרץ וועט גלוסטן. דער מאַן איז אַ שילד צו פאַרדעקן סיי דאָס געזעץ, סיי די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. און ער... ער מאַכט זיך סיי ווי סיי ווייניק דערפון; ער האָט אויך פריי הענט... און אַז עס ענדיקט זיך אַמאָל דורך אַ רעוואָלווער, איז וואָס? ס׳זענען אַוועק די צייטן פון צוואַנג...

אַזוי זעט אויס דאָס בירגערלעכע לעבן אין אונזער צייט, און אַזוי, נישט בעסער האָט אויסגעזען אין דאָסטאָיעווסקיס צייטן. באַפרייט זענען — בדרך כּלל גענומען —נאָר די אָרימע, צוליב דער פשוטער סיבה, וואָס דאָס שווערע לעבן און זאָרג פאַר עקזיסטענץ, שפּאָרט זיי איין די זאָרג וועגן לוקסוס, נאָך וועמען די אויסגעלאַסנקייט שלעפּט זיך אומבאַדינגט נאָך.

ס'איז אַלזאָ קלאָר, אַז דער ווייט גרעסטער פּראָצענט לייכטזיניקע פרויען רעקרוטירט זיך פון די „העכערע״ קלאַסן. ביי די דאָזיקע איז דאָס פאַרראַטן דעם מאַן — אָדער פאַר־קערט — נישט בלויז אַ מאַטעריעלער מאָטיוו, נאָר פּשוט אַ מיטל אויסצופילן די גייסטיקע פוסטקייט און אידייענלאָזיקייט, בפרט ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז דאָס טוט מען אָפּ דעם פאַרהאַסטן מאַן, וועמען מען האָט זיך פאַרקויפט צוליב זיין רייכקייט. ווי קען מען אונטערדריקן די אייגענע געפילן און אַזעלכן בלייבן געטריי ?.. מען קען אויך צורעכענען אַ געוויסן טייל פרויען, די סתם פּאַטאַלאָגישע נייגונג אָפּצונאַרן אָן שום סיבה... אָבער — אַלע סבות שטאַמען פון איין צענטראַל־שורש: דאָס שלעכטע פאַמיליען־געזעץ, וואָס פאַרשקלאַפט איינעם צום צווייטן און באַזונדערס די פרוי, וועלכע ווערט לכתחילה דער־צויגן אין גייסט פון שקלאַפעריי און מינערווערטיקייט לגבי דעם מאַן. ער, דער מאַן, פילט זיך אַלס אומבאַגרענעצטער הערשער, האַלט פאַר כּשר צו טון פאַר זיך דאָס, וואָס פאַר זיין פרוי הייסט עס פאַרראַט און פאַרברעך. אַזעלכע באַדינגונגען האָבן געמוזט ווירקן אויף דער פרויס פּסיכיק צו וועלן דערפילן די אייגענע זעלבשטענדיקייט דורך שענקען איר ליבע וועמען איר האַרץ גלוסט.

וואָלט אין לעבן געהערשט דער פּרינציפּ פון פ ר י י ע ן אויסקליב, פון אומגעצווינגענער פאַרבינדונג און אומגעצווינ־גענער שיידונג, אַ פאַרבינדונג אויפן יסוד פון אַ נישט־קאָנט־ראַקטירטע צייט פון געפילן־אָנהאַלט, וואָלט פאַררעט און שקר געווען אויסגעשלאָסן. איז עס אָבער אין די עקזיסטירנדיקע באַ־דינגונגען אוממעגלעך. דעריבער — דעריבער בלייבט די טראַ־געדיע פון „אייביקן מאַן״, ווי דאָסטאָיעווסקי האָט עס זייער גע־לונגען באַטיטלט, דאָס מיינט דער, וועלכער שפּילט אייביק די ראָלע פון אַ מ אַ ן, אָבער נישט קיין געליבטער פאַר זיין וויי־בס, וועלכע פאַרוועט אירע ליבעס הינטער דעם מאַנס פּלייצעס, ווי מיר זען עס אין דאָסטאָיעווסקיס דערציילונג.

אָבער ווי גערירט מיר זאָלן נישט זיין צוליב זיינע מענטש־

לעבע ליידן, קענען מיר אים נישט מער ווי באַדויערן ווי אַלט קרבן פון אַ שלעכט סיסטעם; וואָרום ער, דער קרבן ווייסט, אַז די נאַטור איז זיך נוקם אין אירע אַליין-באַשאַפענע קריפּלען, פּונקט ווי ס'זענען זיך די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען נוקם אָן די, וועלכע רעוואָלטירן נישט געגן די פאַרקריפּלטע לעבנס-פאָרמען, אָן די, וועלכע קלאַמערן זיך מיט ציין און נעגל אין די פאַרשימלטע באַגריפן און האָבן טענות, ווען דאָס לעבן שטעלט זיי אַרויס אַ פייג...

4

טרוסאָצקי, דער הויפּט העלד פון „אייביקן מאַן", וועמעס ווייב פאַראַט אים איר גאַנץ לעבן מיט אַלע זיינע הויזפריינט סתם אָן שום סיבה, פון וועלכן ער דערוואוסט זיך ערשט נאָך איר טויט דורך דער געפונענער קאָרעספּאָנדענץ אירער, אַ דאַנק וואָס ער דערוואוסט זיך אויך, אַז דאָס קינד איז נישט זיינס, נאָר אַ צווייטנס, — טרוסאָצקי ווערט ביי דאָסטאָיעווסקין אַ פּראָטאָטיפּ פון אַן „אייביקן מאַן", דאָס הייסט אַזעלכער, וועלכער איז ווי באַשאַפן מען זאָל אים נאַרן. אַזעלכער וועט אייביק זיין מאַן און קיינמאָל זיך נישט דערהויבן צו דער מדרגה פון... געליבטן. דאָסטאָיעווסקי רעדט אַ סך וועגן דאָזיקן טיפּ מאַן. מיט איראָניע און סאַרקאַזם רעדט ער וועגן אָט די קליינבירגערלעכע פאַרשוינען, וועלכע זען נישט און הערן נישט, וואָס הינטער זייערע פּלייצעס טוט זיך, אָדער ריכטיקער: מאַכן זיך נישט זען, ווייסנדיק, אַז מען איז געגן ווייב שוואַך, און מען קוקט איר מיט הינטישער הכנעה אין מויל אַריין, זייענדיק גליקלעך אויב יענע וואַרפט אַמאָל צו אַ ביינדל... פאַראַן אויך פּרימיטיווע ערלעכקייט ביי אַזעלכע פאַרשוינען, וואָס מאַכט זיי נישט מסוגל צו פאַרשטיין זייער אומגליק, ביז זי פּרעסט זיי אויף. דער דאָזיקער עלעמענט איז בכלל נישט קאַמפּס-פעיִק געגן גורל און געגן אומשטענדן.

אַזעלכער קען זיך מאַכן נישט זען — הגם אינערלעך וועט ער ליידן — אַבי נישט אַרויסרופן סקאַנדאַלן, אָדער צוליב דער מורא איר אינגאַנצן נישט צו פֿאַרלירן. נאַטירלעך זענען אויך אין דעם פּרט פֿאַראַן טראַגעדיעס טיפֿערע, וועלכע זענען שוין אַ דירעקטער פּועל יוצא פֿון ווייבערישער פֿאַלשקייט. נאָר דאָסטאָיעווסקי שטעלט זיך דערויף נישט אָפּ. ער קאָנסטאַנטירט בלויז דעם „אייביקן מאַן"-טיפּ. אבער אויך אין דאָזיקן טיפּ איז פֿאַראַן ריין מענטשלעכס און טאַקע אין דער צעקראָכנקייט, וואָס דריקט זיך אויס דורך מוחל זיין דער, וועלכע נאַרט אָפּ...

אמת, ער, טרוסאָצקי, האָט אַזאַ מחילה-געלעגנהייט נישט, צוליב זיין ווייבס טויט. אָבער ס'באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז ער איז אויף אַזאַ טאַט פֿעיִק און דאָס איז אַ בעסערע מדרגה ווי רעאַגירן דורך בלוט-נקמה. סוף כּל סוף איז דאָך דאָס לעבן נישט אַזוי פּשוט ווי מען מיינט, און נישט שטענדיק קען מען דעם מענטש פֿאַראַנטוואָרטלעך מאַכן פֿאַר צושפּילטע ליידנשאַפֿטן און עמאָציעס, נישט תמיד געלונגט די נאַטור צו צוימען, כּדי אויסצומיידן קאָמפּליקאַציעס. הייגט ווי-זשע זאָל מען אַזויפֿיל באַשולדיקן? איז דאָך דער מענטש אָפּהענגיק פֿון פֿאַרשידענע אויסערלעכע אימפּולסן; ווערט ער דאָך אין אַ סך פּרטים אַ שפּילצייג אין די הענט פֿון לעבנס-סטיכיע. איז דען נישט גלייכער פֿאַרשטיין און מוחל זיין, איידער — באַשולדיקן און נקמה נעמען?...

טרוסאָצקי איז אפשר איינער פֿון די אויף מחילה-גרייטע פֿאַרשוינען. אָבער זיין אומגליק און דאָס באַוואוסטזיין פֿון אָפּגענאַרטן לעבן און גליק, באַהערשט שטאַרק זיין נשמה. ער קומט זיך צונויף מיט זיין געגנער, מעגלעך אַז מיט דער בפֿירושער כּוונה זיך דורכצושמועסן, באַגעגענען פֿון יענעמס פֿריינטלעכקייט, באַדויערונג און מיטגעפֿיל, כּדי צו קענען מוחל זיין און דערמיט אפשר אָפּשוואַכן זיינע ליידן. אָבער — זיין געגנער, וועלטשאַנינאָוו איז אַ קאַלטער טרוקענער פֿאַרשוין, אָן אַ טראָפּן געוויסן. צוליב זיין „הויכער" געזעלשאַפֿטלעכער לאַגע האָט ער גענוג חוצפּה זיך צו רייצן מיט זיין געקרענקטן

גענגער, דעם „אייביקן מאַן", און ביזן סאַמע סוף פון דראַמאַ-טישן קאַמף צווישן דיביידע פאַרשוויגענע, ווייזט וועלטשאַנינאָוו נישט אַרויס די מינדעסטע פאַרשטענדעניש פאַר יענעמס ליידן, שוין אָפּגערעדט פון מחילה. ער האַלט זיין ראָמאַן מיטן געג-נערס פאַרשטאָרבענער פרוי פאַר אַ גאַנץ פּשוטע און זעלבסט-פאַרשטענדלעכע דערשיינונג, וואָס ווערט נאָך מער באַרעכטיקט צוליב זיין געזעלשאַפטלעכער לאַגע, אַ קאַמף הייסט עס, צווישן כּחות און די רעכט איז, ווי אין אַלע אַנדערע פּרטים, ביים שטאַרקן... דאָס איז אַ טיפּישער ציניזם מצד יענעם קרייז מענטשן, וועלכע זענען בכלל נישט מסוגל צו טראַכטן מענטש-לעך און פילן יענעמס ליידן, וואָס זיי זענען גורם ביים אַריינ-דרינגען חוצפּהדיק אין יענעמס אינטים ווינקל... זיי שטערן נישט פרעגנדיק און נישט רעכענענדיק זיך מיט גאָרנישט. און דאַריבער — דאַריבער איז דער „אייביקער מאַן" דער געזעל-שאַפטלעכער קריפּל וואָס איז פאַרמשפּט צו ליידן און אונטער-גאַנג. און ליידט ליידט ער אַפילו צום סוף, ווען... ער האָט ווידער חתונה, כּדי... ווידער צו שפּילן זיין אייביקער מאַן-ראָ-לע... מיר זען עס אין זיין ציטערן פאַר זיין אַלטן שונא וועל-טשאַנינאָוו, טרעפנדיק זיך מיט אים אַ צייט שפּעטער אונטער-וועגנס, און ווען זיין ניי ווייב פאַרבעט ווידער וועלטשאַנינאָוון צו גאַסט...

מיאוס איז די ראָלע פון אַזאַ קנעכטישן אייביקן מאַן. אָבער דאָסטאָיעווסקי באַנוגנט זיך מיט אָפּלאַכן פון אַזאַ איינעם. פון זיך אַליין ווערט אָבער קלאָר די צופעליקייט פון דעם חתונה-פונדאַמענט, אַ דאַנק וועלכן אַזעלכע אייביקע מענער-סי-טואַציעס זענען מעגלעך.

* * *

אין דער טראַגישער געשיכטע מיט דער קליינער ליזאַ, וועלכע שטאַרבט צוליבן באַוואוסטזיין, אַז זי איז אַן איבריקע און נישט אַנערקענטע פון אירע צוויי טאַטעס, די וועלכע שטאַרבט

מיט האס און פאראכטונג צו אלעם ארום,—ווי ד'ערמאָנט עס אין דער קליינער נ ע ל י פון „דערנידריקטע און באליידיקטע"? ביי-דע זענען קרבנות אויפן מזבח פון דער פאלשער ווירקלעכקייט דאָסטאָיעווסקי מאכט בולט די אומנאָרמאלקייט פון די פארהעלט-נישן, וועלכע זענען גורם אזעלכע קינדער-קרבנות, א זאך, װאָס וואָלט לכתחילה געווען אויסגעשלאָסן ביי נאָרמאלע בא-דינגונגען, ווען: ליבע זאָל זיין דער איינציקער נאטירלעכער אויסוועג פאר פרייער-פארבינדונג; ווען די פרוכט פון ליבע זאָל זיין אין דער זעלבער לעגאלער לאגע ווי די דורך געזעץ-סאנקציאָנירטע.

דאָס איז א גרויסער שווערער פראָצעס פון איבערוואנ-דלונג. אָנגעהויבן האָט ער זיך אין דאָסטאָיעווסקיס לאנד, אין לאנד פון די טרוסאָצקיס, וועלטשאנינאָווס, נעליס און ליזאס...

VII

1

דאָסטאָיעווסקיס ערשטע פרוי, מאַריאַ דימיטריעוונאַ איסאַיעוונאַ איז געווען אַ טאָכטער פון באַאַמטן אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויש איסאַיעוו, אין דעם שטאָט סעמיפּאַלאַטינסק. אין ערשטן פּעריאָד פון דאָסטאָיעווסקיס לעבן, בעתן פאַנאַנדערבלי פון זיין טאַלאַנט און רום, האָט זיין ערשטע פרוי געשפּילט אַ נישט קליינע ראָלע, הגם דאָס איז נישט געווען זיין איינציקע און נישט די לעצטע ליבע. ווי אַלץ אין לעבן, האָבן זיך זיינע ליבעס אויסגעצייכנט מיט זייער שטורמדיקע ברויזנדיקייט, אַלס אויסדרוק פון זיין כאַראַקטער. די געשיכטע אָבער פון זיין ערשטער ליבע צו מאַריאַ דימיטריעוונאַ איז ווייניק באַקאַנט, ווייל די פיל בענדיקע בריוו זאַמלונג צו זיין ערשטער פרוי זענען עד-היום נישט געפינען געוואָרן, אין קעגנזאַץ צו די צאָלרייכע בריוו-זאַמלונגען — גאַנצע צוויי בענדער — וועלכע ער האָט געשריבן צו זיין צווייטער פרוי, וואָס זענען יאָ געפינען געוואָרן און האָבן אַ גרויסן קולטור-היסטאָרישן ווערט פאַר

דאָסטאָיעווסקי פאָרשונג *). דאָך דערוויסט מען זיך פּרטים פון זיינע באַציִונגען מיט זיין ערשטער פרוי פון זײַטיקע קוועלן, ווי למשל די געפינענע בריוו וואָס דאָסטאָיעווסקי האָט געשריבן צו זיין פריינט דעם באַראָן וורַאנגעל; בריוו צו זיין שוועסטער וואַרוואַרא (וועלכע דינט אים אַגב אַלס פּראָטאָטיפּ פאַר זיין ערשט ווערק: „אָרימע מענטשן״), און ענדלעך — בריוו צו זיין ברודער מיכאַיִל.

בכלל צייכנט זיך דאָסטאָיעווסקי אויס מיט שטאַרקער עמפינדלעכקייט צו פרעמדע ליידן. אַזוי למשל זען מיר, אַז בעת עס שטאַרבט מאַריאַ דימיטריעוונאַס פאָטער (נאָך פאַר זיין חתונה) שרייבט ער צו זיין פריינט וורַאנגעל דעם 14-טן אוי-גוסט 1855:

„כ׳האָב היינט פרי דערהאַלטן אַ בריוו פון קוזנעטשק: דער אָרימער אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש איסאַיעוו שטאַרבט. איר וועט נישט גלויבן ווי שטאַרק איך בין צעבראָכן!״

און דערדאָזיקער מיטגעפיל צו דער פאַריתומטער מאַריאַ, דערוועקט אין אים אַלץ מער דאָס געפיל פון ליבע צו איר. אין זיינע בריוו צו וורַאנגעלען דערמאָנט ער אַלץ אָפטער און מערער וועגן דעם, און אין אַ בריוו פון 21-טן יולי 1856 שרייבט ער אפילו אַ̇ין אַ טאָן פון נישט-זיכערקייט:

„דער חתונה-פאָרשלאַג איז געמאַכט, אָבער — ווי אַזוי חתונה האָבן, ווען דאָס מאַטעריעלע לעבן איז קוים עפּעס גאַראַנטירט״?

און דאָך — דעם 21-טן דעצעמבער שרייבט ער ווידער צו וורַאנגעלען:

„איצט מיין פריינט, וועל איך אייך דערקלערן אַ זאַך, וואָס האָט פאַר מיר גרויס וויכטיקייט. כ׳וועל צו אייך רעדן ווי צו אַ פריינט: פאַר קאַרנאַוואַל גיי איך חתונה האָבן. זי ליבט

*) דאָסטאָיעווסקיס „בריוו צו זיין פרוי״ (פראַנצויזישע אויסגאַבע) נעמט אַרום דעם פעריאָד זינט זיין צווייט חתונה — 1866 — ביז קורץ פאַר זיין טויט — 1880. זיי זענען לעצטנס געפינען געוואָ־ן. א. ב.

מיך ביז איצט. זי ליבט מיך, איך בין עס זיכער. זי האָט קיינ־מאָל קיין סוד נישט פאַר מיר. אָ! ווען איר ווייסט, וואָס פאַר אַ פרוי זי איז! כ'וועל אייך אינפאָרמירן די צייט פון מיין חופה שטעלן".

סוף יאַנואַר 1857 קערט ער זיך אום נאָך אַ לאַנגער ריי־זע, פון אָמסק (פון פאַרשיקונג) צו מאַריאַ דימיטריעווגאַ, און דעם 6־טן מערץ האָט ער חתונה.

שפּעטער שרייבט ער צו ווראַנגלען:

„און אָט איז שוין פופצן טאָג אַז איך בין ביי מיר. מיין טייערער פריינט און ברודער אַלעקסאַנדער עגאָראָוויטש! ווען איר ווייסט ווי פאַרנומען איך בין אין מיין נייער לאַגע, וואָלט איר מיר פאַרגעבן פאַר מיין נישט שרייבן צו אייך".

און דאָך — מוז פעסטגעשטעלט ווערן, אַז פונקט ווי אין לעבן פון אַלע זיינע העלדן, ביי וועלכע ס'מישן זיך געפילן פון עמפינדלעכקייט מיט אכזריות, איז אויך דער מייסטער זייע־רער, דאָסטאָיעווסקי גופא, נישט פריי דערפון. אַ באַשטעטיקונג דערצו איז טאָקע זיין ווייטערדיק צוזאַמענלעבן מיט זיין פרוי, וואָס איז געווען ווייט פון אַ גליקלעך און האַרמאָניש לעבן, הגם מאַריאַ דימיטריעווגאַ, איז נישט אָפּגעשטאַנען אין כאַראַק־טער־איידלקייט פון זיין צווייטער פרוי.

ס'זענען אפילו נישטאָ קיין גענויע פּרטים פון דאָזיקן צו־זאַמענלעבן זייערס. אָבער ווי עס גיט איבער דאָסטאָיעווסקיס טאָכטער ל ו ב אַ אין אירע זכרונות וועגן איר פאָטער, איז די שולד בעווען דאָסטאָיעווסקיס.רעדנדיק וועגן זיין ערשטער חתונה, שרייבט זי:

נאָכן איינאָרדנען זיך אין סעמיפּאַלאַטינסק, האָט מאַריאַ דימיטריעווגאַ איינגעאָרדנט אַ זייער באַקוועמע היים. אָבער דאָס פאַמיליען־גליק איז נישט בעסער געוואָרן. אפילו נאָכן אומקערן זיך פון זיין רייזע איבער אייראָפּע *). דאָס געזונט פון זיין

*) אין — 1863 — לאָזנדיק זיין קראַנקע פרוי אין פעטערבורג, פאָרט ער אין אויסלאַנד אין באַגלייטונג פון אַ נייעם אָביעקט פאַר זיין ליבע..

פרוי פאַרערגערט זיך. ער ציט זיך איבער פון פעטערבורג קיין טווער. דאָ איז דאָס צונויפלעבן ווידער שרעקלעך. סוף כּל סוף פאַרלאָזט ער זי אינגאַנצן און — פאָרט אַוועק קיין פּעטערבורג״.

אָבער...ווען מאַריאַ דימיטריעוונאַ שטאַרבט, ווערט דאָסטאָיעווסקי ווידער פילנדיק. און דעם 15-טן אַפּריל 1864 שרייבט ער צו זיין ברודער מיכאַיל:

„נעכטן האָט מאַריאַ דימיטריעוונאַ געהאַט אַ שרעקלעכן קריזיס. בלוט האָט זיך איר געלאָזט דורכן מויל. זי האָט זיך געזעגנט און געבעטן מחילה ביי אַלעמען, געבנדיק עטלעכע לעצטע פאַראָרדנונגען. זי האָט כּסדר געזאָגט, אַז זי וועט די נאַכט נישט אויסהאַלטן. מאַריא דימיטריעוונא שטאַרבט פּאַמעלעך״.

אויף מאָרגן, דעם 16-טן אַפּריל איז זי שוין טאַקע געווען טויט.

אַ צייט בלייבט דאָסטאָיעווסקי פאַרטרויערט, שרייבט אפילו נישט צו זיין פריינט ווראַנגעל. ערשט נאָך אַ יאָר הפסקה, צום ערשטן יאָרצייט, שרייבט ער צו ווראַנגלען:

„אָ! מיין פריינט! זי האָט מיר געליבט און איך איר אויך, הגם אונזער צונויפלעבן זיך איז נישט געווען גליקלעך. איך וועל נאָך צוגעבן: זייער אומגליקלעך, א דאנק מיין קראַנקהאפטן מרה-שחורהדיקן כאַראַקטער. זי איז געווען אַ פרוי אַ זייער שטאָלצע און איידעלע, מער פון אַלע, וועלכע איך האָב געקענט אין מיין לעבן. ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן, ווי מיין לעבן איז געווען ווייטיקדיק, ווען די ערד האָט איר צוגעדעקט... און אָט איז שוין אַ יאָר פאַרביי און מיין סענטימענט בלייבט אַלץ דער זעלבער״...

אין דערזעלבער צייט קומט אויף דאָסטאָיעווסקין אַ ניי אומגליק: עס שטאַרבט זיין געליבטער ברודער מיכאַיל מיכאַי-

לאָוויטש, וואָס האָט איז זיין לעבן אַזאַ גרויסע ראָלע גע־
שפּילט.

דעמאָלט וואַרפט זיך דאָסטאָיעווסקי צו ליטעראַטור, זוכנ־
דיק אין דעם צו פאַרגעסן זיין צער.

אין 1863 ווערט פאַרמאַכט דער זשורנאַל „ווערעמיאַ״, צו־
ליב סטראַכאָווס אַן אַרטיקל: „די פּאַטאַלע פראַגע״. דאָסטאָיעווס־
קי נעמט זיך אַרויסגעבן אַ נייעם זשורנאַל: „עפּאָכאַ״, וועלכער
האָט אָבער נישט קיין דערפאָלג. דעמאָלט בלייבט דאָסטאָיעווס־
קי אין אַ שווערן מצב, באַלאָדן מיט חובות. ער פאָרט דעמאָלט
קיין אויסלאַנד, פאַרשפּילט זיין לעצטן גראָשן אין רולעטקע. ער
איז אפילו געצווינגען זיך צו ווענדן אין אַ רוסישן זשורנאַל
נאָך אַן אַוואַנס אויפן חשבון פון שפּעטערדיקער אַרבעט. אין
1865 פאַרמאַכט זיך „עפּאָכאַ״ אינגאַנצן און דאָסטאָיעווסקי בלייבט
ווידער אָן מיטלען צום לעבן און מיט אַ חוב פון פופצן טויזנט
רובל. אַ קראַנקער און באַשווערט מיט זאָרגן וועגן דער פאַ־
מיליע פון זיין געשטאָרבענעם ברודער, גיט ער זיך אינגאַנצן
איבער דער ליטעראַטור. ער נעמט זיך ענערגיש צו דער אַרבעט,
און אין 1866 דערשיינט זיין בעסטער ראָמאַן: „פאַרברעכן און
שטראָף״, וועלכער פאַרפעסטיקט דאָסטאָיעווסקיס רום אַלס גרוי־
סער פּסיכאָלאָג פון דער מענטשלעכער נשמה.

דאָס איז געווען נאָך זיין ערשטער קורצער נסיעה קיין
אויסלאַנד און קורץ פאַר זיין צווייטער חתונה און צווייטער
לענגערער רייזע איבער אייראָפּע.

2

און באמת איז פאַרברעכן און שטראָף איינס פון די מערק־
ווירדיקסטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור. דער סאַמע פּסי־
כאָלאָגישסטער ראָמאַן אין משך פון XIX יאָרהונדערט.

ס׳איז איינס פון יענע זעלטנסטע ביכער, וועלכע מען קען

נישט מיט איין מאָל דורכלייענען און זאָגן, אַז מען האָט שוין געענוג. „פאַרברעכן און שטראָף" פאַרסוגעסטיאָנירט דעם לייענער יעדעס מאָל, וואָס מען פאַרטיפט זיך אין דעם. תמיד געפינט מען אין דעם עפּעס נ י י ע ס, עפּעס אַזוינס, וואָס מען האָט דאַכט זיך פריער נישט באַמערקט; שטענדיק בליצט אויף אַ נייער געדאַנק, ווי מען וואָלט עס צום ערשטן מאָל געלייענט. און באמת דאַרף מען דאָס ווערק שטודירן, אויב מען וויל דער-קענען די מענטשלעכע נשמה.

און די סיבה ליגט פּשוט אין דעם. וואָס דאָסטאָיעווסקי ווירקט בכלל נישט אין זיין שאַפן מיט די הערשנדיקע מע-טאָדן פון אויבנאויפיקן באַנעמען און שילדערן דאָס לעבן און געמיטסצושטאַנד פון זיינע העלדן. ער שילדערט נישט קיין צו-פעליקע שטימונגען, אַריבערגייענדיקע אימפּולסן אין דער מענטש-לעכער נשמה, צושטאַנדן, וועלכע זענען רעלאַטיוו צו צייט, סביבה און באַדינגונגען. פאַר דאָסטאָיעווסקין און זיינע שילדע-רונגס-מיטלען, עקזיסטירט נאָר דאָס א י ב י ק ע, דער תוך, דער תמצית פון דער מענטשלעכער נשמה. יענע אַלע אָביעקטן, וועלכע ווערן טערמינירט אויף גוטע און שלעכטע, שיינע און מיאוסע זייטן, וועלכע האָבן זיך פּסיכאָלאָגיש אויסגעפאָרמט און זענען אין אַ געוויסער מאָס קאָנאָניזירט געוואָרן אין משך פון צייטן און דורות.

און דאָ מוז מען נאָכאַמאָל זאָגן, אַז טאַקע: צייט, סביבה און באַדינגונגען האָבן געווירקט דאָס אַלץ צו פאַרוואַנדלען אין באַשטימטע קאָנקרעטע לעבנס-געזעצן, און די דאָזיקע אַלע כאַ-ראַקטער-שטריכן און נשמה-אייגנשאַפטן, וועלן דינען פאַרן פאָר-שער אַלס מאַטעריאַל אויף וועלכן זיך סומך צו זיין, ווי לאַנג יענע פאַקטאָרן וואָס האָבן זיי אַרויסגערופן, וועלן עקזיסטירן. מיטן אָנקומען פון נ י י ע לעבנס-פאָרמען, וואָס וועלן שאַפן אַ נייע פּסיכאָלאָגיע, וועלן זיך אויך ענדערן יענע אַלע אָביעקטן, וועלכע בילדן די אַזוינגערופענע פּסיכאָלאָגישע לעבנס-געזעצן.

מיטן איבערבייטן זיך פון דער מענטשלעכער פּסיכיק,

וזעט די מענטשלעכע נשמה וואָס זאַפּט אײַן זיך אײַך ווי אַ שוואָם אַלע עקזיסטירנדיקע פֿאָרמען — באַפֿרײַט ווערן פֿון אַ סך, אַ סך לײַדן, וואָס דרוקן זי און שטיפּן זי אַראָפּ צום תּהום, אין דער צײַט ווען זי רײַסט זיך כּסדר אין דער הויך, צו פֿאַרפֿולקאָמונג...

דאָס אַלץ ווערט קלאָר יעדעס מאָל ווען מען פֿאַרטיפֿט זיך אין דאָסטאָיעווסקין און מען לעבט זיך אַרײַן אין גורל פֿון זײַנע העלדן, און אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס — „אין פֿאַרברעכן און שטראָף״.

די סוגעסטיווע קראַפֿט פֿון בוך צום לײיענער הויבט זיך אָן פֿון ערשטן בלעטל אָן. מען דערפֿילט גלײַך, אַז מען איז אין מחברס רשות. מען ווערט געצווינגען אויף טריט און שריט זיך אָפּצושטעלן, אַרײַנדרינגען, מיטלעבן, מיטפֿילן דאָס לעבן און די פּאַסירונגען פֿון זײַנע העלדן און טראַגיזם פֿעלט נישט אין דאָזיקן בוך פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע. אָבער דאָ ווערט מען עפּעס טיפֿער געריִרט, ווי מען קען נאָר געריִרט ווערן פֿון אַן אַליין־איבערגעלעבטן אויסגעוויײטיקטן טראַגיזם, צו וועלכן דאָסטאָיעווסקי גיט בלויז דעם אויסגוס.

אָט איז דער שכּור מאַרמעלאַדאָוו מיט זײַן פֿאַמיליע... דאַכט זיך אַזאַ פּשוטע אַלטעגלעכע געשיכטע. איינע פֿון יענע מיליאָנען, וואָס פֿולן אויס אַלע ווינקעלעך פֿון מענטשלעכן לעבן, אַלס פּועל־יוצא פֿון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג, וועלכע רופֿן, דאַכט זיך, שוין נישט אַרויס קיין שום נשמה־אָפּקלאַנג, בעת מען באַגעגנט זיי, — אַ חוץ בײַ פּראָפֿעסיאָנעלע רחמנות־האָבער, וועלכע פֿולן דערמיט אויס אַ... גײַסטיקע פֿונקציע.

אָבער — ווי אַ שטײַגער זעט עס אויס, ווען מען באַגעגנט אַזעלכע העלדן און געשיכטעס בײַ דאָסטאָיעווסקין! וויפֿל בלוטיקער מענטשלעכער טראַגיזם ליגט אין דער אָפּנהאַרציקער פֿאַר דאָסטאָיעווסקיס פֿאַרשוינען אַזוי כאַראַקטעריסטישער דערצײלונג פֿון דאָזיקן שכּור אין זײַן ערשטן באַקאַנטשאַפֿט־

שמועס מיט ראַסקאָלניקאָוון!

...צאַפּלט זיך די מענטלעכע נשמה אין אַ נעץ פון פאַטאַלע באַדינגונגען, וואָס סביבה און עקזיסטירנדיקער לעבנס-סדר וועבן אַרום איר; מוראדיק איז די נעץ פאַרשפּינט פון אומדורכזיכטיקע פעדעם, וועמעס קגויל איז גאָרנישט פאַר קיין אינדיווידום בייצוקומען, אויסצופּלאָנטערן. און ווען אַפילו די דאָזיקע אינדיווידומס זענען מיליאָנען! גאָרנישט זענען די אַלע מיליאָנען. זיי זענען ווי צאַפּלדיקע פישלעך, וועלכע קריכן מערסטנס אַליין אַריין אין נעץ, אָדער ווערן פון שטראָם אַריינגעשליידערט, כּדי זיך צו צאַפּלען ביז... ביז דער פאַר זיי צוגעגרייטער גורל שוואַכט אָפּ אין זיי די צאַפּלעניש און ווידערשטאַנדס-כּוח, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין פאַרצערנדיקן מערסטנס זאַטן שפּייז פאַר... סביבה און באַדינגונגען...

אָט דעם דאָזיקן גאַנצן פּלאָנטער און צאַפּלעניש פון דער מענטשלעכער נשמה, האָט קיינער נישט אַזוי ווי דאָסטאָיעווסקי אָפּגעדעקט און אַנטפּלעקט אין די איבערלעבונגען פון זיינע געפאַלענע העלדן. צו דאָס איז דער שכּורער מאַרמעלאַדאָוו אין „פאַרברעכן און שטראָף” אָדער אַלע אַנדערע ענלעכע פיגורן: די שכּורע, האַלב-משוגענע, אויסגעדינטע, אָדער דימיסיאָנירטע באַאַמטע, גענעראַלן און סתּם פאַנטאַזיאָרן, אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע גרויסע ווערק.

שטענדיק געפינט ער עפּעס שיינקייט און מענטשלעכע גרויסקייט אין די דאָזיקע שפּורים; שטענדיק פּלאָנטערן זיי זיך אַרויסצורייסן פון געפאַלנקייט, פון דער נעץ, וואָס רינגלט זיי אַרום, און שטענדיק איז זייער אונטערגעבן זיך די באַדינגונגען פאַרבינדן מיט ווייטיק, מיט טראַגיזם. און דאָס וויכטיקסטע: שטענדיק בלייבט די געפאַלנקייט סוף כּל סוף נאָר אַן אויסערלעכע, אַ פיזישע און איז אָפּהענגיק, איבעריקס, נאָר פון די באַגריפן מיט וועלכע מען שאַצט זיי; אָבער — טיף צו דער נשמה דערגייט די געפאַלנקייט נישט. טיף אין דער נשמה בלייבט פאַרפאַנצערט דאָס אַבסאָלוטע, דאָס ריין מענטשלעכע

און עס ווייטיקט איבער דעם שמוץ מיט וועלכן עס מוז לעבן בשכנות, און עס הערט נישט אויף צו שטרעבן, צו דערהויבן זיך ווי נאָר דאָס אַרומיקע וועט דערלויבן.

דאָס איז דער גרונט-שטריך פון די אַלע מאַרמעלאַדאָווס, לעבעדקינס, („שדים") און ווי נאָך זיי הייסן. און מיט וויפל העכער שטייען זיי לגבי די יעניקע, וועלכע זענען די פאַרשאַפער פון פיין, די שולדיקע אין דער סביבה און באַדינגונגען פון די מיליאָנען מאַרמאַלאַדאָווס!

3

צווישן די פאַרשידנאַרטיקסטע באַנעמונגען פון פאַרברעך און שטראָף, אַלס פאַראַלעל-גייענדיקע פּראָבלעמען, אין זייער ווירקונג אויפן מענטשלעכן דענקען — איז אַממערסטן כאַראַקטעריסטיש און אפילו אָריגינעל, די מיינונג ווי זי קומט צום אויסדרוק אין אוקראַיִנישן דיכטער ווי נ י ט ש ע נ ק אָ ס ווערק: „ערלעך צו זיך אַליין".

פון אייביק אָן פלאָנטערט זיך דער מענטשלעכער געדאַנק אַרום פּראָבלעם פון פאַרנאַנדערשיידן: ווי אַזוי קען מען באַשטימען אַ וועלכן ס'איז מענטשלעכן טאַט אַלס פאַרברעכן? די געזעלשאַפט האָט זיך איר מאָראַל אין דעם פּרט: אַ פאַרברעכן איז יעדער טאַט, וואָס איז געצילט סיי קעגן אַ יחיד, סיי אַ כלל. זייער פשוט אָבער אויך זייער אומלאָגיש, ווייל די געזעלשאַפט שאַפט אַליין די באַדינגונגען. איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס די געזעלשאַפטלעכע מאָראַל איז נישט מסוגל צו באַפרידיקן קיין שום דענקנדיקן מענטש, וואָס מאַטערט זיך און זוכט צו געפינען אַן אויסוועג פאַר אַ ראַציאָנאַליסטישן יסוד פון דאָזיקן פּראָבלעם.

אמת, דער מאַרקסיסטישער וועלט-באַנעם אין זיין באַנעמען דאָס פאַרברעכן-פּראָבלעם איז אַ מ נ אָ נ ס ט ן צום דערמאָנטן יסוד און ממילא אַמגערעכטסטן. ס'זענען אָבער פאַראַן אַ גאַנצע רייע מאָטיוון פּסיכאָלאָגישע, וועלכע לאָזן זיך נישט אַזוי גרינג

אַריינפּאַסן אין פּאַרטיקע וויסנשאַפטלעך-טעאָרעטישע פאָרמולעס. זיי ליגן טיף אין דער מענטשלעכער פּסיכיק און גרייכן אַזש ביז יענעם מענטשלעכן שורש, וואָס גרענעצט זיך מיטן פּרע-היסטאָרישן פּרימיטיוויזם, פּשוטער: מיטן חיה-מצב פון מ ע נ ט ש. אָט די דאָזיקע מאָטיוון דערפירן אַ סאַך דענקער צום געדאַנק, אַז קיין שום אָרדנונג וועט נישט בכח זיין אויסצעוואָרצלען די ח י ה פון דער מענטשלעכער נשמה. צווישן זיי פאַרנעמט נאַ-טירלעך דאָסטאָיעווסקי דעם אויבנאָן. אָבער ס'איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען די מיינונג פון דערמאָנטן וויניטשענקאָ בנוגע דעם פּראָבלעם, ווייל ער באַנעמט עס — ווי געזאָגט — פון אַ גאַנץ אַנדער ווינקל-קוק.

— וועלכער טאַט קאָן באַצייכנט ווערן אַלס פאַרברעכן?

וו י נ י ט ש ע נ ק אָ מיינט, אַז נאָר יענער טאַט, וואָס ווערט באַגאַנגען אָן שום גענוגנדיקע מאָטיוון, און גענוגנדיקע מאָטיוון מיינט מען נישט די געזעלשאַפטלעכע באַרעכטיקונג אָדער פאַר-משפּטונג פון אַזא טאַט, נאָר פּשוט: די באַרעכטיקונג פאַר זיך גופא. יעדער טאַט, וואָס ווערט געוויינלעך געזעלשאַפטלעך גע-שטעמפּלט אַלס פאַרברעכן, איז עס אָבער נישט, אויב ער ווערט באַוואוסטזיניק דורכגעפירט דורך אַלע חושים און פאַר-וואַנדלט זיך אין אַן אומבאַדינגטע — פאַרן יחיד נאַטירלעכע — נ ו י ט וו ע נ ד י ק י י ט. ריכטיקער: אויב מען ווערט פריער פול-שטענדיק איבערצייגט אין דער אַבסאָלוטער און אומבאַדינגטער נוצלעכקייט פון דעמדאָזיקן טאַט און מען דערפירט דעם גע-דאַנק ביז צו אַן אַקסיאָמע, ביז מען פאַרלירט יעדן ספק אין דער אייגענער איבערצייגונג. נאָך מער: מען איז זיכער אַז דער טאַט וועט אויסגעפירט ווערן אָן אַ שפּעטערדיקע ח ר ט ה. נאָר אין דעם פאַל ווערט דער טאַט אויס פאַרברעכן. אין קעגנ-פאַל אָבער, אויב דער טאַט איז דער פועל-יוצא פון אַ צופעל-ליקייט, בלייבט עס אַ פאַרברעכן, וואָס דאַרף באַשטראָפט ווערן.

ווי לאָגיש דידאָזיקע מיינונג זאָל נישט זיין, בלייבט זי אָבער דאָך נישט מער ווי אַבסטראַקטע טעאָריע, וועלכע קען אין באַטראַכט נישט גענומען ווערן ביים קוקן אויף באַרברעכן

אַלס רעאַל־פּראָבלעם, ווייל דער פאַרברעך שטיצט זיך שטענדיק דוקא אויף דעם צופאַל, ווייל די מענטשלעכע מעשים זענען אַ פועל־יוצא פון געפילן, פון אימפּולסיווע אויסגוסן און כמעט קיינמאָל נישט פון מאַטעמאַטיש באַגרינדעטע אויסגעמאָסטענע פאָרמולעס. און אַט אַזוי טאַקע האָט עס באַנומען דאָסטאָיעווסקי. זיין ראָמאַן „פאַרברעכן און שטראָף" אַנאַליזירט טאַקע די טעאָריע פון געפיל און געדאַנק. פון טעאָריע ביז פּראַקטיק.

4

ס'וועט נאָך אויסקומען שפּעטער, ביים רעדן וועגן דאָסטאָיעווסקין און זיינע אידייען, ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין זיינע ווערק, אָנצעווייזן, אַז, וואָס שייך סאָציאַלע פּראָבלעמען איז דאָסטאָיעווסקי ווייט פון סאָציאַליזם, הגם ס'שרייט פון יעדן ווערק אַרויס דער פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. אָבער דאָסטאָיעווסקי לייגט בטבע נישט דעם טראָפּ אויף דעם שורש, אויף די סאָציאַלע באַדינגונגען, וואָס טרייבן זיינע העלדן צו פאַרברעכנס, אָדער צו סתם שלעכטע מעשים. ווי יעדער גרויסער מענטש און קינסטלער, איז ער שוין בטבע פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. ווי אַ סך אַנדערע גרויסע פּערזענלעכקייטן נעמט זיך זיין נעגאַטיווע באַציִונג צום סאָציאַליזם אַלס באַוועגונג וואָס צילט אויך צו דער פאַרבעסערונג פון דער מענטשלעכער נשמה — הויפּטזאַכלעך דערצו, וואָס ער גלויבט נישט אין דער מעגלעכקייט אויסצובעסערן דעם מענטש; ער גלויבט נישט אַז מען וועט אויסוואָרצלען דאָס איינגעבוירענע שלעכטס פון דער מענטשלעכער נשמה, ווייל עס גייט פּאַראַלעל מיטן גוטן פון דער מענטשלעכער נשמה.

נאָר וועגן דעם וועט נאָך אויסקומען צו רעדן.

דאָ מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז וואָס שייך פאַרברעכן און שטראָף, איז נישט געווען נויטיק צו שטעלן דעם טראָפּ אויף דער סאָציאַלער זייט פון פּראָבלעם. דאָס דאָזיקע קומט שוין ממילא צום אויסדרוק אין גאַנג פון די שילדערונגען. וויכטיקער איז אָן ספק די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, אויף וועלכע דאָסטאָיעווסקי באַזירט זיין ווערק.

ווייל סוף כּל סוף טאָר מען נישט די זאַך אָפּפּטרן פּשוט: שולדיק איז די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג, וועלכע איז גורם פאַרברעכן. א. א. וו. ס׳איז שווער זיך צו שטעלן אויף אַזאַ יסוד, ווען עס האַנדלט זיך אין פּטרן מענטשלעכע לעבנס. ס׳איז דאָך דער געוויינלעכער צווייעקעדיקער שטעקן, וואָס מאַכט דעם קרבן פון פאַרברעכן אויך פאַר אַ קרבן פון דער אָרדענונג, ווי ס׳איז למשל דער פאַל מיט דער פּראָצענטניצע, וועלכע ראַסקאָלניקאָוו האָט דערמאָרדעט. פּערזענלעך איז זי דאָך אויך געווען אַ פּראָדוקט פון באַדינגונגען, וועלכע זענען אָפּהענגיק פון געזעלשאַפטלעכן שורש, און מיטן באַזייטיקן איר נפש רירט מען אַלץ נאָך נישט אָן דעם שורש פון דער זאַך: ס׳וועלן אויסוואַקסן אַנדערע פּראָצענטניקעס. ס׳איז נישט קיין סך בעסער ווי מיטן אינדיווידועלן טעראָר אַלס פּאָליטישער קאַמפּס-מעטאָד. סדערנענטערט נישט צום ציל. און ווען אַפילו דער ציל, וואָלט געווען בלויז אַן עגאָיסטישער, ריין פּערזענלעכער, וואָלט עס אַלץ נישט געווען באַרעכטיקט, וועלכע טעאָרעטישע פּשטלעך מען זאָל דאָ נישט אָנווענדן. וואָלט אַזוי געשטאַנען די פראַגע פון ראַסקאָלניקאָווס מאָרד, וואָלט מען אים געקענט צורעכענען צו אַלע אַנדערע פאַרברעכערס. האָט אָבער צום גליק דאָסטאָיעווסקי זיך נישט פאַרנומען אויף דער סאָציאַלער זייט, אויף דער ברייט, נאָר אין די טיף, און אויפזוכנדיק דאָס פּסיכאָלאָגישע ווערט שוין די זאַך קאָמפּליצירטער. האַנדלען האַנדלט זיך עס דאָ קודם כּל אין אַריבערטראָגן אַן אויסגעפּשטעלטע טעאָריע, וואָס איז זייער לאָגיש באַגרינדעט — אין לעבעדיקן לעבן אַריין. און

אויף דעם וועג גייענדיק, דערגייט דער סאָציאַלער תּוך נישט מער ווי צו דער מדרגה פון אַן אָנצינדער פון דאָזיקן פאַר־ברעכען־געדאַנק, אַלס טרייב־כּח דעם מאָרד צו באַגיין. אָבער — צוגלייך פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ ריין פּסיכאָלאָגיש פּראָבלעם.

5

כּדי אונטערצושטרייכן דאָס סאָציאַלע פון ראַסקאָלניקאָווס מאָרד, איז געווען אָנצעווייזן, אַז לויט זיינע כאַראַקטער־אייגענשאַפטן, זיין עמפּפינדלעכקייט צו פרעמדע ליידן, איז אָן ספק זיין מאַטעריעלע לאַגע געווען דער טרייב כּח צום מאָרד־געדאַנק. ס'איז אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן, אַז ווען דער זעלביקער ראַסקאָלניקאָוו זאָל לעבן אין דערטרעגלעכע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און נישט זיין אַזוי באַזאָרגט וועגן גורל פון דער געליבטער מוטער און שוועסטער, — וואָלט ער אויף געקומען צום מאָרד־געדאַנק. דאָס איז קלאָר אַפילו פאַר דאָסטאָיעווסקין. אָבער דאָס נוצט אים אַלס קאַנווע פאַר זיין הויפּט געדאַנק: צי קאָן מען באַגיין אַ פאַרברעכן אין בלייבן אומבאַשטראָפט מצד דעם אייגענעם געוויסן? — אָט אויף דעם יסוד אַנטוויקלט זיך דאָס גאַנצע פּראָבלעם.

וואָס האָט ראַסקאָלניקאָוו סוף כּל סוף געוואָלט?

קלאָר, אַז דעם געדאַנק וועגן מאָרד איז נישט געבוירן געוואָרן גרינג, און פאַרפעסטיקט איז ער ערשט געוואָרן נאָך אַ סך נאָכטראַכטונגען, איבערוועגנדיק די מאָראַליש און לאָגישע באַרעכטיקונגען. די אַלע געדאַנקען האָבן זיך ביי ראַסקאָלניקאָוון באַזירט אויף אַגרונטלעכן אַנאַליזירן דאָס אַלגעמיינע מענטשלעכע לעבן, באַקענענדיק זיך מיט דערווירקלעכקייט, וועלכע איז אומרחמנותדיק, אומגערעכט צו אַזויפיל מענטשן. ער האָט געזען דעם אבסורד פון געזעלשאַפטלעכן סדר, אַז אַזא פאַראַזיטישע פּראָצענטניצע רויבט ביי יונגע ענערגישע מענטשן די מעגלעכקייט צו זיין נוצלעך דער געזעלשאַפט און זיך אליין, און גייענדיק מיטן דאָזיקן געדאַנקען־וועג, האָט זיך פאַר ראַסקאָלני־

קאָוון געשטעלט די פראגע:

— אויב דאָס מעטשלעכע לעבן איז אזוי דיסהארמאָניש איינגעשטעלט, אז קיין פארפליכטנדיקער רעגולאטאָר פון מענטשלעכן לעבן אויף גערעכטע יסודות עקזיסטירט נישט און די איינציקע גערעכטיקייט, וואָס מאכט מעגלעך דער עקזיסטענץ, קען נאָר דערגרייכט ווערן דורך אויסקעמפן זי, פשוט: נ ע מ ע ן לויט וועלכע מיטלען זיי זאָלן נישט זיין, איז דאָך נישט וויכטיק — פון אינדיווידואַליסטישן וועלט-באנעם, צו וועלכן אגב די געזעלשאפט פירט צו — ווען דאָס נ ע מ ע ן זיך עקזיסטענץ-מעגלעכקייט באַקומט זיך מיטן באזייטיקן פון וועג אזא אומנוציק פאראזיטיש באשעפעניש ווי די אַלטע פראצענטניצע. לויטן דאָזיקן געדאנקען-גאנג קומט דאָך די אלטע דאָ אין באטרכט נאָר אַלס שעדלעכער געגנשטאַנד, אַלס פועל יוצא פון אומנאָרמאַלן געזעלשאַפטלעכן לעבן-סדר, און באַזייטיקנדיק איר, באַזייטיקט מען אייגענטלעך אַ שטיק געזעלשאַפטלעך אומרעכט. פון דער צווייטער זייט מוז מען נעמען אין באַטראַכט, אז אַלע וועלט בארימטע פערזענלעכקייטן האָבן זייערע צילן דערגרייכט דורך נישט אָפּשטעלן זיך פאַר קיין שום שטערונגען, ווייל מיט וואָס זענען די מעשים פון נאַפּאָלעאָן און אַנדערע פאַרהערלעכטע העלדן מער גערעכטע און ווייניקער פאַרברעכערישע, ווי דאָס באַזייטיקן אַ פּאַראַזיטישע אַלטער? יענע קומען צו זייער צילן דורך מאַסן-מאָרד און בלייבן גערעכט, בעת איין נישטיקער מאָרד, וואָס טראָגט אין תוך דעם זעלבן עגאָיסטישן ציל, איז יאָ פאַרברעכן?

איז, הייסט עס, מיט דער מאָראַל קען מען שלום ווערן, שיקנדיק זי צום טייוול, אַלס פוסטער באַגריף פאַר קליינמוטיקע מענטשן. הייסט עס, אַז דער געדאַנק הייבט אָן „זיך דערנענטערן צום געפיל" — לויט וויניטשנקאָווס טעאָריע — און ראַסקאָלניקאָוו טרעט צו צו רעאַליזירן זיינע געדאַנקען. און... דאָ ליגט טאַקע דער שווערפּונקט.

ווייל מיט ראַסקאָלניקאָוון איז אייגנטלעך געשען עפּעס אַזוינס, וואָס גייט אַרויס מחוץ די גרענעצן פון געדאַנק און

לאָגיק; עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט אַביסל נידריקער אָבער — טיפער: ב י י ם ג ע פ י ל. און דאָס דאָזיקע געפיל ווערט גאָר רעגולירט פון גאַנץ אַנדערע אומפּולסן, וועלכע האָבן מיט די אויבנדערמאָנטע אַטריבוטן קנאַפּ וואָס צו טון. איז דעריבער אויסגעקומען אַזוי: אַז ווי גלייך דער באַשלוס פון ראַסקאָלניקאָווס טאַט איז דורכגעגאַנגען אַלע „הויכע” אינסטאַנצן פון לאָגיק און זיך דערנענטערט צום גבול פון געפיל — איז דערפון געוואָרן גאָר עפּעס אַנדערש, עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט די באַשטימונגען פון די „הויכע” אינסטאַנצן, נאָר — אַנטשיידן זיך אַרויסגעזאָגט געגן דער גאַנצער אויסגעפּשטלטער טעאָריע...

ווי נאָר דער טאַט איז געוואָרן דורכגעפירט, האָט ראַסקאָלניקאָוו — איצט שוין אין רשות פון „אינטערשטן” אינסטאַנץ: געפיל — לגמרי פאַרגעסן אינם שורש, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם דאָזיקן געדאַנק: די מאַטעריעלע זייט, וואָס איז געווען פריער דער הויפּט ציל און איז איצט אינגאַנצן צעריבן געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון די נייע פּסיכישע עמאָציעס. ראַסקאָלניקאָווס וועזן איז באַהערשט געוואָרן פון נייע אומבאַקאַנטע וויזיעס און דער גאַנצער טאַט איז ציגעשפּיצט געוואָרן צו איין פּראָבלעם: איבערצייגן זיך אויף זיך אַליין, אויף ווי ווייט אויסגעחשבונטע טעאָריעס באַזירט אויף לאָגיק, זענען מסוגל האַרמאָניש זיך צונויפצוגיסן מיט דער ווירקלעכקייט; צו איז מעגלעך דער שלום מיטן אייגענעם געוויסן; צו איז, הייסט עס, מעגלעך דאָס האַרמאָנישע צונויפגיסן זיך פון דערפירטן געדאַנק ביז צום געפיל מיטן געפיל גופא...

אַז ראַסקאָלניקאָוו האָט נישט אויסגעהאַלטן די פּראָבע, ווערט קלאָר שוין פון אָנהייב אָן. שוין ביים צוטרעטן רעאַליזירן דעם געדאַנק, הייבט זיך אָן זיין גייסטיק-קראַנקהאַפטער מצב, וועלכער לאָזט אים שוין נישט אָפּ ביזן סוף פון זיין קאַמף מיט זיך אַליין און מיט דער סביבה, וועלכע שפּרייט פאַר אים אַזאַ פיינע נעץ. איצט ווערט קלאָר: ווערט דער געדאַנק באַשלאָסן, הערט מען אויף צו עקזיסטירן אַלס אינדיווידום מיט

זעלבסשטענדיקן ווילן און מאַכט איבער זיך און מען פאַר־וואַנדלט זיך אין עפּעס פרעמדס, וואָס באַהערשט אַלע חושים און פון וועמעס רשות מען קען זיך שוין קיינמאָל נישט באַפרייען.

6

האָט ראַסקאָלניקאָוו דעם קאַמף פאַרשפּילט?

יאָ און ניין.

יאָ — פאַרשפּילט האָט ראַסקאָלניקאָוו דער בעל־חשבון, דער טעאָרעטיקער, דער נאָכמאַכער פון פרעמדע מעשים לויט פרעמדע געדאַנקען.

ניין — נישט פאַרשפּילט האָט ראַסקאָלניקאָוו דער מענטש, דער ביזן תוך פון דער נשמה ריינער מענטש, דער מענטש מיטן גרויסן געפיל; וואָרום, דאָס געפיל קען אין דער פּראַקטיק בשום אופן נישט האַרמאָנירן מיט דער טעאָריע, ווייל זי איז אַ פרעמדע, אַן אויסגעלערנטע, נישט פון דער איי־גענעם נשמה אַרויסדרינגענדיקע; און דער משל מיט נאַפּאָלעאָן איז דאָ נישט מאַסגעביק שוין בלויז דערפאַר, וואָס יענער האָט זיך קיין מאָראַל־טעאָריעס און מאָראַל באַרעכטיקונג נישט גע־מאַכט און נישט געזוכט. זייער תוך איז געווען אַזעלכער, וואָס האָט נישט זיך וואַקלענדיק געפירט צו מעשים, און געוויסן מיט חרטה האָבן דאָרט קיין יסוד נישט געהאַט... אָבער דאָ, אין ראַסקאָלניקאָווס נשמה, האָבן זיך ביידע עקסטרעמען — געפיל און לאָגיק — צונויפגעשטויסן און פון דערדאָזיקער עקספּלאָזיע איז דער קרבן געווען ראַסקאָלניקאָוו דער מענטש, ווי עס פּאַסירט געוויינלעך, ווען מענטשן פירן דורך זאַכן נישט לויט זייער אינערלעכן מהות. ראַסקאָלניקאָווס נשמה איז אַלנפאַלס

געפירט מער פון געפיל און דאָס געפיל האָט געזאָגט:

— קיין מערדער ווערט מען נישט דורך אַ טעאָרעטיש פשטל, אַפילו ווען ס׳איז כּלו לאָגיק! אַ מערדער ווערט מען ערשט דעמאָלט, ווען דאָס געפיל פאַר אַ מענטשלעך לעבן איז אַטראָפירט; ווען מען קען ביי זיך פועלן מקרב צו זיין אַלע מענטשלעכע עמפינדונגען לטובת דעם פערזענלעכן עגאָאיזם, קורץ: אויב דאָס, וואָס מען רופט נשמה איז אַ זאַך, וואָס בלויז אויסוואורפן באַזיצן עס... האָט אָבער ראַסקאָלניקאָוו געפּרוּווט באַטויבן דאָס דערמאָנטע געפיל מיטן כּוח פון לאָגיק, האָט זיך עס אין אים ביטער נוקם געווען. און די נקמה האָט זיך אָנגעהויבן — אייגנטלעך מיינט מען די שטראָף — נאָך פאַרן אויספירן דעם טאַט. ווייל וואָלט ער באַלד נישט אַריינגעפאַלן אין אַ מין פּאַטאָלאָגישן אומבאַוווסטזיין, וואָלט ער אפשר אָפּגעקומען מיט דער בלויזער טעאָריע, ווי למשל יענער סטודענט אין שענק, וואָס באַשטעטיקט אַפילו, אַז דערמאָרדן דער אַלטער איז אַפילו נישט קיין זינד נאָר... ער אַליין וואָלט עס נישט דורכגעפירט. ראַסקאָלניקאָוו אָבער איז דעם מאָרד באַגאַנגען מיטן רשות פון די קראַנקהאַפטע אימפּולסן, וועלכע האָבן אים באַהערשט, דעריבער האָט ער שוין געליטן.

דאָ ווערט אַלזאָ בולט אַ פּסיכאָלאָגישע דיפיניציע צווישן אַ פאַרברעכן, וואָס ווערט באַגאַנגען אין מצב פון פאַרטעמפּטקייט אַלס אויסברוך פון פּסיכיש-פאַרברעכערישע נייגונגען, וועלכע באַפרידיקן אין אַ גרויסער מאָס אַ מין תּאווה — ביז אַ פאַרברעכן לויט אַ באַשטימטע לאָגישער טעאָריע, וואָס איז אָבער פרעמד דעם אייגענעם מהות און צו וועלכע די נשמה בלייבט אייגנטלעך אין אָפּאָזיציע. ראַסקאָלניקאָוו געהער צום צווייטן טיפּ. און דעריבער איז זיין שטראָף שוין פאָרויס באַשטימט: פאַרצערט ווערן פון אייגענעם געוויסן, זיך פּייניקן אין קאַמף מיט דער לאָגיק, וועלכע גיט אַגב עקשנותדיק נישט נאָך (אַפילו שפּעטער אין סיביר; זי קעמפט מיטן געפיל, וואָס בלייבט שטאַרק אין איר שוואַכקייט און זי צווינגט איר צו

קאַפּיטולירן לגבי דער אויסגעשפּרייטער נעץ מצד דער אויס-פאָרשונגס-מאַכט.

7

איז ראַסקאָלניקאָוו אַ העלד?

אויב אַ מענטש זיין קען אָנגערופן ווערן אַ העלדישקייט, איז ראַסקאָלניקאָוו אַ העלד. נאָר ניין. מ ע נ ט ש איז העכער ווי העלד.

אַנאַליזירנדיק דאָס פּראָבלעמלפון פאַרברעכן און אַלע זיי-נע ניואַנסירונגען, ווי זיי ווירקן און שפּילן זיך אָפּ אין דער מענטשלעכער נשמה. אויף אַזאַ אופן ווי קיינער ביז אים האָט עס נאָך נישט דערגרייכט און צווינגענדיק אונז צו ציען די געהעריקע פּועל יוצאס, ריכטיקער: זיך אַליין קלאָר מאַכן ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַציען צו אַזאַ מענטשלעך פּראָבלעם — איז דאָסטאָיעווסקי קודם כל אויסן געווען די ווירקונג גופא, וואָס אַזאַ אַנאַליז קען האָבן אויפן מענטש, ווי ער, דער מענטש וועט זיך אויסלערנען נישט איילן זיך, נישט משפּטן צו גיך, און בכלל פריער זיך באַמיען צו פאַרשטיין, תּופס זיין יענע סבות, וואָס טרייבן דעם מענטש צו אַזאַ האַנדלונג. און צווייטנס — די צווייטע זייט פון פּראָבלעם, דער נאַטירלעכע טראַדיציאָ-נעלער פּועל-יוצא פון פאַרברעכן: ד י ש ט ר אָ ף, זאָל אויך נישט זיין עפּעס צופעליקס, אַ מין געשעפענסט, וואָס זאָל דורך דער גרויזאַמקייט פון דער פּראָצעדור נישט דערוועקן ביים פאַרברע-כער דאָס חיהשע אין אים. די ריכטער דאַרפן זיין אַ קער-צערשאַפט, וואָס שטראָפט נישט דורך פייניקן, נאָר דורך ל י נ-ד ע ר ן, ה י י ל ן דעם פאַרברעכער, פּונקט ווי מען היילט אַ קראַנקן; און אַז אַ פאַרברעכער איז סוף כל סוף נישט מער, ווי אַ קראַנקער, האָט דאָסטאָיעווסקי אין פאַרשידענע פאַלן באַ-וויזן.

און די ווירקלעכקייט!

דער פֿאַרברעכער ווערט באַטראַכט אַלס אָביעקט, וואָס מיט זיין טאַט שטעלט ער זיך מחוץ דעם מענטשנטום און ווי עפּעס מחוץ למחנהדיקס ווערט ער באַהאַנדלט. דאָ איז אַפילו נישט וויכטיק דאָס פאַרטיילן די באַשולדיקטע אין באַשטימטע טערמינאָלאָגישע קאַטעגאָריעס, לויט וועלכע — אין הסכּם מיט די באַשטימטע געזעצן, זיי ווערן באַשטראָפט. וויכטיק איז דאָ בלויז דער אַלגעמיין קאָנווערציאָנעלער צוגאַנג צו דעם פּראָבּלעם: דאָס, וואָס עס פעלט די בריק פון פאַרשטענדעניש מצד דעם שטראָפער לגבי זיין קרבן; די ריין מענטשלעכע באַציונג, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק אין אַזאַ אינסטיטוציע.

בכּלל גענומען איז אַפילו דאָסטאָיעווסקיס אויספאָרשער דווקא אָריגינעל. די מעטאָדן וועלכע ער באַנוצט אין זיין סטראַטעגישן-פּסיכאָלאָגישן אַרומרינגלען ראַסקאָלניקאָוון, זענען לגמרי נישט ענלעך צו די טראַדיציאָנעלע געזעצגעבערישע. דאָס איז אַ געוואַלדיקע קאָמבינאַציע פון שאַרפזין מצד אַן אויספאָרשער וועלכער דרינגט אַריין אין דער נשמה פון זיין קרבן, זייענדיק פולשטענדיק זיכער אין יענעמס שולדיקייט, נישט וועלנדיק אים מיטאַמאָל פאַנגען, כּדי אַזויאַנאַך נישט אָפּצונעמען ביים באַ־לאַגערטן די פיין פון... צאַפּלען אין דער נעץ, ביז ער וועט מאָראַליש אינגאַנצן צוברעכן ווערן און — אַליין זיך איבער־געבן אין זיינע הענט. עפּעס שרעקלעכס ליגט אין דער מעטאָד פון אַרומרינגלען אַ שונא. שמועסן מיט יענעם געמיטלעך און מאַכן יענעם וויסן, אַז קיין שטריך פון זיין נשמה איז נישט פאַרבאָרגן, פּונקט ווי ער וואָלט אין זיין נשמה געזעסן, און— דאָך לאָזן אים פריי אַרומגיין, ווייל — פירט ער אויס:

„ער וועט פון זיך נישט אַנטלויפן!"

און אין דעם ליגט די שווערסטע שטראָף.

נאַטירלעך מוז מען נעמען אין אַכט, אַז אַזאַ סיסטעם קען מען בשום אופן נישט אָנווענדן לגבי אַלע פאַרברעכער אָן אויסנאַם. דערצו מוז מען שוין האָבן די סאַמע עמפינדלעכסטע

די טעאָרעטיקער פון זייער טאַט, ווייל דער טעמפּער וועט קיין פּסיכאָלאָגישע אַרומרינגלונג נישט פאַרשטיין, וועט זי ממילא נישט ווירקן. אָבער אַפילו, ווען מען זאָל אָנווענדן אויסשליס-לעך צו ראַסקאָלניקאָווס קאַטעגאָריע, וואָלט עס אויך געווען לטובת... די שטראָפער. ווייל סוף כל סוף ליגט דאָך אין דעם סיסטעם אַ גרויסע מאָס סאַדיזם און ציניזם מצד אַ מענטש, וועלכער פילט זיין מאַכט איבער זיין קרבן. און דעריבער איז פאַרשטענדלך, אַז קיין ראַדיקאַלע לעזונג פון פּראָבלעם גופא איז אין דערמאָנטן סיסטעם נישטאָ, ווייל עס ברענגט נישט דעם שורש פון דער זאַך, צו די סבות פון פאַרברעכנס. נאָר דאָס ליגט שוין נישט סיי אין דער קאָמפּעטענץ און עקזיסטירנדיקן שטראָף-אָרגאַניזם און אויך נישט אויפן וועג פון דאָסטאָיעוו-סקיס געדאַנקען-גאַנג. פאַר דאָסטאָיעווסקין בלייבט סוף כל סוף פאַרברעכן נישט קיין אויסערלעך געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג נאָר אַן אינערלעך מענטשלעכע און אַלס אַזעלכע, מיינט ער וועט מען עס קיינמאָל נישט אויסוואָרצלען פון דער מענטש-לעכער נשמה. און דאָס איז דער נאַטירלעכער פועל-יוצא פון דאָסטאָיעווסקיס גאַנצן וועלט-באַנעם און זיין קוק אויף דעם מענטש

8

אחוץ דאָס פאַרברעכן און שטראָף-פּראָבלעם, קומט אין דאָזיקן ווערק צום אויסדרוק אַסך אַנדערע מענטשלעכע פּראָב-לעמען.

אין קיין שום פון זיינע שפּעטערדיקע ווערט, איז שוין נישט אויסגעקומען דאָסטאָיעווסקין צו באַלייכטן מיט אַזאַ קראַפט די אַלע שאָטן-זייטן פון סאָציאַלן לעבן, ווי אין „פאַרברעכן און

שטראָף" מיטן געבן דאָס בילד פון דער פאַמיליע מאַרמעלאַדאָוו, איר ירידה סיי פריער און סיי נאָך זייער פאָטערס טויט, ביזן ענדגילטיקן צופאַלן זיך.

די טראַגעדיע פון דערדאָזיקער פאַמיליע, איז די טראַגעדיע פון מיליאָנען פאַרשקלאַפטע, פון לעבן פאַרשטויסענע מענטשן, פאַר וועמען ס'בלייבט נישט אין לעבן קיין אַנדער אויסוועג ווי דאָס פלעשל. שפרות אַלס מיטל צו פאַרטייבן און זיך פאַרגעסן אין דער ווירקלעכקייט. און דידאָזיקע שכרות פירט דאָך צום אומפאַרמיידלעכן סוף: אַ שרעקלעכער עלנדער טויט, ערגעץ אין גאַס ווי אַ הונט, וואָס ווערט אומנוציק פאַרן באַלעבאָס. אין בעסטן פאַל ענדיקט זיך עס מיט משוגעת. אָדער גאָר — ווען ס'האָט צוטון מיט אַ פרוי — פאַרקויפן דעם גוף, ווי למשל סאָניאַ, מאַרמעלאַדאָווס טאָכטער.

ווי אַזוי די געזעלשאַפט באַציט זיך צו אירע קרבנות, איז איבריק צו דערציילן. וואָס פאַר אַ ווערט, למשל, האָט אַזאַ, וועלכע איז מקריב איר גוף און כבוד אויף צו לינדערן די נויט פון אירע נאָנטע? וואַלגערן זיך, דאַכט זיך, מיליאָנען סאָניעס איבער די שטעט פון דער וועלט, אומעטום ווי נאָר דער מענטשלעכער פראָגרעס האָט דערגרייכט. און וואָס פאַר אַ באַציִונג האָט מען צו זיי אַנדערש ווי צו הינט? אַגב איז אויף די לעצטע נישט חל דאָס געפיל פון עקל און פאַראַכטונג, ווי צו די ערשטע... און וואָלט אונז דאָסטאָיעווסקי נישט געוויזן דידאָזיקע סאָניע אין איר ווירקלעך געשטאַלט, אין געשטאַלט פון אַ הייליקע, אַלס איינע פון די שענסטע מענטשלעכע געשטאַלטן, אַלס איינע פון די שענסטע מענטשלעכע נשמות, וואָס איז פאַרבאָרגן אין „זינדיקן" גוף — ווער וואָלט זיך דערמיט פאַראינטערעסירט? ווער וועט זיך גריבלען אין אַזאַ בפירוש אומעסטעטישן פראָבלעם?... אָבער דאָסטאָיעווסקי, דער אייביקער גריבלער אין אַלע נישט-עסטעטישע פראָבלעמען פונם גאָר ווייניק עסטעטישן וועג, איבער וועלכן עס גייט דאָס לעבן פון גרויסע טיילן מענטשן — ער איז שוין דווקא להוט דער-

מיט זיך צו אינטערעסירן. און מיט זיין פעדאַנטישן נוסח פון אָפּדעקן פאַר אונז אַלע שאָטן-זייטן פון מענטשלעכן לעבן, — צווינגט ער אונז אינטימער זיך צו באַקענען מיט דער „געפאַלענער" סאָניע. און פון דערדאָזיקער דערקענטניש בלייבט שוין נישט מער ווי צו בויגן דעם קאָפּ פאַרן דאָזיקן שוואַכן באַשעפענישל, וועלכע פאַרמאָגט אזאַ הערלעך שיינע מענטשלעכע נשמה. זי באַווייזט עס טאַקע כסדר מיטן מקרב זיין איר לעבן, כבוד, יוגנט לטובת דעם קראַנקן פאָטער און דער פון צרות האַלב משוגענער שטיף-מוטער מיט די הונגעריקע קינדערלעך, וועלכע גייען אויס אין נויט. מיר זען איר אויך שפעטער ביים טיילן איר גורל מיט ראַסקאָלניקאָוון, דעם אזוי שווער געשטראָפטן סיי דורך געזעץ און נאָך מער פון אייגענעם געוויסן... ביידע, ראַסקאָלניקאָוו און זיין באַגלייטערין סאָניע — זענען זיי קרבנות פון די זעלביקע באַדינגונגען. נישט מער זי האָט זיך געטויט לטובת יענעם, און ער — אַ צווייט באַשעפעניש אומגעבראַכט אויך מיטן ציל צו טון עפעס פאַר די נאָענטע... דאָ — נאָך מער ווי אין „קאַראַמאַזאָוו" מיטיאַ מיט גרושענקען — האָבן זיך צוויי נשמות צונויפגעטראָפן און דערפילט די פאַרמשפּטקייט פון ביידע צום זעלביקן גורל. ביידע פון לעבן באַזייטיקטע, איינער דורך טעאָרעטישע פשטלעך, וואָס זענען אין סתירה מיט דערווירקלעכקייט די צווייטע — אָן פשטלעך, נאָר דורך פשוטע ברוטאַלע לעבנס-באַדינגונגען, וועלכע זענען נישט שוואַכער ווי געזעצן.

און מאָדנע ווי דער „קאָנסערוואַטיווער" דאָסטאָיעווסקי, באַהאַנדלענדיק דאָס פּראָסטיטוציע-פּראָבלעם, לאָזט זיך נישט אויף די וועגן פון אַלערליי טעאָריעס, נאָר פאַקט אָן די זאַך ביים סאַמע שורש און באַווייזט, אַז זנות לשם זנות — ווי זי עקזיסטירט ביי די „העכערע" קלאַסן — איז עפעס אַנדערש, ווי פּראָסטיטוציע לשם... עקזיסטענץ, אָדער גאָר לשם אונטערהאַלטן אַנדערע ליידנדיקע עקזיסטענצן. קיין מער פשוטער און ריכטיקערער צוגאַנג צום דאָזיקן פּראָבלעם דאַרף מען נישט.

און דעריבער איז אַזוי פֿאַרשטענדלעך סאָניעס פֿרומקייט און ריינער גלויבן אין גאָט, און מ׳פֿאַרשטייט אַזוי גוט אירע ליידן, בעת ראַסקאָלניקאָוו לעסטערט אין איר אָנוועזנהייט דעם הימלישן גאָמען. לויט דאָסטאָיעווסקיס באַציונג צו זיינע העלדן, וואָלט געווען נישט נאַטירלעך, ווען סאָניע זאָל נישט גלויבן. וואָס דען זאָל דאָס ביטערע לעבן צוטיילן זיינע העלדן, אויב נישט דעם גלויבן אין גאָט און די דערוואַרטונג אויף זיין טרייסט? איז דאַריבער, וואָס מער אומגליקלעכער — אַלץ שטאַרקער און טיפֿער דער גלויבן; וואָס שוואַכער דער ווידערשטאַנד דעם אומבאַרחמנותדיקן לעבן — אַלץ שטאַרקער די האָפֿענונג אויף גאָטס טרייסט און מחילה, און אויב שוין נישט אויף דער וועלט, איז ווייניקסטנס „דאָרט״ ווו עס הערשט דאָס „מלכות השמים״...

דאָס איז דאָס איינציקע רעאַלע פֿאַר דידאָזיקע אומגליקלעכע, וואָס דערגרונטעווען זיך קיינמאָל נישט צום אמתן קוואַל פֿון זייערע ליידן, כדי צו זוכן אַן אויסוועג, אָדער ווייניקסטנס צו ספֿקן אין זייער גלויבן, אין דער נאַטירלעכקייט פֿון זייער לאַגע, וואָס איז מיט גאָטס הסכם... זאָל מען אויך דאָסדאָזיקע לעצטע ביי זיי צונעמען? פֿון דאָסטאָיעווסקין אַלנפֿאַלס איז עס נישט געווען צו דערוואַרטן. דאָס איז אפֿשר די אַרבעט פֿאַר אַ נייעם דור דאָסטאָיעווסקיס, וואָס וועט זיכער קומען.

* *
*

ס׳זענען פֿאַראַן אין ווערק אַ גאַנצע גאַלעריע טיפֿן אינטערעסאַנטע און שאַרף געצייכנטע, עכט דאָסטאָיעווסקיש. באַר מיר באַגעגענען זיך מיט זיי — אין פֿאַרשידענע וואַריאַציעס נאַטירלעך — אין זיינע ווייטערדיקע ווערק. בכלל גענומען איז סיי די פּסיכאָלאָגישע, סיי די קינסטלערישע זייט פֿון דאָזיקן ווערק אומפֿאַרגלייכלעך צו אַלע זיינע איבעריקע גרויסע ווערק.

זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען זענען געגאַנגען מער אין דער ברייט, אָבער אין דער טיף און אויך אין דער קינסטלערישער קאָנצענטרירטקייט, שטייגן זיי קיינמאָל נישט אַריבער „פאַרברעכן און שטראָף. דעריבער וועט „פאַרברעכן און שטראָף" פאַרבלייבן אַן אומפאַרגלייכלעך ווערק אין דער קלאַסישער וועלט־ליטעראַטור.

VIII

פֿאַראַן צווייערליי שכלען: אַ פּשוטער, און אַ
הויפּט־שכל. דער ערשטער באַציט זיך צו מענטשן
וועלכע זענען אין פּראַקטישן לעבן גאַנץ שכל־
דיק, אַפֿילו קלוג, אָבער — פֿאַרשטייען גאָרנישט
דאָס לעבן אין פּרט פֿון העכערע גייסטיקייט,
פֿון ברייטן וועלט־באַנעם. אָט צום לעצטן דינט
דער הויפּט שכל. אים באַזיצן סרוב מענטשן אומ־
פּראַקטישע אין פּראַקטישן לעבן, אַזעלכע, וואָס
מאַכן לכתחילה דעם איינדרוק פֿון אומנאָרמאַלע".
(„אידיאָט")

1

צווישן טויט פֿון דאָסטאָיעווסקיס ערשטע פֿרוי, און די
חתונה מיט זיין צווייטער פֿרוי אַננאַ גריגאָריעוונאַ סניטקין,
ליגט אַ פּעריאָד פֿון דריי יאָר. זיי זענען רייך אין פֿאַרשידע-
פּאַסירונגען סיי אין פּרט פֿון ליבע-אַוואַנטורעס, סיי אין גייס-
טיק קינסטלערישע עמאָציעס. עס איז צום סוף פֿון די דריי
יאָר געבוירן געוואָרן אַזא גרויס ווערק ווי „אידיאָט".
דאָסטאָיעווסקיס באַוווסטער ראָמאַן מיט פֿריילן זוס-
לאָווא האָט זיך נאָך אָנגעהויבן בעת זיין ערשטע פֿרוי האָט
נאָך געלעבט, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געפֿאָרן קיין אויס-
לאַנד (אין 1863) אין באַגלייטונג טאַקע פֿון דער זוסלאָוואַ. זי
איז געקומען קיין פּעטערבורג אין אָנהייב די זעכציקער יאָרן
צו צוגרייטן זיך צום אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט. זי האָט
זיך באַקענט מיט דאָסטאָיעווסקין אויף אַן אָוונט, אָרגאַניזירט
דורך דאָסטאָיעווסקיס אָנהענגער,, אויף וועלכן דאָסטאָיעווסקי
האָט געליינט עפּעס פֿון זיינע שאַפֿונגען. ליידער איז די קאָ-

רעספּאָנדענץ פון יענער צייט נישט געפונען געוואָרן. באַוווּסט איז בלויז, אַז שפּעטער האָט דאָסטאָיעווסקי געגעבן גוטע שילדערונגען וועגן דער זוסלאָוואַ. אויך דער שרייבער ראָזאַנאָוו, מיט וועמען זוסלאָוואַ האָט געדאַרפט חתונה האָבן, שרייבט וועגן איר זייער וואַרם. זי איז שוין דאַמאָלס זיבן און דרייסיק יאָר אַלט געווען און איז נאָך געווען זייער שיין.

צווישן די אַנדערע ליבעס-עפּיזאָדן דאָסטאָיעווסקיס, דאַרף דערמאָנט ווערן דער פאַקט מיטן מיידל אַננאַ וואַסילעוונאַ, די שוועסטער פון דער אויסגעצייכנטער מאַטעמאַטיקערן סאָפיאַ קאָוואַלעווסקאַ, וועלכע איז אויך געווען שטאַרק באַגייסטערט פון זיין ליטעראַרישן דערפאָלג, דאָסטאָיעווסקי ווערט ביי זיי אַ פאַמיליאַרער אַריינגייער. אָבער ווען ער מאַכט אַננאַן אַ חתונה-פאָרשלאָג, ענטפערט זי מיט אַן אָפּזאָג. דאָס זעלבע יאָר — 1866 — ווערט ער אַ חתן פאַר אַננאַ גריגאָריעוונאַ סניטקין, מיט וועלכע ער האָט חתונה דעם 14-טן פעברואַר 1867. אין אַ בריוו צו אַננאַ זוסלאָוואַ, פון דרעזדן, דעם 3-טן מאַי 1867, שרייבט ער וועגן די אומשטאַנדן פון זיין קאָנטשאַפט און חתונה אויף פאָלגנדיקן אופן:

„טייערע פריינדן! מ׳האָט מיר געבראַכט דיין בריוו פונקט פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד און כ׳האָב דיר נישט געקענט ענטפערן. כ׳האָב פאַרלאָזט פעטערבורג דעם 14-טן אַפּריל. דורך אַ קאָנטראַקט מיט סטעלאָווסקין האָב איך געדאַרפט צושטעלן ביזן ערשטן נאָוועמבער פאַרגאַנגענעם יאָר, אַ נייעם ראָמאַן, ווייניקסטנס פון צען בויגן. דערווייל שרייב איך אַ ראָמאַן פאַרן „רוסקי וויעסטניק״*) כ׳האָב שוין 24 בויגן און עס בלייבט מיר נאָך צו שרייבן צוועלף, אַ חוץ די צען בויגן פאַר סטעלאָווסקין. ס׳איז געווען דער פערטער אָקטאָבער און כ׳האָב נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן. מילקאָוו האָט מיר געהייסן נעמען אַ סטענאָגראַפיסטן צו דיקטירן איר דעם ראָמאַן, ווייל עס גייט פיר מאָל

*) „איריאַט״, שפּעטער אויך פאַר דער זעלבער צייטונג „שדים״.

גיכער. אָלקין, פּראָפעסאָר פון סטענאָגראַפיע האָט מיר געשיקט זיין בעסטע שילערן מיט וועלכע איך בין צוזאַמען.

„כ׳האַב אָנגעהויבן דעם פערטן אָקטאָבער. אַננאַ גריגאָריעווגאַ איז געווען אַ צוואַנציק יאָריק מיידל, גענוג שיין און פון אַ פיינער פאַמיליע, אַ זייער פיינע גימנאַזיע בילדונג, אַ גליי־כער כאַראַקטער און אַ גוטע. אונזער אַרבעט איז געגאַנגען וווּנדערלעך. דעם 20-טן אָקטאָבער איז דער ראָמאַן „די שפּילער" געווען געענדיקט (איצט שוין געדרוקט). סך הכל האָט ער גע־דויערט זעכצן טעג!

„צום סוף פון מיין ראָמאַן דאַרף איך באַמערקן, אַז מיין סטענאָ ליבט מיך זייער. זי האָט מיר אָבער אין דער אמתן קיינמאָל גאָר נישט געזאָגט. האָב איך איר אַליזאָ אַליין פאַר־געשלאָגן ווערן מיין פרוי. זי האָט אָקצעפּטירט און מיר האָבן חתונה געהאַט. די דיפערענץ אין די יאָרן איז אומגאָרמאַל (זי צוואַנציק, איך — פיראונפערציק...)

„וועגן מיין לאַגע בכלל אָט וואָס:

דו ווייסט אַז נאָכן טויט פון מיין ברודער האָב איך פאַר־לוירן מיין געזונט, זאָרגנדיק וועגן דער זאַמלונג. די דריי טויזנט רובל פאַרן פאַרקויפן מיינע ווערק צו סטעלאָווסקין האָב איך געגעבן מיין ברודערס פאַמיליע.

„צום ווידערזען מיין אייביקע פריינדין! איך דרוק און קוש דיין האַנט.

פ. דאָסטאָיעווסקי."

דאָסטאָיעווסקיס צווייטער פרוי ברענגט אין אירע זכרונות איר מאַנס פאָרשלאַג צו אַנאַ וואַסילעווגאַ און באַמערקט:

„זי איז געווען זייער אינטעליגענט, פיין געבויט און שיין. געהאַט אַ גוט איידל האַרץ און געווען אויך זייער שטאָלץ און אומאָפּהענגיק."

דאָסטאָיעווסקי האָט זיך אגב אויך באַנוצט מיטן דאָזיקן מיידל אַלס פּראָטאָטיפּ פאַר זיינע העלדן: קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ־

נאַ אין „קאַראַמאַזאָוו״ און נאַטאַסיאַ אין „אידיאָט״.

וואָס שייך פּריילן וואַסילעוונאַ, איז כדאי צוצוגעבן, אַז זי האָט אין אויסלאַנד חתונה געהאַט מיט אַ באַקאַנטן קאָמי־נאַר*) זשאַקלאַר, וועלכער איז געווען פאַרמשפּט צום טויט און פאַרשפּאַרט אין אַ פעסטונג. זי האָט אים פאַר צוואַנציק טויזנט פראַנק באַפרייט און ער איז מיט איר געפאָרן קיין פּעטער־בורג, ווו ער איז געוואָרן פּראָפעסאָר אין אַ מיידל־גימנאַזיע. נאָך דער אַמנעסטיע קומט ער קיין פראַנקרייך מיט זיין פרוי. אַנאַ ווסילעוונאַ איז געשטאָרבן אין פּאַריז אין 1887.

2

דאָסטאָיעווסקיס מאַטעריעלער מצב איז קיינמאָל נישט געווען קיין גוטער, אַ דאַנק זיין צעלאָזטקייט אין רולעטקע שפּילן. אין דעם פּרט האָט זיין ליידנשאַפט דערגרייכט די העכ־סטע מדרגה, און ער פלעגט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום זאַך, פאַרשפּילנדיק נישט בלויז זיינע לעצטע פאַרדינסטן, נאָר אַפילו זיין פרויס מאַנטל און אַנדערע זאַכן... צום גליק האָט זיך זיין איצטיקע פרוי אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינלעכער גוטסקייט און כאַראַקטער, מיט אַ טיפן באַנעמען אַלע נשמה־אייגנשאַפטן פון איר געניאַלן, קראַנקן מאַן, און מיט אַ גרויסן מיטגעפיל צו אים, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט צו באַציען זיך אַזוי געדולדיק צו אַלע זיינע קאַפּריזן, וועלכע זענען גע־ווען אַסך מאָל פאַר איר גענוג פיינלעך צום איבערטראָגן.

ס׳זענען באַקאַנט פאַקטן, ווען די אָרעמע גוטע פרוי פלעגט אויסשטיין אַסך באַליידיקונגען פון דאָסטאָיעווסקין, אויב נאָר עפּעס אַ מיינונג אירע איז אים נישט אַזוי געפעלן. ס׳זענען אָבער אויך באַקאַנט פאַקטן, וועלכע באַווייזן, אַז דאָסטאָיעווסקי

---

*) באַטייליקט אין דער פּאַריזער קאָמונע 1871.

האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין פרוי און אַרויסגעוויזן צו איר אַסך גוטסקייט און בכלל אַסך אינערלעכע מענטשלעכקייט, ווי למשל דער פאַקט:

זיין פרוי איז געווען „אויף דער צייט״, זיך געריכט צו ווערן אַ מוטער מיט דער טאָכטער סאָפיאַ*). דאָסטאָיעווסקי האָט אויסגעזוכט אַן אַדרעס פון אַן אַקושערן און כדי צו זיין גרייט אויף יעדן פאַל, פלעגט ער נאַכט-ביינאַכט קלעטערן אין די פינסטערע געסלעך, כדי... זיך איינצוחזרן דעם וועג, צו קאָנען גרינג טרעפן אין געהעריקן מאָמענט...

אַלס סימן פון צוגעבינדנקייט צו פאַמיליע און שטרעבונג צו האַרמאָנישן פאַמיליען-לעבן, באַווייזט אויך דער פאַקט, וואָס נאָך אין די ערשטע חדשים פון שוואַנגערשאַפט, שרייבט ער צו זיין פרוי (5 אָקטאָבער 1864) וועגן קינד אין אַ טאָן גלייך זי איז שוין געבוירן... די פאָרשטעלונג וועגן אַ ליב טעכטערל מאַכט אים גליקלעך.

אַ גאַנצע ריי בריוו פון דער רייכער קאָרעספאָנדענץ צו זיין פרוי, וועלכע אילוסטרירן זייער מאַטעריעלן מצב אין דער עפּאָכע פון שאַפן דעם „אידיאָט״, באַווייזן אויף זיין ליבע און זאָרג וועגן זיין פרוי און וועגן איינאָרדנען ווי מעגלעך בעסער זייער צוקונפט. די בריוו זענען דורכגעדרונגען מיט צער און חרטה-געפילן צוליב זיין שפילן און פאַרשפילן אַלץ, וואָס דאָס איז גורם צו באַשווערן זיין און זיין פרויס מצב. ער שלאָגט זיך יעדעס מאָל על-חטא, צוזאָגנדיק נישט מער צו שפילן. אַזוי אַנאָך קריגט ער פון זיין פרוי אַרויס נאָך אַביסל געלט, ביז ער פאַרשפּילט עס ווידער און... קלאַפּט זיך ווידער על-חטא.

---

*) געבוירן 22-טן פעברואַר 1868. געשטאָרבן 12-טן מאַי פון זעלבן יאָר — אין זשענעווע.

3

ס׳איז אַ פאַקט, אַז דאָסטאָיעווסקיס פּערמאַנענט שווערער
מאַטעריעלער מצב, זיין שטענדיק זיך נויטיקן אין גרויסע געלט-
סומען, צוליב וועלכן ער איז שטענדיק געווען פאַרקאָנטראַק-
טירט ביי זיינע פאַרלעגער און רעדאַקציעס, האָבן גורם געווען
סיי דעם מוז צו שרייבן און סיי, אַז דידאָזיקע ווערק זאָלן
זיך כמעט תמיד אויסצייכענען מיט זייער שטאַרקייט און קינסט-
לערישע גרויסקייט. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז דאָסטאָיעווסקי
פלעגט תמיד אין אַזעלכע פאַלן אַסך האָפענונגען לייגן גלייכ-
צייטיק אויפן מאַטעריעלן דערפאָלג פון זיין שאַפן דעם אָדער
יענעם ראָמאַן, פונקט ווי אויפן מאָראַלישן דערפאָלג. אויך
וועגן דידאָזיקע מאָמענטן אין זיין געמיט-צושטאַנד זאָגן עדות
אַסך פון זיינע בריוו צו זיין פרוי, מיט וועמען ער פלעגט גאָר
אָפט און מערסטנס געגוג אויספיר עך טיילן זיינע איבער-
לעבונגען, געדאַנקען און שטימונגען.

אַזוי למשל שרייבט ער דעם 25 מאַי 1867 פון האַמבורג
צו זיין פרוי קיין דרעזדן:

„פאַרשטיי מיך אַננאַ: מיין קומענדיק ווערק דאַרף זיין
וווּנדערלעך נאָך בעסער ווי „פאַרברעכן און שטראָף״. דאָס האָט
זיך אַלץ באַצויגן צום „אידיאָט״, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין
שרייבן.

מיט עטלעכע טעג פריער, דעם 21-טן מאַי, שרייבט ער
צו זיין פרוי, אַז ער שרייבט אַן אַרטיקל פאַר ביעלינסקין. ס׳האַנדלט
זיך וועגן אַן אַלמאַנאַך, וואָס באַביקאָוו האָט געוואָלט אַרויס-
געבן און ביי אים באַשטעלט אַן אַרטיקל, שיקנדיק צווייהונדערט
רובל אַוואַנס. דאָסטאָיעווסקי האָט דאָס אַרטיקל געשיקט ביע-
לינסקין. יענער — אַ צופרידענער, האָט עס געשיקט מאַיקאָוון,

דער לעצטער — צום אַרויסגעבער באַביקאָוו. אָבער דאָס אַר־טיקל איז קיינמאָל נישט דערשינען ווייל באַביקאָוו איז פריער געשטאָרבן.

דעם 18־טן נאָוועמבער 1867 שרייבט ער זיין פרוי:

„אַלץ איז פאַרלוירן (פאַרשפּילט)! נאָר דער ראָמאַן קאָן אונז איצט ראַטעווען” דער סוף איז אַז ער בעט ווידער עפּעס געלט, כדי נישט מער צו שפּילן נאָר אויסלייזן די פאַרמשכּנ־טע זאַכן...

געלט האָט דאָסדאָיעווסקי געבעטן אויך ביים ברודער.

דעם 20 סעפּטעמבער 1867 שרייבט ער אים פון טורין:

„דו שרייבסט, מיין גוטער, מיין טייערער ברודער, אַז גאָט ווייסט ווי שווער ס'איז צו לייענען מיין בריוו איינצייטיק מיט מיין בעטן געלט. דו ווייסט ווי אומאַנגענעם מיר איז, אַז מיין בריוו שטעלט דיר אין אַן אומבאַקוועמען מצב. גאָט איז מיין עדות ווי דיר און איר אַלע פעלט מיר”.

צום סוף, שילדערנדיק זיינע שווערע מאַטעריעלן מצב, בעט ער דעם ברודער קיינעם נישט דערפון צו דערציילן.

אין אַ גרויסן בריוו פון 4 אַפּריל 1868, צו זיין פרוי, שלאָגט ער זיך ווידער על־חטא פאַר זיין שפּילן... ווייטער דער־ציילט ער:

„כ'האָב זיך איצט איינגעאָרדנט נישט ווייט פון זשענעוו, אין אַ קליין שטעטעלע וועווע, אויפן רעכטן ברעג פון טייך. דאָ איז דער קלימאַט אַ סך געזונטער, און אין אָפּגעזונדערט־קייט וועל איך פאַרברענגען ביז צום פאַרענדיקן מיין ראָמאַן, וועלכן כ'וועל אָוועקשיקן פראַגמענטנווייז צו קאַטקאָוו, צו וועמען כ'וועל שרייבן: „פון אייך מיכאַל ניקיפאָראָוויטש הענגט אָפּ מיין גאַנצע צוקונפט! העלפט מיר פאַרענדיקן מיין ראָמאַן! גיט מיר די מעגלעכקייט צו לעבן אין אַ גוטן קלימאַט, צו זיין אינ־לירט ביז הערבסט”.

און ווייטער גייט אַ חשבון וועגן גענומענע אַוואַנסן פאַר צוגעשיקטע צוועלף בויגנס און אַ פאַרפליכטיקונג צוצושיקן אין

די נאָענסטע צוויי חדשים נאָך צען בויגן, בערך דער גאַנצער צווייטער טייל.

דאָסטאָיעווסקי שרייבט אויך אַז ער געדענקט נישט צו איז ער מושוה געוואָרן 150 רובל-פֿאַר אַ בויגן, צו 125*).

„פֿון קאַטקאָווס הילף — שרייבט ער ווייטער אין דעם זעלבן בריוו — הענגט אָפּ אויך זייער אומקערן זיך אין הערבסט קיין רוסלאַנד".

אין זעלבן בריוו גייט אויך אַ באַשרייבונג פֿון וועוועי, וואָס פֿאַרמאָגט גאָרנישט אַ חוץ אַ ביבליאָטעק. אָבער זעקס קי-לאָמעטער ווייטער, אין ווערנע-מאָנטראָ, איז פֿאַראַן מוזיק און פֿאַרווייללונג.

„מיין טייערע — שרייבט ער אין זעלבן בריוו — טראַכ-סטו וועגן דעם, וואָס ס'איז איצט פֿאַר אונז די הויפּט זאַך? די הויפּט זאַך איז — דערפֿאָלג פֿון מיין ראָמאַן".

און ווייטער גייען פּלענער וועגן זייער פֿאַרלאָזן וועוועי, און זייער רייזע דורך פֿלאָרענץ, נעאַפּאָל און ווין קיין רוסלאַנד.

אָבער אין רוסלאַנד, וואָס וועט מען טון? דאָסטאָיעווסקי זאָרגט טאַקע שוין דערפֿאַר. ער האָט דאָרט צו געפֿונען עפּעס אַ נייע אַרבעט, אַ נייע באַשטעלונג אויף אַ ראָמאַן. נאָר דאָס הענגט אָפּ אין דערפֿאָלג פֿון „אידיאָט".

דאָסטאָיעווסקי האָט זיך יעצט ווידער גענויטיקט אין געלט, נאָר פֿילנדיק זיך שטאַרק זינדיק לגבי זיין פֿרוי וועמענס צו-טרוי ער האָט שוין צופֿיל אויסגענוצט, שרייבט ער אין זעלבן בריוו:

„מיין נישט, מיין נישט מיין מלאך, אַז פֿון די הונדערט פֿראַנק, וואָס דו וועסט מיר איצט שיקן, וועל איך פֿאַרשפּילן אַפֿילו איין פֿראַנק. אַפֿילו ווען כ'זאָל זיין זיכער צו געווינען, וועל איך אויך נישט שפּילן, אויב כ'זאָל דאַרפֿן נאָר איין מאָל ריזיקירן, כ'פֿיל זיך פֿאַרשעמט געגן דיר און געגן מיר אַליין

---

*) דער אָפּמאַך איז געווען אויף 125 רובל פֿאַר אַ בויגן

צוליב דערדאָזיקער שפּיל. איצט בין איך אַנטשלאָסן נישט צו שפּילן".

וואָס שייך אָבער דאָסטאָיעווסקיס האָפענונג אומצוקערן זיך אין גיכן קיין רוסלאַנד, איז עס נישט מקוים געוואָרן פריער ווי אין סוף 1871.

4

אַ באַזונדער שיין אויף דאָסטאָיעווסקיס גייסטיקן מצב בעתן שרייבן דעם אידיאָט, וואַרפט פאָלגנדיקער בריוו צו מאַיקאָוון פון יאָר 1867 (עס פעלט די דאַטע.) ער שרייבט:

„ליבער מאַיקאָוו!

איך אַרבעט איצט איבער אַ נייעם ראָמאַן. ער זאָל הייסן: „אידיאָט". ווייסט איר, וואָס מיט מיר טוט זיך? איר ווייסט — אַ דאַנק גאָט — נישט, וואָס דאָס הייסט שרייבן אַ ראָמאַן אויף באַשטעלונג. און איר האָט קיין השגה נישט, וואָס פאַראַ שווע־רע מאַטערנישן איך מוז דורכמאַכן, כּדי צו פאַרענדיקן דאָס ווערק צו אַ באַשטימטן טערמין. איך האָב באַקומען פון „רוסקי וויעסטניק" פינף טויזנט פירהונדערט רובל און האָב מיך מתחייב געווען צו צושטעלן אַ נייעם ראָמאַן צו אַ באַשטימטן טערמין. איך האָב זיך געשטיצט דערויף, אַז דער שריפשטעלערישער גייסט וועט מיך נישט פאַרלאָזן, אַז דער דיכטערישער געדאַנק וועט אויפשווימען און וועט זיך ביזן סוף יאָר (1866) אַנטוויק־לען כּדי איך זאָל אַלעמען קענען צופרידנשטעלן. מיר האָט עס אויסגעוויזן מעגלעך, ווייל אין מיין קאָפּ און אין האַרץ האָבן זיך כּסדר געטראָגן קינסטלערישע געדאַנקען־אַסאָציאַציעס. זיי האָבן נישט אָנגענומען קיין פעסט געשטאַלט, ווייל דאָס לעצטע קומט פלוצלונג, נישט קענענדיק קיינמאָל פאָרויסזען, ווען דער

מאָמענט וועט קומען. ערשט ווען די פיגורן שטייען קלאָר אין מיין פאַנטאַזיע, קאָן איך זיי קינסטלעריש פאַרטיפן. דעמאָלט איז שוין די זאַך געלונגען.

„דעם גאַנצן זומער און הערבסט האָב איך דורכגעלופטערט פאַרשידענע געדאַנקען (אָפט מאָל משוגעדיקע אידייען). אָבער מיין שרייבערישע דערפאַרונג און אינטואיציע האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי זענען אָדער פאַלש, אָדער — שווער צום רעאַליזירן. ענדלעך האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ באַשטימטער אידייע. איך האָב זי אָנגעהויבן באַאַרבעטן. איך האָב זייער אַסך געשריבן. אָבער דעם פערטן דעצעמבער האָב איך די פעדער אַוועק געוואָרפן אין אַ זייט...

„איך פאַרזיכער אייך, איר האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז עס וועט זיין אַ מיטלמעסיקער דורכשניט-ראָמאַן. וואָס טוט מען? ס'איז דער פערטער דעצעמבער און איך מוז באַלד דעם ראָמאַן צושטעלן... דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן (מיין גאַנצע צוקונפט איז דערפון געווען אָפּהענגיק!) נאָכצוטראַכטן וועגן אַטעמע פאַר אַ גאַנץ נייעם ראָמאַן. די אַלטע קאָנצעפּציע האָב איך נישט געוואָלט ווייטער ציען. איך האָב געאַרבעט איבער דער נייער קאָנצעפּציע פון פערטן ביזן אַכצנטן דעצעמבער. יעדן טאָג האָב איך געהאַט קאָנצעפּציעס! דער קאָפּ איז מיר געוואָרן ווי אַ מיל. איך פאַרשטיי נישט ווי אַזוי איך בין אין יענע שווערע טעג נישט משוגע געוואָרן! ענדלעך דעם אַכטצנטן דעצעמבער איז דער פּלאַן פאַרטיק געוואָרן. איך האָב מיך אַוועקגעזעצט ביים שרייבטיש און געגומען שרייבן. דעם פערטן יאַנואַר (1867) האָב איך געהאַט פאַרטיק די ערשטע פינף קאַפּיטלען פון ערשטן טייל „אידיאָט“ (אַן ערך פינף בויגן דרוק). איך האָב זיי אָפּגעשיקט מיט דער הבטחה צוצושטעלן די לעצטע צוויי קאַפּיטלען פון ערשטן טייל דעם צענטן יאַנואַר. איך האָב זיי אָפּגעשיקט דעם עלפטן. אין דער קורצער צייט — אַן ערך דריי וואָכן — האָב איך פאַרענדיקט דעם ערשטן טייל.

איצט וועגן דעם ראָמאַן גופא:

ערלעך גערעדט, ווייס איך אַליין נישט, וואָס איך האָב אין רעדאַקציע געשיקט. לויט מיין מיינונג איז דער אידיאָט נישט קיין באַזונדערע און נישט קיין עפעקטפולע זאַך. מיך פאַרפאָלגט שוין לאַנג אַ געדאַנק, אָבער איך האָב מורא געהאַט צו מאַכן פון אים אַ ראָמאַן, ווייל דער געדאַנק איז זייער שווע־ און איך בין נישט גענוי צוגעגרייט צו שרייבן אַ ראָמאַן אויף אַזאַ טעמע. די אידייע אָבער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט, האָט מיך פאַרפאָלגט. האָב איך זיך אין איר איינגעגראָבן. די אידייע איז שילדערן דעם אמת גוטן און שיינעם מענטשן.

אַ שווערע פּראָבלעם, באַזונדער אין דער צייט אין וועלכער מיר לעבן, קאָן איך עס מיר נישט פאָרשטעלן. איר וועט מיך פאַרשטיין: די אידייע האָט זיך מיר שוין פריער פאַרבייגעטראָגן, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין קלאָר בילד. בלויז מיין יאושדיקע לאַגע האָט מיך געטריבן זיך צונעמען צו אַ נאָך נישט רייפע אידייע. איך האָב געשפּילט ווי ביי דער רולעטקע: „וואַ באַנק". אפשר וועלן מיר די געדאַנקען קומען אין פּראָצעס פון שאַפן און דער ראָמאַן וועט זיך אַנטוויקלען? דאָס איז געווען אַ נישט פאַראַנטוואָרטלעכער שריט...

אין אַלגעמיין איז דער בוי פון ראָמאַן פאַרטיק. איך זע אין גייסט פאַרשידענע דעטיילן, און דאָס טרייבט מיך ווידער צו דער אַרבעט. אָבער דאָס אַלגעמיינע בילד? דער העלד? ווייל דאָס גאַנצע איז ביי מיר געבויט אויפן ה ע ל ד. איך מוז שאַפן אַ געשטאַלט. וועט עס אויסוואַקסן אונטער מיין פעדער? און שטעלט אייך פאָר מיין פּחד: אַחוץ דעם העלד איז נאָך פאַראַן אַ ה ע ל ד ן און אַחוץ די הויפּט־פיגורן מוז איך נאָך שאַפן נעבן־פיגורן און אַ גאַנצע ריי עפּיזאָדן־פיגורן. ווייל עס מוז זיין אַ ראָמאַן אין אַכט טיילן. פון די פיר הויפּט פיגורן זיצן צוויי ביי מיר פעסט. איינע איז נאָך נישט קלאָר און די הויפּט־פיגור איז נאָך זייער שוואַך. דידאָזיקע פיגור איז זייער שווער צו כאַראַקטעריזירן. אַלנפאַלס מוז מען האָבן צוויי מאָל אַזוי פיל צייט וויפיל איך האָב, כדי אַזאַ ראָמאַן אָנצושרייבן".

נאָך דעם בריוו זענען אַריבער זעקס וואָכן. דער אָנהויב פון „אידיאָט" איז דערשינען אין „רוסקי וויעסטניק". דאָסטאָיעווסקי איז געווען נערוועיש וואַרטנדיק אויף מאַיקאָווס מיינונג. און נישט דערוואַרטנדיק זיך שרייבט ער ווידער צו מאַיקאָוון:

„ליבער פריינט! איר האָט מיר צוגעזאָגט צו שרייבן אייער מיינונג גלייך נאָכן איבערלייענען דעם ערשטן טייל „אידיאָט". איך וואַרט יעדן טאָג אומזיסט אויף אייער בריוו. איך בין דעריבער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער ראָמאַן איז שוואַך, און איר ווילט מיר צוליב איידלקייט נישט פאַרשאַפן קיין עגמת נפש, נישט זאָגן דעם אמת... איך דערוואַרט פון אייך דעם אמת. איך פייניק מיך שרעקלעך. האָט רחמנות און זאָגט מיר דעם אמת!".

און ער האָט נישט פאַרגעזצט דאָס שרייבן דעם ראָמאַן, ביז ער האָט באַקומען מאַקאָווס בריוו, אַז דער ראָמאַן האָט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג. דאַמאָלט איז ער אַ נייער מענטש געוואָרן. די איבעריקע טיילן (זעקס נישט אַכט ווי ער האָט געפּלאַנט) פון ראָמאַן האָט ער אָנגעשריבן גרינג און שפּילעוודיק ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז דעמאָלט...

אין דעם פּרט איז כאַראַקטעריסטיש דאָסטאָיעווסקיס באַציונג צו דער קריטיק, אויף וועלכער ער האָט געלייגט אַזויפיל האָפענונג, זיך באַציענדיק אַזוי ערנסט ווי ס'איז זעלטען ביי גרויסע קינסטלער. אַנדערע זענען צופיל איינגעגלויבט אין זיך, די קריטיק וועט ביי זיי אָדער גרינג געשאַצט, אָדער — זי איז נישט אויף אַזויפיל וויכטיק, אַז זי זאָל דעצידירן ביים יאָ אָדער נישט שאַפן פון אַ ווערק. דאָס דאָזיקע ווערט דאָך כאַראַקטעריסטיש, ווען מען געדענקט, אַז דאָסטאָיעווסקי איז שוין דאָ נישט קיין דעביוטאַנט, נאָר אַ רייפער גרויסער און שוין באַרימטער קינסטלער, וועמעס באַדייטונג אין דער ליטעראַטור איז שוין געווען באַפעסטיקט דורך אַ ריי ווערק מיט „פאַרברעכן און שטראָף" בראש. צו איז עס געווען די אומזיכערקייט פון אַ קראַנקער נשמה, וואָס האָט באַגלייט זיין גאַנץ לעבן?

5

אומזיסט איז געווען דאָסטאָיעווסקיס מורא, אַז דער „אידיאָט" איז אַ מיטלמעסיקע זאַך. מעגלעך, אַז אַדאַנק דערדאָזיקער מורא און דער אייפער צו וועלן דווקא שאַפן אַ גוטן ראָמאַן, איז אים געלונגען, אַז דאָסדאָזיקע ווערק זאָל נישט אָפּשטיין פון „פאַרברעכן און שטראָף" אין פּסיכאָלאָגישער טיפקייט. אָבער אַ חוץ דעם לעצטן, איז אין „אידיאָט" באַזונדער געלונגען דאָס פאַנאַנדערקלויבן זיך אין גאַנצן קנויל פּראָבלעמען מיט וועלכע דאָס ווערק איז פול. גאָר באַזונדער איז אים געלונגען זיין הויפּט-אידייע: די רעאַליזירונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, נאָך וועלכן דאָסטאָיעווסקי האָט זיין גאַנץ לעבן געשטרעבט: דעם „אמת גוטן פון שיינעם מענטשן", ווי ער שרייבט צו מאַיקאָוון. זיין גאַנץ לעבן האָט דאָסטאָיעווסקי געשטרעבט צו האַרמאָניע, צו גאַנצקייט פון דער מענטשלעכער נשמה און צו אַ לעבן אויף גערעכטע יסודות. אָנגעזאַפּט פון זיין ערשטער קינדהייט מיט צער און פיין פון לעבן, האָט דאָס לעצטע ביי אים באַקומען דעם זינען פון בלויז זיין, פון בלויז עקזיסטירן. אָבער דאָסטאָיעווסקי האָט געשטרעבט, אַז אַ חוץ עקזיסטירן זאָל מען אויך לעבן. מיר האָבן זיך — שרייבט ער אין „אונטערערדישן גייסט" — אַלע אָפּגעוווינט פון לעבן, אַזוי אָפּגעוווינט, אַז מיר פילן שוין צום אמתן לעבעדיקן לעבן אַ מין עקל... דאָס לעבעדיקע לעבן רעכענען מיר כמעט פאַר אַן אַרבעט, פאַר אַן אָפּקומעניש"... און לעבעדיק לעבן הייסט ביי דאָסטאָיעווסקין, נישט זיין פאַרטון מיט זיך גופא, מיט די אייגענע דאגות און קלייניקייטן, וועלכע פילן אָן דאָס לעבן; נישט לאָזן זיך באַהערשן פון אייגענעם צער, וואָס פרעסט דער נשמה און ברענגט בלויז צום מצב פון עקזיסטירן, פון זאָרגן

בלויז פאַר אייגענער עקזיסטענץ, נישט באַמערקנדיק דאָס אַדו־מיקע, סיי דעם מענטש מיט אַלע זיינע שיינע און מיאוסע זייטן, סיי די נאַטור, ווי למשל פירשט מישקין („אידיאָט"), וועלכער בלאָנדזשעט צופעליק אויף דער נאַטור און „שטרעקט אויס זיינע הענט אין דער ליכטיקער אין-סופיקע בלויקייט און וויינט,וויינט פון קרענקונג, פאַרוואָס ער איז דעם אַלעם און דער גאַנצער וועלט לחלוטין אַ פרעמדער"...

דאָסטאָיעווסקי גופא און זיין שטענדיקן יאָגן זיך נאָך דעם איינערלעך-מענטשלעכן, באַמערקט אויך נישט די נאַטור. ער איז כמעט נישט עמפינדלעך פאַר איר שיינקייט. אין ער־געץ באַגעגענען מיר נישט אין זיינע ווערק קיין נאַטור-שיל־דערונגען. און ווען ער — אין געשטאַלט פון פירשט מישקין — געפינט זיך אַמאָל פנים-אל-פנים מיט דער פרייער נאַטור, צע־וויינט ער זיך פון פאַרדרוס... צי איז עס דערפאַר, ווייל אָן דער נאַטור קען נישט זיין קיין האַרמאָניע אין דער מענטש־לעכער אויפפאַסונג פון אַ רעאַליזירט לעבן?..

פירשט מישקין, דער הויפט-העלד אין „אידיאָט", דאַרף דאָס פאַרקערפערן דאָסטאָיעווסקיס אייביקן חלום וועגן אַ רע־אַליזירטן מענטשן. אין אַ גרויסער מאָס איז עס אים געלונגען, הגם דערדאָזיקער רעאַליזירטער טיפּ איז ווי ס'רוב דאָסטאָיעווס־קיס טיפּן, נישט קיין געזונטער, אָן אומגליקלעכער עפּי־ליפּטיקער.

טאָלסטאָי האָט טאַקע טענות, פאַרוואָס דאָסטאָיעווסקי האָט דעם פירשט מישקין געגעבן נישט קיין געזונטן. ער, טאָלסטאָי, מיינט אַפילו, אַז דאָס האָט דאָסטאָיעווסקי נישט גע־האַט קיין מוט אים צו געבן אַ געזונטן, זייענדיק זיכער, אַז אויב דער איז קראַנק, איז אַזוי די גאַנצע וועלט...

מען מוז אָבער זאָגן, אַז די אייגנשאַפטן פון דעם פירשטס קראַנקייט האָבן, ווי עס זעט אויס, קיין שום השפעה נישט אויף זיינע האַנדלונגען, דאָס הייסט, אַז דאָסטאָיעווסקי שיל־דערט נישט זיין העלד אַזוי, דאָס מען זאָל קענען אַרויסדרינגען,

אַז אַ דאַנק זיין קראַנקהייט איז ער גוט. מעגלעך אַפילו, אַז די קראַנקהייט זיינע האָט דעם יונגן פירשט געלייטערט, אָבער אין ערגעץ קען מען דאָס נישט אונטערשטרייכן, ווי טאָלסטאָי וויל האָבן. דעריבער איז מען געצוווּנגען צו גלויבן, אַז זיין גוטסקייט און טיפע מענטשלעכקייט לגבי אַלץ און אַלעמען, איז אַן אויסברוך פון אַ ריינער רעאַליזירטער נשמה, ווי דאָסטאָיעווסקי האָט אים געוואָלט האָבן. זיין קראַנקהייט, וועלכע איז שוין אַגב אין לויף פון דער אַקציע אין ראָמאַן אַן אויסגעהיילטע איז נישט מער ווי אַ צופעליקייט, וואָס האָט אפשר אַ שייכות בלויז דערמיט, וואָס דאָס איז אַ שטיק דאָסטאָיעווסקישע אויטאָביאָגראַפיע.

6

דער „אידיאָט" פאַרקערפּערט אַ באַשטימטע תקופה אין לעבן פון דער רוסישער געזעלשאַפט.

אויף דער ברייטער קאַנווע, אויף וועלכן ס'איז געוועבט דערדאָזיקער ראָמאַן, אויפן ברייטן לייוונט האָט דאָסטאָיעווסקי געמאָלט אַ פאַרבנרייך בילד פון דער רוסישער ווירקלעכקייט אין דער צווייטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט. דאָ זענען אַרויסגערופן צום לעבן אַ גאַנצע גאַלעריע סתירהדיקע טיפּן און געשטאַלטן פון יענער תקופה, אַ זאַך, וואָס איז אין זיינע איבעריקע ווערק כמעט נישטאָ.

צום ערשטן מאָל שטויסן זיך דאָ צונויף געזעלשאַפטלעכע אַנטאַגאָניזמען. עס דיפערענצירן זיך פאַמעלעך די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און עס באַווייזן זיך סימנים פון אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, וועלכע האָבן אין רוסלאַנד ערשט אָנגעהויבן אויפצוקומען. דאָס זענען סימנים פון פּראָלעטאַריער און אָרעמע שיכטן,

וועלכע הויבן אָן קומען צום באַוווסטזיין און שטעלן זיך אין קאַמף מיט די הענגנדיקע שיכטן. עס הויבט זיך אָן אויסקריסטאַליזירן יענע באַוועגונג, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין לעבן פון רוסישן פאָלק. וועגן דעם האָט דאָסטאָיעווסקי אַ ביסל שפּעטער (1876) נביאות געזאָגט — הגם נישט גאַנץ גענוי — אין זיין „טאָגבוך פון אַ שרייבער".

נאָכן דערשיינען פון „אָרעמע מענטשן", האָט ביעלינסקי געזאָגט צו דאָסטאָיעווסקין:

— „צי ווייסט איר; אַז איר האָט געשאַפן דעם ערשטן סאָציאַלן ראָמאַן אין רוסלאַנד"?

אָבער פאַרן ערשטן, באמת סאָציאַלן ראָמאַן, איבערהויפּט דאָסטאָיעווסקיס, מוז מען רעכענען נאָר דעם „אידיאָט". ווייל דאָ האָבן מיר נישט בלויז נישט-זיכערקייט פון „אָרעמע מענטשן", נאָר אַפילו די נישט קינסטלערישע האַלבקייט, ווי אין „דערנידריקטע און באַליידיקטע" מיט דער בולטער סימפּאַטיע אויף איין זייט און בפירושע אַנטיפּאַטיע אויף דער צווייטער, ווי למשל אַזאַ נעגאַטיווער טיפּ ווי דער קניאַז. דורך דער צייט — זעקס יאָר — איז שוין דאָסטאָיעווסקיס געמיט אַ סך אויסגעלייטערט און באַרויִקט געוואָרן און ער קאָן שוין ביי זיך פּועלן צו געבן אַ ווייניקער סוביעקטיווע שילדערונג פון דער גאַנצער רוסישער געזעלשאַפט, כּדי צו לאָזן קומען צום וואָרט אַלע שיכטן און קלאַסן און געפינען פּאָזיטיווע שטריכן דאָרט, ווו ער האָט זיי פריער געהאַט נישט געפינען... און באַהאַנדלט ווערן די אַלע פּראָבלעמען מיט יענעם ספּעציפישן דאָסטאָיעווסקישן חוש און לעבעדיקייט, וועלכן ער צייכנט זיך אויס לגבי אַנדערע גרויסע רוסישע גייסטער. אויך דער מעטאָד פון זיין באַהאַנדלען די פּראָבלעמען, לויט זייער פּסיכאָלאָגישער טיפקייט און רוסישער בשמה-קענטניש, זענען זיי נאָך נישט אָפּגעלעבט אין אונזער צייט, אַפילו אין פּעריאָד פון נאָך רעוואָלוציע, ווען אַזויפיל האָט זיך שוין אין דער פּסיכיק פון די פאָלקס-מאַסן געענדערשט, און דער פּראָצעס איז נאָך ווייט נישט געענדיקט,

עס איז נאָך אַלץ נישט אָפּגעלייקנט דאָסטאָיעווסקיס דער־
קענטעניש פון דער רוסישער נשמה, ווי עס וויל למשל האָבן
איינער פון דאָסטאָיעווסקיס אייניקלעך אין פּרט פון באַנעמען
זאַכן און דערשיינונגען. „דאָסטאָיעווסקי — מיינט ערענבורג —
איז שוין פאַרעמד דעם נייעם רוסישן דור"...

שוין נישט רעדנדיק דערפון, וואָס לויט אונזער איבער־
צייגונג, אויפן יסוד פון ערענבורגס שאַפן, איז ער אַליין נישט
ווייט אַוועק פון... דאָסטאָיעווסקין אין פּרט פון שאַפן געוויסע
טיפּן, — מוז אויך געזאָגט ווערן, אַז דערווייל האָט די רעוואָ־
לוציע בלויז באַוויזן צו מאַכן דעם ערשטן איבערברוך אין דער
פּסיכיק פון רוסישן אינטעליגענט און ביי דעם באַוווסטזיין־
קומענדיקן טייל פון די פאָלקס־מאַסן. אָבער דער תּוך, דער
טיפער גלויבן און דאָס וואַרטן אויפן נס, מיט וועלכן דאָס רו־
סישע פאָלק צייכנט זיך אויס לגבי אַנדערע, די סבֿלנות איבער־
צוטראָגן ליידן, די רעזיגנאַציע פאַרן גורל און דאָס דערהויבן
די ליידן ביז אַ קולט, אַ קולט פון דערהויבונג, ביז צו אַ
שטרעבונג פון באַהעפטן זיך מיט גאָט, — דאָס אַלץ האָט נאָך
די רעוואָלוציע נישט באַרירט, אַלנפאַלס בלויז אויבנאויפיק, הגם
ס'איז קלאָר, אַז דער וועג צו דער איבעראַנדערשונג איז דורך
דער רעוואָלוציע געוויזן געוואָרן און ס'איז צו דערוואַרטן, אַז
אין ווייטערדיקן פּראָצעס פון פּסיכאָלאָגישן איבערבוי, וועט דער
קומענדיקער דור פון רוסישן פאָלק אפשר זיין ווייט אַוועק
פון דאָסטאָיעווסקיס רעזיגנאַציע־גלויבן. דער נס וועט פאַרביטן
ווערן אויפן אַקטיוון זעלבסט־כּוח. די קאָנצעפּסיע: „מיין גאַנצע
האָפענונג לייג איך, גאָטעניו, אויף דיר" — וואָס איז געווען
דער תּוך און תּמצית פון דאָסטאָיעווסקיס דערציונג אין די
קינדער־יאָרן און וואָס איז די אייגנשאַפט פון דער רוסישער
נשמה, דאָס דערהויבן גאָט און נידריק מאַכן דעם מענטש —
וועט וואָס ווייטער פאַרביטן ווערן אויף דערהויבן צו דער העכס־
טער באַשטימונג דעם מענטש גופא...

יאָ, דאָס אַלץ זענען פּערספּעקטיוון אָנגעצייכנטע דורך
דער צייט, וועלכע דאָסטאָיעווסקי האָט נישט פאָרויסגעזען, אַפילו

אין זיין נביאהשאַפט בנוגע דער רוסישער רעוואָלוציע און זיין דערמאָנטן „טאָגבוך פון אַ שרייבער". פונקט אַזוי האָט ער זיך טועה געווען אין זיין דיאַגנאָז, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט פאָרקומען צוערשט אין מערב־אייראָפּע, וועלכע איז צעפוילט פון פּאַרלאַמענטאַריזם און דעמאָקראַטישן שקר — פון וועלכן דאָסטאָיעווסקי איז אַגב געווען אַ קעגנער.

רוסלאַנד — האָט געמיינט דאָסטאָיעווסקי — וועט נישט בלויז נישט אָננעמען דעם קאָמוניזם, נאָר וועט זיך אַפילו אַנט־קייגנשטעלן דער רעוואָלוציע אין מערב און... מיט דער גאַנצער דערהויבנקייט פון איר אמתן קריסטנטום („פּראַוואָסלאַוויע") וועט זי ראַטעווען די וועלט...

יאָ, דאָס אַלץ איז געווען דאָסטאָיעווסקיס טעות, ווי ביי אַ מענטש, וואָס איז צוגעשמידט צו דער שטרעבונג נאָך געטלעכ־קייט, נאָכן מיסטיש־מעטאַפיזישן נס. האָט דעריבער דאָסטאָיעווס־קי נישט געקענט פאָרויסזען, ווי די פאַרשקלאַפטע — צו גאָט און צו לייט — רוסישע נשמה פאַרלירט דאָס געדולד וואַרעמ־דיק אויפן נס, און נישט נאָר זי וועט זיך אַנטקייגנשטעלן דעם מערב, נאָר וועט נאָך אַליין די ערשטע צעררייסן סיי די געט־לעכע סיי מענטשלעכע קייטן און ווערן דער פאָרגייער פאַרן מערב, צו דער אַבסאָלוטער מענטשלעכער באַפרייונג. און פונקט ווי אין דאָסטאָיעווסקין גופא האָבן זיך געקענט קאָנצענט־רירן אַזעלכע קאָנטראַסטן, ווי: רעוואָלוציאָניזם און קאָנסערוואַ־טיזם, אַטעאיזם און גלויביקייט — אַזוי האָט אויך דאָס רוסישע פאָלק געקענט גלויבנדיק, זיך באַפרייען פון די קייטן פון... גלויבן און פאַרשקלאַפטערהייט ווערן דער אָנזאָגער פון וועלט־באַפרייונג...

דאָס אַלץ באַשטעטיקט נאָך נישט ערענבורגס מיינונג, אַז דאָסטאָיעווסקי איז שוין פרעמד דעם רוסישן דור. אַפילו אין פּראָצעס פון רעוואָלוציע, וועלכע איז אַ פּערמאַנענטע, זענען בולט שפּורן פון דאָסטאָיעווסקיס כאַראַקטעריזירן דאָס רוסישע פאָלק און אַ סך סימנים האָבן מיר אין „אידיאָט".

7

ס׳איז אפשר מאָדנע דער פאַקט, וואָס אַלס טיפּ פאַר זיין ר ע אַ ל י ז י ר ט ן מענטש, נעמט דאָסטאָיעווסקי נישט פון צווישן אָרעמע אונטערדריקטע, נאָר פון דער אַריסטאָקראַטישער געזעל־שאַפט. פון אַדל־ און־ פירשט־קלאַס, ווי דער הויפּט־העלד פירשט מישקין אין „אידיאָט״. ס׳וואָלט אָבער פאַלש געווען צו מיינען, אַז דאָס איז אויסשליסלעך צוליב זיין פּאָזיטיווערע באַציִונג צום אַדל־קלאַס, איידער צום אָרעמען. שוין אין „דערנידריקטע און באַליידיקטע״ האָט דאָסטאָיעווסקי באַוויין זיין אַנטיפּאַטיע צום אַדל־קלאַס, מאָלנדיק זייער אַנטיפּאַטיש דעם קניאַז. אָבער דאָ, אין „אידיאָט״, פירט ער, משמעות, אַרויס אַ קעגן־טיפּ, טאַקע פון זעלבן קלאַס, אָבער שוין פּסיכאָלאָגיש אַן אַנדערער, און אויך, קודם־כל אַזעלכן, וועלכן ער האָט שוין געוויזן — הגם אין ווייניק פאַרבן — „אין דערנידריקטע און באַליידיקטע״, טאַקע אינם קניאַזס זון, מישאַ. שוין דאָרט זעען מיר דעם גע־וואַלטיקן קאָנטראַסט צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן ריינסטער מענטשלעכקייט און העסלעכסטער פאַרדאָרבנקייט, ווי צווישן פאָטער און זון. ס׳איז דעריבער פאַר דאָסטאָיעווסקין געבליבן ביים וועלן אידעאַליזירן זיין רעאַליזירטן טיפּ, בלויז צו פאַר־טיפן דעמדאָזיקן טיפּ פון יונגן זון, אים אַריינבלאָזן מער לעבן און באַוועגלעכקייט, כדי ער זאָל ווערן דער, וועלכן מיר זען אין „אידיאָט״.

און נאָך עפּעס: דאָסטאָיעווסקין איז פּשוט גרינגער צווישן דאָזיקן רייכן קלאַס צו געפינען אַ מאָדעל פאַר זיינע אידייען, צוליב די אַקציע, וועלכע זאָל זיך האָבן אויף וואָס צו באַזירן. ווייל די גוטסקייט פון אָרעמע ליידנדיקע איז דאָך מער נאַטיר־לעך און ווייניקער מערקווירדיק ווי עס איז אין פאַל פון קעגנ־

וועצלעכן קלאַס, וועלכער שמט אַלס שלעכטער פאַרדאָ־בענער. מענטשלעכע שלעכטקייט אָדער גוטסקייט איז דאָך סוף־כל־סוף אָפּהענגיק־מער פון אויסערלעכע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיבות, איידער פון נאַטירלעכע אייגנשאַפטן. דער רייכער איז אָפּטמאָל שלעכט מער צוליב זיין געזעלשאַפטלעכע לאַגע, ווי פון אינערלעכער איבערצייגונג. דערפאַר איז דאָך מער אומנאַטירלעך געוויסע פאַלן, ווען מענטשן, וועלכע געהערן צום אונטערדריקער־קלאַס, זאָלן אין זייערע האַנדלונגען — אַלס פועל־יוצא פון פאַרשידענע נשמה־וויבראַציעס — אַריבערטרעטן די אָנגענומענע באַגריפן פון זייער קלאַס. אַזאַ איינער ווערט שטאָט פאַרוווּנדערונג גיכער אַרויסרופן שפּאָט און באַדויערן אַלס אומנאָרמאַל באַשעפעניש: אַן אידיאָט...

אַזאַ איינער איז פירשט מישקין.

אייגנטלעך איז פירשט מישקין אידענטיש, אין ביאָגראַפישן זין, מיט דאָסטאָיעווסקין גופא. די דערציילונג אין אָנהויב ראָמאַן וועגן זיין רייזע אין אויסלאַנד, כלומרשט אויף קורירן זיך פון אידיאָטיזם, ריכטיקער: פון עפילעפּסיע; זיין שפּעטערדיקע דערציילונג וועגן די איבערגעלעבטע טויט־שטראָף־עקזעקוציעס — דאָס אַלץ זענען אויטאָביאָגראַפישע פּרטים, וועלכע זענען דאָ אויסגענוצט געוואָרן. דאָס איז אויך דער אָפּקלאַנג פון יענע צייטן, ווען דאָסטאָיעווסקי, אַ צעטרייסלטער פון לעבנס־אומגליקן, האָט אַליין געחלומט פון דערהויבן זיך צום רעאַליזירטן מענטש. אַזוי האָט דערדאָזיקער חלום סוף־כל־סוף געפונען זיין תיקון אין פירשט מישקין.

וואָס־זשע זענען עס פאַר אַ כאַראַקטער־אייגנשאַפטן און באַזונדערע מעלות, מיט וועלכע דערדאָזיקער פירשט־אידיאָט צייכנט זיך אויס אַלס פּראָטאָטיפּ פאַרן קומענדיקן מענטשן?

אין פלוג, גאַנץ פשוט: ערלעכקייט פון כאַראַקטער, אַנטיפּאַטיע צום שקר, פשוטקייט און אויפריכטיקייט פון באַציִונג לגבי אַלע אַרומיקע. קיין שום סימן פון גאווה, קורץ: יענע אַלע עכלעכע אייגנשאַפטן, וועלכע זענען אַזוי ווייניק בנמצא אין

דער מענטשלעכער געזעלשאַפט...

דידאָזיקע עטלעכע אייגנשאַפטן זענען דער תוך פון זיין נשמה, אויף זייער פאָן שפילט זיך אָפּ דער גאַנצער גרויסער ראָמאַן. אין אַלע פאַרפלאָנטערטע האַנדלונגען דאָמינירן די דערמאָנטע מעלות, וועלכע האַלטן דעם פירשט אויפן אויבערפלאַך פון די געשעענישן און דערלאָזן אים נישט אויסמישן זיך מיטן גרויען אַרום. דאָס אָבער רעגט אויף אַלץ און אַלעמען, אָבער נאָך אַ לאַנגן פּאַסיוון קאַמף, נישט קעמפנדיק, נאָר האַנדלענדיק נאַטירלעך, באַזיגט ער סוף-כּל-סוף די סביבה, צווינגט קעגנער צו ענדערן זייער פאַראַכטנדיקע באַציִונג צו אים און סוף-כּל-סוף זיי איבערצייגן, אַז דעראָזיקער אידיאָט איז עפּעס „גאָר-נישט ווי מען מיינט"... עפּעס איז ער גייסטיק שטאַרקער און ריינער ווי אַלע אַרומיקע; אַז ער איז... נאָר ס'איז שווער צו געפינען די ריכטיקע פאָרמולירונג צו דעם, וואָס ער איז אייגנ-לעך, ווייל ער איז עפּעס אַ נ י י ע ס. זיינע אידייען, מיינונגען און באַציִונגען צו מענטשן זענען אין סתירה מיטן אָנגענומענעם סדר פון זיין קלאַס. ער איז ווייט פאַרלאָפן דעם וועג פון זיין דור און אפשר נאָך אַ סך דורות נאָך אים. אַזוי מוז זיין דער רעאַליזירטער טיפּ מענטש פון דער צוקונפט, ווען דאָסטאָ-יעווסקי האָט אין אַלע פּרטים זיך פאָרגעשטעלט.

ס'איז שווער משיג צו זיין, אַז די מענטשלעכע שטרע-בונגען צום פאַרפולקאָמטן מענטשן, זאָלן גיין ווייטער אין דער מעגלעכער דערגרייכונג, ווי עס דערשיינט פאַר אונז פירשט מישקין. ס'קען באמת נישט זיין קיין העכערע מדרגה, ווי דאָס האַרמאָנישע צוזאַמענלעבן צווישן מענטשן — נאָכן באַזייטיקן פון קלאַסן און פּריווילעגיעס, וועלכע צעטיילן — אויפן יסוד פון אויפריכטיקייט און ערלעכקייט, פון אויסוואָרצלען די חיה איגם מענטש.

קלאָר אַז אַזאַ אידעאַלער מצב איז אַן אילוזיע פּונקט ווי אַ שיינעם חלום, נאָך וועלכן מען בענקט. און דערפאַר איז אַזאַ טיפּ אָריגינעל טון שיין, מען ער זיין אויסגעטראַכט: ווייל

סוף כּל סוף זענען אַלע אונזערע אידעאַלן און שטרעבונגען אויסטראַכטענישן, וועלכע מיר מיען זיך דאָך צו רעאַליזירן, און רעאַליזירן שטרעבן מיר דורך רעוואָלוציע.

פּירשט מישקין דער אידיאָט איז אַ רעוואָלוציאָנער טיפּ, הגם דאָסטאָיעווסקי האָט אים נישט באַלאָדן מיט קיין רעוואָלוציאָנערע פראַזן.

קלאָר, אַז נישט די רעוואָלוציאָנער פראַזע מאַכט דעם מענטש נאָר דער רעוואָלוציאָנערער טאַט, דער מוט צו האַנדלען אין הסכּם מיטן געוויסן, די רעוואָלוציע מאַכט נישט דעם מענטש אינערלעך גוט אָדער שלעכט. גוטס אָדער שלעכט ביים מענטשן זענען אַ פּראָדוקט פון אַ גאַנצן קאָמפּלעקס סבות, וועלכע זענען נאָך נישט אַבסאָלוט אויסגעפאָרשט. אַזוי למשל איז נישט גענוג זיכער דער פאַקט, אַז גוטע אָדער שלעכטע אייגנשאַפטן מוזן איבערגיין בירושה פון עלטערן צו קינדער. מיר זען אָפט בייַשפּילן, וועלכע לייקענען אָפּ די ירושה-באַגרינדונג. דאָס גוטע מיטן שלעכטן, וואָס דאָמינירן אין לעבן, זענען סוף כּל סוף אומקאָנטראָלירנדיק, און נישט גלייכמעסיק צעטיילט צווישן מענטשן.

פּירשט מישקין בלייבט דעריבער נאָכמער דער אידעאַלער טיפּ אין דער ליטעראַטור בכלל און אין דער אידייע פון מענטשלעכער דערהויבונג בפרט. און סוף כּל סוף איז עס נאַטירלעך, זיין בלייבן דער נישט-פאַרשטאַנענער און זיין גילטן פאַר אַ נאַר, אַן אידיאָט, הגם אין זיין לאָגיש רעדן און האַנדלען איז גאָר קיין ספק.

פונקט אַזוי איז אָן ספק, אַז די מענטשלעכע באַגריפן וועגן שכל זענען נישט נאָר נישט איינהייטלעך, נאָר נאָכמער פאַלש. אין תוך גענומען איז שכל אַ מער רעלאַטיווער, ווי פעסטער באַגריף. און אַז מען טראַכט זיך אַריין, צעטיילט זיך גאָר דער שכל אויף צווייען: אַ הויפּט-שכל און אַ געוויינלעכער. מיטן ערשטן צייכענען זיך אויס מענטשן, וועלכע קלייבן זיך אין פּראַקטישן לעבן נישט פאַנאַנדער און גילטן דעריבער

אַלס טויגעניכטסן, ווי ס'איז למשל אין לעבן פון קינסטלער און בעלי-חלומות. דעם פּשוטן „געזונטן" שכל באַזיצן ס'רוב מענטשן, וועלכע זענען זייער פּעיִק, פאַרמאָגן אַלע נויטיקע אייגנשאַפטן זיך דורכצושלאָגן אַ וועג צו דער עקזיסטענץ. זיי זענען אַפילו קלוג, ראַפינירט, אָבער — פאַרשטיין דאָס לעבן דאָרט, ווו עס פאָדערט זיך פאַנטאַזיע, גייסטיקער שווונג און באַוועגונג פון געדאַנק — זענען זיי הילפלאָז און האַלטן עס אויך פאַר אומ-באַרמהאַל און נאַריש... דערדאָזיקער טייל בילדעט דעם רוב מנין ובנין פון דער געזעלשאַפט. הייַנט ווי אַזוי-זשע זאָל אַזאַ פירשט מישקין, וועלכער געהער צו דער קאַטעגאָריע הויפּט-שכלדיקע, פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט ווערן?

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס דאָסטאָיעווסקי גע-פינט אַזעלכע, וואָס זאָלן דעם אידיאָט פאַרשטיין און ליב קריגן, נאָר צווישן קינדער. זיי פילן אים אינטואיטיוו גיכער ווי פאַר-שטיין מיטן שכל. קינדער זענען בכלל פילבאַרער און גוטע מענטשן זענען אין דעם פּרט אויך קינדער. דער קליינער קאָליאַ, וועלכער איז דער קאָנטראַסט פון זיין עקסצענטרישן קאַריערע-זוכנדיקן ברודער, שאַצט אָפּ דעם פירשטס אייגנשאַפטן, שטימט לכתחילה צו צו אַלע זיינע מעשים און העלפט אים אין אַלע מאָמענטן. ס'איז דער סימבאָל פון דער יוגנט, וועלכע דערפילט אינם פירשט דאָס אָנקומען פון אַ נייעם גערעכטן מענטשן.

8

לעבן דעם פירשט מישקין אַלס צענטראַל-פיגור אין ראָ-מאַן, אַרום וועמען עס הויבט זיך אָן באַוועגן אַ גאַנצער קנויל געשעענישן און פאַרפּלאָנטערונגען, וואָס קומען פאָר אויפן פאָן פון דער רוסישער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט — פאַרנעמט דעם צווייטן פּלאַץ נאַסטאַסיאַ פיליפּאָווגאַ. אַ מיידל אַ יתומה

וועלכע דערציט זיך אונטער דער אַפּוטראָפּסות פון אַ רייכן אויסוואורף, אַ געוויסן טאָציקי, אַ פריינט פון גענעראַל עפּאַנטשין, אין וועמענס סביבה און קרובהשאַפט דער פירשט מישקין פאַלט אַריין, אומקערנדיק זיך פון אויסלאַנד און ווערט צוליב זיין פלוצלונגדיקער ירושה אַן אַנגעלייגטער גאַסט.

זי, נאַסטאַסיוואַ פיליפּאָוונאַ, איז דער פּראָטאָטיפּ צו דער שפּעטעדיקער גרושענקאָ אין „קאַראַמאַזאָוו". די זעלבע עקסצענטרישקייט פון כאַראַקטער, די זעלבע שטאָלצקייט און פילן זיך געפאַלן ווי יענער; בכלל די זעלבע סתירותדיקייט פון דער נשמה, דאָס נישט דערקענען זיך אַליין, דאָס נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אייגענע מעשים. און איבערהויפּט דער פאַטאַליזם, וואָס הערשט איבער איר גורל, אין וועמעס רשות זי געפינט זיך און וועמעס שליחות זי פירט אויס.

דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער פרויען־טיפּ ביי דאָסטאָיעווסקין. אַלע האָבן זיי דעם גורל נישט צו ווערן דערצויגן זעלבסטשטענדיק, נאָר אויף פרעמדן חשבון, צוליב נישט זויבערע צילן. און זייערע עמפינדלעכקייט ווערט גערייצט ביז קרענקלעכקייט, פילנדיק, אַז די גאַנצע פרעמדע השגחה איז נישט מער ווי אויף אַ פּרי, וואָס מען לאָזט אויסוואַקסן ביז דעם געהעריקן מאָמענט פון צייטיקייט, כדי פון איר צו עסן און געניסן, לגמרי נישט רעכענדיק זיך מיט איר אינדיווידום... דאָס פירט דערצו, אַז ווען דער געדאַנק פון דורך זייערע דערציער פאַרפאָלגטן צוועק דרינגט דורך דעם באַוווסטזיין, ווערן זיי עקסצענטריש און ווילד, ווי סרוב דאָסטאָיעווסקישע פרויען טיפּן.

אין זייער רעאַגירן אויף געוויסע געשעענישן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו זייער גורל מיט וועלכן די מענער רינגלען זיי אַרום, איז תמיד פאַראַן אַזויפיל טראַגיש־גרויסעס, אַזויפיל נשמה־ווייטיק, נשמה־באַליידיקטקייט און מענטשלעכע אייגןווערט, אַז עס מאַכט שטוינען. אין נאַסטאַסיאַס אָפּרעכענען זיך מיט אַלע אירע בעלי־טובות און באַגערער, איר שטאָלץ־פאַראַכטנדיקן שליידערן זיי אין פנים אַריין אַלע זייערע טובות און

פאַרלאַנגען, ליגט דער פּראָטעסט פון דער אייביק פאַרשקלאַפּטער פרויען־נשמה, פאַרוואָס מען באַטראַכט איר נישט מער ווי אַן אַטריבוט פאַר פרעמדן געניס. דאָס איז אַ פלאַמיקער פּראָטעסט פון אַ נשמה, וואָס שטרעבט צו אומאָפּהענגיקייט און גייסטיקער באַפרייונג און אָנערקענונג אַלס אינדיווידום מיט אייגענע פאַרלאַנגען, צילן און שטרעבונגען; אַן אינדיווידום, וואָס איז נישט קיין מיטל פאַר פרעמדן געניס, נאָר אַ ציל פאַר זיך גופא; אויב געניס — זאָל זי קאָנען נעמען און נישט בלויז געבן. און דעריבער זענען אַלע בעלי־טובות נאָר אַ באַליידיקונג פאַר דער פרויען־נשמה צוליב זייערע טונקעלע צילן.

אָבער קיינער פון די, וועלכע רינגלען איר אַרום זענען נישט מסוגל צו פאַרשטיין, אַז אין נאַסטאַסיאַ פיליפּאָווּנאַס נשמה קומט פאָר אַ פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס, אַ רעאַקציע פון אַ באַליידיקטער נשמה געגן אירע באַליידיקער און אויסנוצער. ביי זיי אַלע איז איר אָפּזאָגן זיך פון די בעלי־טובות און איר געליבטן — נישט מער ווי אַ קאַפּריז, אַ משוגעת פון אַ צעלאָזטער, צעבאַלעוועטער פרוי, וועלכע שפּילט מסתמא קאָמעדיע. נאָר ווי אַזוי אַנדערש זאָלן זיי עס באַגרייפן? ווירקט דען אויף זיי די טראַדיציע פון טויזנטער יאָרן פאַרשקלאַפּונג און מינערווערטיקייט פון דער פרוי לגבי דעם מאַן; אַ טראַדיציע, וועלכע איז שוין כמעט אַ נאַטור־געזעץ אין דער געזעלשאַפט...

נאָר אין גאַנצן טראַגישן שפּיל מישט זיך אַריין דער פירשט מיט זיין נאַטירלעכער פּשוטקייט און נאַיווער ערלעכקייט, וואָס מאַכט אים אומפעיק זיך צו מאַסקירן, באַנעמט ער אינטואיטיוו, אַז דאָס, איז נישט סתם אַ שפּיל און קאַפּריז, אַז בכלל איז זי נישט דאָס, פאַר וועלכע מען האַלט איר. און ער איז גרייט איר גורל צו נעמען אונטער זיין שוץ. ער וויל זיך פאַרבונדן מיט איר, נישט געקוקט אויף די אַלע קלאַנגען, וואָס גייען אַרום וועגן איר.

באַד — זי זאָגט זיך אָפּ.

ס'איז אָבער נישט דאָס זעלבע אָפּזאָגן זיך, ווי פון אירע בעלי־טובות. מיט איר געזונדטן פרויען־חוש דערפילט זי באַלד, אַז דער דאָזיקער אידיאַטישער פירשט, וועלכער פאַרמאָגט אין זיך אַזויפיל קינדערישקייט, האָט יאָ דעם שליסל צו איר האַרץ און נשמה געפונען, אַז ער פאַרשטייט איר יאָ און איז אויסן צו ראַטעווען איר נשמה פון ווייטערדיקען קויקלען זיך באַרג־אַראָפּ. און — גראָד דאָס דאָזיקע נעפּיל מאַכט איר מער געקרענקט. איר שטאָלץ דערוועקט זיך עמפינדלעכער. דאָס איז איינע פון יענע סתירות, וועלכע טרייבן אַמאָל אַ מענטשן באַוווסטזיניק גע־גען גורל, אַפילו, ווען ער איז באַשטימט געראַטעוועט צו ווערן פון אונטערגאַנג.

זי זאָגט זיך אָפּ. זי גיט זיך אָפּ חשבון, אַז ביי דער עקס־צענטרישקייט פון איר נשמה וועט זי זיין נאָר אַן אומגליק פאַרן דאָזיקן נאַיוולעכן „פירשטל". חתונה האָבן מיט אים באַטייט: אים פטרן. איז זי צו ערלעך דאָס צו טון. „זי איז — זאָגט זי — נישט טאָצקי, וועלכער יאָגט זיך נאָך קינדער..." מיט וואָס פאַר אַ טיפן ווייטיק און פאַראַכטונג זי וואַרפט אָפּ דעם גאַנצן האַנדל אַרום איר, ווי איינער וויל דעם צווייטן אויסקויפן די רעכט אויף איר, ווי מען קויפט אַ בהמה!

אָבער אַ קערנדל ליבע איז שוין פאַרפלאַנצט אין איר צעווייטיקטער נשמה פאַרן דאָזיקן „פירשטל". אַלס ווי צום ערשטן מענטש, וועלכער האָט אויף איר געקוקט אַנדערש ווי אַלע אַנ־דערע. ער האָט אין איר דער ערשטער אָפּגעשאַצט דאָס מענטש־לעכע, נישט דאָס פּרויאישע. און... טאַקע צוליב דעם קען זי מיט אים נישט חתונה האָבן, זי וועט פשוט נישט בכח זיין צו באַרויקן איר ברויזנדיקע נאַטור, פאַר וועלכער זי אַליין קען נישט גאַראַנטירן; זי וועט זיך נישט קענען צופּאַסן צום רויקן געמיט און גליקזעליקייט, וואָס פּאַסט זיך אַזוי צו דער פער־זענלעכקייט פון פירשט...

דאָס איז אַ באַזונדער שטייגער ליבע, וועלכער איז אייגן

נאָר דאָסטאָיעווסקיס פאַרשווינען; אַ ליבע פון אַליין זיך פייניקן, איידער אָפּטון אַ געמיינקייט לגבי דעם, וועלכער פאַרדינט ליבע...

סיי ווי סיי קלויבט זי אויס דעם לעצטן וועג: אין הול־יאַנקעס און אָרגיעס, טאַקע מיט די איר אַרומרינגלענדיקע פאַרשווינען, צו דערטרינקען איר נשמה־פּיין, ביז באַרוישונג און פאַרגעסונג.

ציט זיך אַזוי לאַנג איר דאָזיקער וועג; אַ וועג דורך געפאַלנקייט, ביי וועלכן די נשמה רייסט זיך אין די הויכקייטן; אַ וועג פון אַליין פייניקן זיך און זיך שפּילן מיט אַנדערע הערצער און לעבנס, אַלס נקמה פאַר אייגענער דערנידערונג. אויף דעם וועג שטויסט זי זיך צונויף מיט אַ פרוי, וועלכע ווי זי האַלט, איז נישט פּאַסיק פאַר דעם פּירשטס נאַטור. דאָס זענען צוויי פרויען פון באַזונדערע וועלטן. איינע, וועמעס לעבנס־וועג ס׳איז זיך געפלאָסן רויק און זיכער אונטערן שוץ פון נאַטירלעכער לעבנס־באַדינגונגען, אַזוי, אַז זי איז פּסיכאָלאָגיש מסוגל צו באַטראַכטן אַלע לעבנס־דערשיינונגען בדרך הטבע; זי איז אָבער בשום אופן נישט מסוגל זיך פאַנאַנדערצוקלויבן אין די אַלע תהומות, וואָס רינגלען אַרום דעם לעבן. דאָס איז די טאָכטער פון גענעראַל עפּאַנטשין. און די צווייטע איז אַ פרוי, וועמען דאָס לעבן האָט תמיד געוויזן די לינקע זייט, די העסלעכע, פול מיט פאַלשקייט און שקר און דעריבער אין איר נשמה אָנגעמאַכט אַ חורבן...

דער צוזאַמענשטויס פוןביידע פרויען צוליב דעם פּירשט, וועלכער איז תמיד אויף דער זייט פון די ליידנדיקע, ענדיקט זיך לאָגישער ווייז אויף דער זייט פון נאַסטאַסיאַ פיליפּאָווּנאַ. אָבער דער דאָזיקער זיג אירער קאָסט איר צו טייער. ווייל נישט בכח זייענדיק אין דערציידירנדיקסטן מאָמענט ביישטיין די מאַכט, וואָס באַוועגט מיט אירע מעשים, פאַלט זי אַריין אין די הענט פון דעם, וועלכער האָט שטענדיק זיך באַמיט איר צוגעווינען. ער, ראָגאָזשין, וועמען זי האָט אין תוך געהאַסט פאַר זיין בעסטיאַלישקייט. און ביי אים פאַרלירט זי סוף־כל־סוף איר לעבן. איר

געפּייניקטע נשמה באַפרייט זיך פון גוף...

אין דאָזיקן טראַגישן קאַטאַקליזם דערשיינט דער פּירשט אין אַ ניי געשטאַלט אַלס פּ אַ ר ג ע ב ע ר. אין דער טראַגישער נאַכט, ווען ער ליגט צוזאַמען מיטן מערדער ביי דער טויטער נאַסטאַסיאַ און יענער דערציילט ווי אזוי „דאָס איז פאָרגעקומען״, רייסט זיך נישט אַרויס קיין איין וואָרט פון באַשולדיקונג, קיין איין זילב פון פאָרוואורף, ווי סוואָלט געווען אַ נאַטירלעכער זעלבסט־פאַרשטענדלעכער טאַט... ער דערפאָרשט, באַגרייפט אין דער טיפעניש פון זיין נשמה דעם גאַנצן אומפאַרמיידלעכן גורל אין וועמעס הענט מענטשן און מעשים זענען נאָך דערוויילע סטאַ־טיסטן פאַר דעם רעזשיסאַר — דאָס לעבן, און ער איז מוחל... ער איז מוחל מיט יענער גרויסקייט, צו וועלכער די אָפיציעלע גערעכטיקייט וועט זיך קיינמאָל נישט דערהויבן.

— — — — — — — — — — — —

מיט אַ שווער געמיט לייענט מען דידאָזיקע זייטלעך. מען דערפילט זיך אַזוי נישטיק, קליינלעך לגבי דעם אַלעם, און צו דערזעלבער צייט זענען מיר פאַרוווּנדערט פאַרן מענטשלעכן זשעני, וואָס האָט זיך געקענט אַראָפּלאָזן און זיך דערקלויבן אין די פּרבאָרגנסטע לאַבירינטן פון דער נשמה און מאַכן אונז פילן דעם ציטער פון די דינסטע לעבנס־סטראָנעס, די איידלסטע ניואַנסן, כמעט ביז די סאַמע לעבנס־מאַטעריע; אַ זאַך צו וועל־כער קיינער ביז דאָסטאָיעווסקין האָט נישט דערגרייכט. מען פילט ווייטיק מיט שטאָלצקייט געמישט, בעת מ׳טראַכט זיך אין דעם אַריין און מען דערפילט זיך אַליין אין מצב, ווען די נשמה טוט זיך, דאַכט זיך, אויס פון איר רעאַלן לבוש און פאַרטראָגט זיך ווייט אין די עולמות צו דערגיין דעם סוד פון דאָ־זיין...

דאָסטאָיעווסקי — מכשף פון דער מענטשלעכער נשמה!

9

פון דעם מאָמענט, ווען מען האָט דאָסטאָיעווסקין אַלס אַכטאונצוואַנציק יאָריקן יונגערמאַן פאַרמשפּט צום טויט און אין לעצטן אויגנבליק די שטראָף פאַרמיטן אויף סיביר, ביזן מאָמענט פון שרייבן דעם „אידיאָט", זענען אריבער אַכצן יאָר. אַזאַ צייט איז מסוגל אָפּצעווישן אַלע מענטשלעכע איבערלעבונגען, אַלנ־פאַלס ווערן זיי אין משך פון אַזאַ צייט אָפּגעשוואַכט און בלאַס אין זכרון. אָבער נישט אַזוי איז מיט דער איבערלעבונג פון טויט־שטראָף, פון דערוואַרטן די לעצטע מינוט פון לעבן.

אין „אידיאָט" גיט דאָסטאָיעווסקי איבער דעם דאָזיקן מאָ־מענט מיט אַלע פּרטים. דאָס איז אין אַ געוויסן זין דער צו־ריקקער צום אייביקן פאַרברעך־און שטראָף פּראָבלעם, פון וועלכן דאָסטאָיעווסקי באַפרייט זיך קיינמאָל נישט. דערצו מוז מען גע־דענקען איז דער „אידיאָט" געקומען באַלד נאָך „פאַרברעך און שטראָף". האָט ער אין „אידיאָט" געהאַט די געלעגנהייט צו־דערגענצן געוויסע פּסיכאָלאָגישע פּרטים צו „פאַרברעך און שטראָף". בכלל געפינען זיך די טראַגישע מאָמענטן פון אי־בערגעלעבטער טויט־דערוואַרטונג, אויף אייביק זיך איינגעקריצט אין זיין נשמה.

דאָסטאָיעווסקין האָט תּמיד געמאַטערט די פראַגע: וואָס פילט אַ מענטש אין מאָמענט, וועלכן ער באַטראַכט מיטן פולן באַוווסטזיין פאַרן סאַמע לעצטן פון זיין לעבן? איבערלעבן דאָס איז אים פּשוט נויטיק געווען, כּדי צו פאַרפעסטיקן אין זיך די איבערצייגונג און דער אומזיניקייט פון דערדאָזיקער שטראָף־אָנ־ווענדונג לגבי מענטשן. ווייל די שטראָף גופא פאַרוואַנדלט זיך אין אַ גרעסערן פאַרברעכן, ווי דער טאַט פונם פאַרברעכער. עס וועט דאַריבער, כּדי בולטער צומאַכן דעמדאָזיקן פּסיכאָלאָגישן

מאָמענט, נישט איבעריק זיין צו לאָזן אַ ווילדע רעדן דעם בעל־דבר גופא ווי ער קומט צום אויסדרוק אין „אידיאָט".

— „געוויס, געוויס — רעדט דער פירשט ווייטער מיטן דענער — דער פאַרברעכער איז געווען אַ קלוגער מענטש, נישט קיין פחדן; אַ שטאַרקער נישט קיין יונגער. און גלויבט יאָ אָדער נישט, ער איז אַרויף אויפן עשאַפאָט און — געוויינט. ווייס ווי פאַפיר... איז דאָס מעגלעך? איז דאָס נישט שרעקלעך? ווער קען וויינען פון שרעק? איך האָב נישט געוווסט אַז אַחוץ אַקינד קאָן אַ מאַן אויך וויינען פון שרעק. אַ מאַן, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געוויינט, אַ פינפאונפערציק־יאָריקער מאַן *). וואָס קומט פאַר מיט דער נשמה אין אַזאַ צייט! צו וועלכע קראַמפן מען ברענגט איר! דאָס הייסט: חוזק געמאַכט פון דער נשמה! עס איז געזאָגט געוואָרן: „הרגע נישט!" און דערפאַר, וואָס ער ד־האָט געהרגעט דאַרף מען אים אויך הרגענען? ניין דאָס טאָר מען נישט! איך האָב דאָס מיט אַ חודש צוריק געזען **). אָבער דאָס שטייט נאָך מיר איצט פאַר די אויגן, און שוין פינף מאָל האָב איך עס געזען אין חלום".

און ווען דער דענער מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז ס'איז נאָך גוט, וואָס מען מאַטערט זיך נישט אויף דער גיליאָטינע, זאָגט דער פירשט:

— „פונקט ווי איר זאָגן דאָס אַלע. און דערפאַר טאַקע האָט מען עס אויסגעטראַכט ***). אָבער מיר איז דעמאָלט איינגעכאַלן אַזאַ געדאַנק: אפשר איז גאָר ערגער? אייך קוקט עס אויס ווילד, אָבער ווען מען טראַכט זיך אַריין טיפער, פאַלט

*) דאָס מיינט ער זיך אליין. ער איז אָבער אלט געווען אכטאונצוואַנציק יאָר.

**) מיט אַלצן יאָר צוריק.

***) ד״ר גיליאָ, וועלכער האָט בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דערפינדן זיין טויט־מאַשין, האָט עס מאָטיווירט מיט „הומאַניטאַרעצילן: פאַרשפאָרן דעם פאַרמשפּטן צו מאַטערן זיך, בעת דער תליון האַקט נישט מיט דער האַק אויף איין מאָל אראָפּ דעם קאָפּ.

איין אַזאַ געהאַנק: אויב ביים מעטאָד פון פייניקן אַפּאַרברעכער זענען פאַראַן אַלערליי קערפּערלעכע ליידן, קומט דערפאַר אויס, אַז דאָס אַלץ נעמט דערפאַר אַוועק די ליידן פון דער נשמה. מען מאַטערט זיך מיט די ווונדן ביז מען שטאַרבט. אָבער אַזוי איז גאָר מעגלעך, אַז די הויפּט-ליידן ליגן נישט אין די קערפּערלעכע ווונדן, נאָר אינם באַוווסטזיין, אַז פּונקט אין אַשעה און דערנאָך אין צען מינוט און אין אַהאַלבער מינוט און אָט-שוין איצט, גלייך וועט די נשמה פאַרלאָזן דעם גוף און, אַז מער וועסטו שוין קיין מענטש נישט זיין... און דאָס איז שוין זיכער! די הויפּט זאַך באַשטייט אינם ז י כ ע ר, דאַמאָלס ווען מען לייגט דעם קאָפּ אונטערן מעסער און מען הערט, ווי ער רירט אָן דעם קאָפּ, — איז דאָך אָט די פערטל סעקונדע שרעקלעכער פון אַלץ. דאָס איז נישט מיין פאַנטאַזיע, נאָר אַסך רעדן אַזוי... איך גלויב אַזויפיל אין דעם, אַז כ'וועל אייך גלייך זאָגן מיין מיינונג: דערמאָרדן פאַר אַ מאָרד איז אָן אַ שיעור אַ גרעסערע שטראָף (דאַרף זיין: גרעסער פאַרברעכן — א. ב.) פון פאַרברעכן אַליין. אַ מאָרד לויט אַ משפּט איז אַסך שרעקלעכער ווי אַ מאָרד פון אַ רוצח. דעם וועמען רוצחים דערהרגענען, וועמען מען קוילעט ביינאַכט אין וואַלד אָדער אויף אַנאַנדער אופן, פאַרלירט קיינמאָל נישט די האָפענונג, אַז ער וועט זיך ראַטעווען. ביז דער ,עצטער מינוט טראַכט ער אַזוי... עס זענען געווען ביישפּילן ווען מען האָט אַ מענטשן שוין איבערגעשניטן דעם האַ ז און ער — האָפט נאָך, אָבער ער אַנטלויפט, אָדער ער בעט זיך מען זאָל אים אָפּלאָזן... אָדער דאָ נעמט מען אויף ז י כ ע ר אַוועק די לעצטע האָפענונג, מיט וועלכער עס איז צען מאָל גרינגער צו שטאַרבן... אין דער זיכערקייט, אַז קיין רעטונג איז נישטאָ, ליגט די שרעקלעכטטע פּיינונג, וואָס קען זיין אויף דער וועלט! ברענגט אַ סאָלדאַט און שטעלט אים אַוועק אַנטקייגן אַ גאַנצן חאַרמאַט און שיסט אין אים, וועט ער נאָך אַלץ האָפן. אָבער לייענט פאַר דעם זעלבן סאָלדאַט אַ טויטשטראָף אויף ז י כ ע ר, וועט ער משוגע ווערן אָדער זיך צעוויי-

נען... ווער האָט עס געזאָגט, אַז די מענטשלעכע נאַטור קען ע איבערטראָגן און נישט אַראָפּ פון זינען? ציוואָס אַזאַ מיאוסע און אומזיסטער חוזק? אפשר איז דאָ ערגעץ אַזאַ מענטש, מע מען מען האָט איבערגעלייענט אַ טויט-משפּט, געלאָזט זיך מאַטערן און נאָכדעם געזאָגט: „גיי, מען איז דיר מוחל!" — אָט דער מענטש וועט אייך קאָנען דערציילן וועגן די איבערלעבונגען. וועגן אָט דער שרעק האָט אויך קריסטוס גערעדט. ניין, מיט אַ מענטש טאָר מען זיך נישט אַזוי באַגיין!".

און אַ ביסל שפּעטער דערציילט ער פאַר דער פאַמיליע ענפּאַנטשינס:

„אָט דער מענטש איז איינמאָל צוזאַמען מיט אַנדערע אַרויפגעפירט געוואָרן אויפן עשאַפאָט און מען האָט אים שוין פאָרגעלייענט דעם טויט-משפּט: שיסן פאַר אַ פּאָליטישן פאַרברעכן *). אין צוואַנציק מינוט אַרום איז פאָרגעלייענט געוואָרן די באַגנעדיקונג און די פאַרבייטונג אויף אַן אַנדער שטראָף **). אָבער דאָך, אין דער צווישנצייט פון ביידע מאָמענטן, אין וויכציקסטנס אַ פערטל שעה, האָט ער געלעבט מיט דער אָן ספּקדיקער איבערצייגונג, אַז אין עטלעכע מינוט אַרום וועט ער פּלוצלונג שטאַרבן... מיר האָט זיך שפּעטער געוואָלט הערן וועגן זיינע איבערלעבונגען. ער האָט אַלץ געדענקט מיט אויסערגעוויינלעכער קלאָרקייט און געזאָגט, אַז ער האָט קיינמאָל גאָר נישט פאַרגעסן פון די דאָזיקע מינוטן. אַן ערך צוואַנציק טריט פון עשאַפאָט, אַרום וועלכן דאָס פּובליקום איז געשטאַנען, זענען געווען איינגעגראָבן דריי סלופּעס, — ווייל די פאַרברעכער זענען געווען עטלעכע אין צאָל. די דריי ערשטע האָט מען צוגעפירט צו די סלופּעס, צוגעבונדן און אָנגעטון די טויט-בגדים (ווייסע לאַנגע כאַלאַטן) און אויף די אויגן — ווייסע שלאָף-היטלען, כדי זיי זאָלן נישט זען די ביקסן. דערנאָך, אַרום יעדן סלופּ — עטלעכע סאָלדאַטן. מיין באַקאַנטער איז געשטאַנען דער אַכטער

*) דאָסטאָיעווסקין גופא.

**) פיר יאָר קאַטאָרגע און צוויי יאָר מיליטער-דינסט.

אין דער ריי. דער גלח איז ארומגעגאנגען ארום אלעמען מיטן צלם. עס איז אויסגעקומען, אז געבליבן איז נאך צו לעבן בלויז פינף מינוט. דידאזיקע פינף מינוט האבן זיך אים אויסגעוויזן אלס אומענדלעכער טערמין, אלס א גרויס רייכקייט: אין די פינף מינוט האט ער זיך פארגענומען דורכצולעבן אזויפיל לעבנס, אז איצט האט ער נאך נישט געטראכט וועגן דער לעצטער רגע... ער האט נאך אפילו געמאכט עטלעכע איינארדנונגען: אויף געזעגענען זיך מיט די חברים — א פאר מינוט, צוויי מינוט אויף צו טראכטן צום לעצטן מאל וועגן זיך און דערנאך — דאס לעצטע מאל ארומקוקן זיך אויף ארום... ער געדענקט גוט, וואס ער האט געטון מיט דידאזיקע איינטיילונגען. ער האט געדארפט שטארבן א זיבנאונצוואנציקיאריקער *), א געזונטער, קרעפטיקער. געזעגנענדיק זיך מיט די חברים געדענקט ער, אז איינעם האט ער געשטעלט א גאנץ זייטיקע פראגע און זיך אפילו אינטערעסירט מיטן ענטפער... נאר באלד זענען אנגעקומען יענע צוויי מינוט צו טראכטן וועגן זיך. ער האט שוין פון פריער באשטימט וועגן וואס ער וועט טראכטן: אים האט זיך געוואלט פאר זיך אליין ווי מעגלעך גיך און קלאר פארשטעלן: וואס איז דאס עפעס אזוינס, וואס איצט איז ער דא און לעבט, און אין דריי מינוט ארום וועט ער זיין עפעס, עפעס ווער, עפעס וואס... איז ווער-זשע? און וווּ? דאס אלץ האט ער געדארפט באשליסן אין די צוויי מינוט... ער האט זיך נישט געקענט אפרייסן פון די זון-שטראלן: אים האט זיך געדאכט, אז דידאזיקע שטראלן זענען זיין נייע נאטור, און אין די צוויי מינוט וועט ער זיך מיט זיי אויף א געוויסן אופן צונויפגיסן... דאס נישט וויסן איז געווען שרעקלעך און אין אים האט געלעבט נאר איין געדאנק: „ווי גוט וואלט געווען נישט צו שטארבן“! „ווען מען קען אומקערן צוריק דאס לעבן! וואס פאר אן אומענדלעכקייט! און דאס אלץ וואלט געהערט צו מיר! איך וואלט דאך דעמאלט יעדע מינוט פארוואנדלט אין א יאר-

*) שטימט כמעט מיט דאסטאיעווסקיס יארן בעתן משפט.

הונדערט! איך וואָלט גאָרנישט פאַרלוירן! יעדע מינוט וואָלט איך געלעבט אויסגערעכנט, איך וואָלט שוין אומזיסט גאָרנישט געפטרט״!..

דער געדאַנק האָט אים געבראַכט צו אַזאַ כעס, אַז ער האָט שוין געוואָלט מען זאָל אים וואָס גיכער שיסן...

דידאָזיקע טיפע איבערלעבונגען האָבן זייער חותם געלייגט אויף דאָסטאָיעווסקיס נשמה. ער האָט זיך פון די איינדרוקן זיין גאַנץ לעבן נישט געקענט באַפרייען, אפילו אין חלום האָט ער זיי געזען. ער האָט אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז עפעס ענלעכס לעבן תמיד איבער טויזנטער אַנדערע מענטשן און, אַז דאָס איז די שרעקלעכסטע קללה, וואָס באַגלייט דעם מענטשנס לעבן, הגם דאָס קומט תמיד איינגעהילט אין אַ מאַנטל פון געזעץ און גערעכטיקייט. האָט טאַקע דאָסטאָיעווסקי דידאָזיקע מאָמענטן באַהאַנדלט אין אַ סך פון זיינע ווערק. ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט צו וואַרפן אין פנים דער גערעכטיקייט, אַט דעם גרויסן אומרעכט. אַזוי זעען מיר אויך אין זיין גרעסט ווערק: „ברודער קאַראַמאַזאָוו״, וואָס איז געשאַפן געוואָרן שוין דרייצן יאָר נאָכן „אידיאָט״ (1879—80) קערט ער זיך אויך צוריק צום זעלבן פראָבלעם. אומעטום ווייזט ער אָן, אַ חוץ אויף דער פאַרברעכערישקייט, וואָס ליגט אין דער שטראָף גופא אויך אויף איר צוועקלאָזיקייט, נישט ברענגנדיק קיינמאָל נענטער צום ציל: באַזייטיקן פאַרברעכן. דאָסטאָיעווסקי ווייזט אויך אָן, אַז טעותים זענען אומפאַרמיידלעך, ווען איין מענטש משפט אַ צווייטן, נישט בפוח-זייענדיק זיך צו פאַרטיפן אין די סבות, וועלכע טרייבן צו פאַרברעכן. און סיבות זענען פאַראַן נישט נאָר אויסערלעכע, גענומענע פון די באַדינגונגען און סביבה, נאָר נאָכמער טיף אינערלעכע אין די לאַבירינטן-ווינקלען פון דער מענטשלעכער נשמה, וועלכער דער מענטש גופא האָט נאָך זייער ווייניק אויסגעפאָרשט. נאָר וועגן דעם וועט אויסקומען מער זיך אָפצושטעלן ביים באַהאַנדלען „די ברידער קאַראַמאַזאָוו״. דאָ איז נאָך כדאי אַנצומערקן, אַז אויף אַגלאַיאַס פראַגע נאָכן

פירשטס ענדיקן זיין דראַמאַטישע דערציילונג: צי האָט דער באַגנעדיקטער, נאָכן באַקומען די פּרייקייט, טאַקע איינגעטיילט זיין לעבן אויף אויסצונוצן יעדן מאָמענט? ווייזט זיך אַרויס, אַז ניין... דאָס לעבעדיקע לעבן, נישט זייענדיק אונטערגעוואָרפן אַ געוויסן פּחד, גייט זיך לויט באַזונדערע געזעצן, וועלכע מאַכן אוממעגלעך זיך צו באַגיין דערמיט קמצניש אויסגע-חשבונט...

איבעריקנס לערנט דער מענטש בכלל ווייניק פון אַלע זיינע דערפאַרונגען. די שווערסטע וועלט-טראַגעדיעס און קאַטאַסטראָ-פעס האָבן דער מענטשהייט זייער ווייניק געלערנט... וואָלט די וועלט פעיק געווען עפּעס פּאָזיטיוועס צו לערנען פון די אייגענע איבערלעבונגען, וואָלטן מיר שוין געזעלשאַפטלעך און אידייאיש געהאַלטן אַ סך ווייטער ווי מיר האַלטן.

10

ס׳זענען נויטיק געווען אַזעלכע שווערע פּסיכישע איבער-לעבונגען, ווי דאָס פּנים-אל-פּנימדיקע שטיין קעגן טויט, פון פילן זיין אייזיקן אָטעם, וואַרטנדיק אויפן לעצטן מאָמענט — כדי דאָסטאָיעווסקי זאָל צו זיך קומען, זיך גייסטיק דערפילן, אַז ס׳זאָל אים פאַרענטפערט ווערן אַ סך פון זיינע יאָרנ-לאַנגע זוכענישן און נאָכטראַכטענישן איבער דעם ציל פון לעבן.

ער האָט זיך אַפילו אַ צייט לאַנג אַרומגעטראָגן מיט זעלבסטמאָרד-געדאַנקען. ווייל — „דער סוד פון לעבן — זאָגט ער מיטן מויל פון גרויס-אינקוויזיטאָר אין „קאַראַמאַזאָוו״—ליגט נישט אינם לעבן גופא, נאָר אינם ציל צוליב וואָס מען לעבט. אָן אַ קלאָרער פאָרשטעלונג וועגן ציל פון לעבן, וועט דער

מענטש נישט מספּים זיין צו לעבן און וועט זיך גיכער אומ־ברענגען, איידער בלייבן אויף דער וועלט"...

און ער, דאָסטאָיעווסקי, האָט דאָך לאַנג נישט געוווסט צוליב וואָס ער לעבט. אַפילו דעם רום, צוליב וועלכן ער שרייבט, האָט ער אויך נישט געהאַלטן פאַר קיין ציל, „ווייל, — שרייבט ער צו זיין ברודער, — וואָס איז מיר דער כבוד, אַז איך מוז שרייבן פּשוט צוליב ברויט? און ווען דאָס איז אַפילו אַ בלויזע פראַזע, איז דאָך כבוד נאָר בלויז אַ מיטל, וווּ־זשע איז דער ציל"?..

דידאַזיקע ציל־זוכענישן זענען אָבער נישט געווען בלויז דער אויסדרוק פון אַ קראַנקער נשמה, וואָס האָט שטרעבנדיק צו האַרמאָניע, אין וועג זיך אָנגעשטויסן אויפן טראַגישן פּלאָנ־טער און דיסהאַרמאָניע פון לעבן און די אַרומיקע באַדינ־גונגען.

אין דאָסטאָיעווסקיס זוכענישן האָבן מיר אַ פּועל־יוצא פון אַ גאַנצן קאָמפּלעקס דערשיינונגען פון יענער צייט, וועלכע האָט באַזונדער געווירקט אויף דאָסטאָיעווסקיס נשמה.

ס'איז געווען דאַמאָלט אַ צייט אין רוסלאַנד פון גרויסע געזעלשאַפטלעכע אויפטרייסלונגען, אַ דאַנק דער פויערן־באַפרייונג און די דיפערענצירונגען פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן און קלאַסן. ס'איז געווען דער סוף פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג, וואָס האָט דער יוגנט און דער אינטעליגענץ באַזונדער געוועקט צו אַקטיווקייט לגבי דעם איינגעשלאָפענעם לעבן. אַלץ האָט געזוכט דאַמאָ׳ס עפּעס אַ ציל. ביעלינסקי האָט דאַמאָלט געזאָגט: „לעבן איז טאַט, טאַט איז — קאַמף"! ס'איז אַ צייט פון רעאַליזם, פון פאַרוואַנדלען טעאָריעס אין קאָנקרעטע פאַקטן. און אַ גאַנצער דור רוסישע שריפטשטעלער האָבן אָנגעהויבן שאַפן מער־ווייניק פּאָזיטיווע טיפּן אין דער ליטעראַטור אין הסכם מיט דער צייט, ס'הייסט די צייט האָט זיך אין דער ליטעראַטור אָפּגעשפּיגלט. פאַר דאָסטאָיעווסקין איז אָבער דאָס אַלץ פרעמד

געוועזן. זיין נשמה האָט דאָס נישט אויפגענומען, זי איז גע־בליבן קאַלט און אַפילו נישט־פריינטלעך צו די אַלע לאָזונגען פון יענער צייט. האָט ער אין דעם געזען דאָס אַפּטויטן פון דער נשמה און ער האָט געבלאָנדזשעט אין דאָזיקן כאַאָס,זוכנ־דיק דעם צ י ל. האָט ער דערווייל דערקלערט קאַמף דעם ניהי־ליזם. אויך דעם פּאַטאַליזם פון ט ו ר ג ע נ י ע ו ו האָט ער נישט אָנגענומען. און ער האָט אויך נישט געגלויבט, אַז דאָס באַנייטע רוסלאַנד, וועמענס פאָלק ס'טראָגט אין זיך די פּיסיע פון אַ גאָטהייט, פון דער העכסטער האַרמאָניע, וועט אַרויסשפּריגגען פון די ניהיליסטן. אַרויסקומען — האָט ער געגלויבט — וועט עס נ אָ ר פון די מאַסן...

דאָסטאָיעווסקין האָט נאָר געשראָקן די געוואַלטיקע ליידנ־שאַפט, מיט וועלכן דער רוסישער מענטש וואַרפט זיך אויף נייע אידייען. אַמבעסטן קומט דידאָזיקע שרעק צום אויסדרוק אין „אידיאָט", בעת דער פּירשט האַלט זיינע פלאַמענדיקע טיראַדעס אין קעגנוואַרט פון די פאַרזאַמלטע געסט, גראַפן און גרויסע יחסנים, וועמען דער פּירשט מישקין וויל אויפקלערן די נוצ־לעכקייט פון די נייע אידייען,וועלכע באַהערשן היינט די יוגנט, וואָס אויך זיי, די פאָרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטיע... דאַרפן אָנערקענען. דערביי קריטיקירט ער שאַרף די דערמאָנטע ליידנ־שאַפטלעכקייט ביים נעמען זיך פאַר עפּעס נייעס. אָבער דאָס קומט איבריקס „נישט חלילה פון איבערגעזעטיקייט, נאָר אין קעגנטייל, פון צופיל דורשט"... „אונזערע — זאָגט ער — ווי נאָר זיי קומען צו אַ ברעג, און זיי ווערן ז י כ ע ר, אַז דאָס איז טאַקע אַ ברעג, דערפרייען זיי זיך שטאַרק"...

דידאָזיקע רוסישע ליידנשאַפט באַוואונדערט מען אין גאַנץ אייראָפּע:

—„ביי אונז, ווען עמעצער גייט איבער צום קאַטוליציזם, ווערט ער אומבאַדינגט אַ יעזואיט און נאָך פון די סאַמע אונ־טערערדישע; ווערט עמעץ ביי אונז אַן אַטעאיסט, הויבט ער אָן אומבאַדינגט צו פאָדערן די אויסוואָרצלונג פון גלויבן אין

גאָט דורך געוואַלד, מיטן שווערד. פאַרוואָס אַזוי? פאַרוואָס מיטאַמאָל אַזאַ ווילדקייט? ווייל — ענטפערט ער אַליין — ווייל ער האָט אַ נײַ פאָטערלאַנד געפינען. ער האָט אַ ברעג, אַ שטיק ערד געפינען און זיך געוואָרפן איר קושן! נישט בלויז פון פוסטן שטאָלץ, נאָר פון גײַסטיקן ווייטיק, פון דורשט און בענקשאַפט צו העכערע זאַכן, צו אַ פעסטן ברעג, נאָך אַ פאָטערלאַנד אין וועלכן מען האָט אויפגעהערט גלויבן, נישטהאַבנדיק קיינמאָל עס געקענט! אָבער צו ווערן אַן אַטעאיסט, איז פאַר אַ רוסישן מענטשן — גרינגער ווי אַלץ. ער הייבט באַלד אָן גלויבן אין אַטעאיזם, ווי אין אַ נײַעם גלויבן, נישט באַמערקנדיק, אַז מען האָט זיך אײַנגעגלויבט אין אַ נול. אָט אַזוי איז מיט אונזער דורשט! ווער עס האָט אונטער זיך קיין יסוד נישט, האָט אויך קיין גאָט נישט״!

אָבער דאָס זאָגט דאָסטאָיעווסקי, דורכן מויל פון פירשט מישקין, שוין שפּעטער, נאָכדעם, ווי ער האָט ענדלעך אָנגעהויבן צוריק צו געפינען דעם פאַרלוירענעם יסוד פון זײַן לעבן; נאָכדעם, ווי ער האָט אײַנגעזען, אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פון גלויבן אין אַ גאָטהייט, צוליב זוכן און אָנכאַפּן זיך אָן עפּעס נײַעס, ספּקדיקס — איז פאַר אים אַליין שווער און אפילו שרעקלעך. און עס וואַרפט אים אַרײַן אין פאַרצווייפלונג, טאַקע יענע פאַרצווייפלונג, וועלכע האָט אים, ווי מיר האָבן געזען, געטריבן אין די אָרעמס פון די „פּעטראָשעווצעס״ און דורך זיי — שיער צום טויט. ס׳איז די פאַרצווייפלונג פון אַ מיסטיקער, פון אַ טיף־גלויביקן, וועלכער חלומט נאָך אַלץ פון מלכות־שמים, וואָס מוז קומען אויף דער וועלט, כדי אויסצולייזן דעם מענטש פון צער און פּײַן.

דעריבער זענען פאַר דאָסטאָיעווסקין גופא נישט אָננעמענדיק די אַלע נײַקייטן: ניהיליזם, אַטעאיזם, און — סאָציאַליזם, וואָס האָט פאַרכאַפּט דער אינטעליגענץ. פאַרלייקענענדיק דאָס אַלץ, ווענדט ער זיך (פירשט מישקין) צו זײַנע אַריסטאָקראַטישע צוהערער און ער שרײַט אויס:

— „עפנט פֿאַר די דורשטיקע קאָלאָמבוסעס, פֿאַר דעם רוסישן מענטשן די ר ו ס י ש ע וועלט! גיט אים די מעגלעכקייט אָפּצוזוכן דעם גאָלד־אוצר, וואָס איז פֿאַר אים פֿאַרהוילן אין דער ערד! באַווייזט אים די צוקונפֿטיקע באַנייונג פֿון דער מענטשהייט, דורך דער אויפֿלעבונג פֿונם ר ו ס י ש ן געדאַנק, רוסישן גאָט קריסטוס — און איר וועט זען, וואָס פֿאַר אַ ריז, אַ שטאַרקער, גערעכטער קלוגער און גוטער ס׳וועט אויסוואַקסן פֿאַר די אויגן פֿון דער גאַנצער פֿאַרוווּנדערטער מענטשהייט; דער פֿאַרוווּנדערטער און צעשראָקענער, ווייל — זיי דערוואַרטן פֿון אונדז בלויז שווערד און געוואַלדטאַט, ווייל זיי קענען אונדז נישט משפּטן אָן באַרבאַריזם״!..

און שפּעטער אַפּעלירט ער ווייטער צו זיינע פֿאַרגאַפּטע צוהערער:

— איך בין אַליין אַ פּירשט און זיץ מיט פּירשטן. איך רעד, כּדי אייך אַלעמען צו ראַטעווען... כּדי אַ קלאַס זאָל אומזיסט נישט פֿאַרשווינדן... אין דער פֿינסטער פֿאַרשווינדן און פֿון גאָרנישט וויסן... פֿאַרוואָס פֿאַרשווינדן און אָפּטרעטן אַנדערע דעם פּלאַץ, ווען מען קאָן בלייבן פֿאָרויסגייענדיקע און עלטסטע? לאָמיר זיין פֿאָרויסגייענדיקע און עלטסטע, לאָמיר ווערן בּאַדינער, כּדי צו זיין — ה ע ר ש ע ר״...

ביים דאָזיקן פּונקט דערגרייכט דאָסטאָיעווסקי צו דער גרויסקייט פֿון אַ נביא. אַזוי פֿאָרויסזען די פֿ[illegible]רמשפּטקייט פֿון אַ קלאַס צום אונטערגאַנג, קען נאָר אַ נביא. אָבער... ס׳איז אים אַ שאָד דערדאָזיקער קלאַס. מיט אַלע זיינע חסרונות האַלט ער אים דאָך פֿאַר פֿאָרויסגייענדיקן און — וויל אים ראַטעווען פֿון אונטערגאַנג. און צוליב וואָס דאָס אַלץ, אויב נישט צוליב אומגלויבן צום צווייטן אויפֿגייענדיקן קלאַס, דאָס פּשוטע פֿאָלק, וואָס דאַרף פֿאַרבייטן דעם אונטערגייענדיקן קלאַס?.. דאָ אַלזאָ, איז דאָסטאָיעווסקי געטריי זיך אַליין, זיין אייגענע אָפּשטאַמונג און איז אין הסכּם מיט זיין גאַנצן וועלט־באַנעם.

וואָס שייך דעם צווייטן פּרט, וועגן דאָסטאָיעווסקיס דיאַג־

נאָזע איבער די ריזיקע כּוחות פון רוסישן פאָלק, וואָס „וועלן אויסוואַקסן פאַר דער גאַנצער פאַרוווּנדערטער וועלט״ — האָט עס שוין די געשיכטע אין אַ גרויסער מאָס באַשטעטיקט. די וועלט איז טאַקע געוואָרן סיי פאַרוווּנדערט און סיי דערשראָקן... ס׳פעלט אויך נישט דאָס אָנגוואַרפן דעם מיין פון באַרבאַריזם... דאָ איז שוין דאָסטאָיעווסקיס נביאות אין גאַנצן פאַרנעם. ער האָט אָבער נישט געטראָפן בנוגע אַ צווייטן פּרט: דעם „רוסישן גאָט-קריסטוס״, וועלכער האָט דאָס אַלץ געדאַרפט באַלעבן און אַרויספירן... ער האָט בלויז פאַרזען, אַז שטאָט דורך אַ קריסטוס, וועט דאָס קומען דווקא דורך דעם קלאַס, וועלכער מוז פאַר-טרעטן יענעם קלאַס, וועמעס אונטערגאַנג דאָסטאָיעווסקין איז אַ שאָד. און אַז יענע וועלן שוין קיין פּאָרויסגייענ-דיקע און הערשנדיקע נישט מער זיין... און נאָך עפּעס: קו-מען האָט עס געמוזט דווקא פון דער ליידנשאַפט און דורשט, ווי דאָסטאָיעווסקי האָט עס אָנגערופן, און טאַקע דער דורשט צו זיכערקייט, צו באַנייונג און אויפלעבונג דורך אייגענע, מענטשלעכע כּוחות... דאָס צו זען האָט געשטערט אין אים דער מעטאַפיזיש-מיסטישער באַנעם פון וועלט און לעבן. דעריבער איז דאָסטאָיעווסקיס אַפּעלירן צו אַ קלאַס, וועמענס בלויזע עקזיסטענץ איז אין סתירה צו אויפלעבונג און באַנייונג — אַן אַבסורד. ס׳איז אים שווער געווען צו באַגרייפן, אַז אַ קלאַס, וועלכער לעבט נאָר אַ דאַנק דער אַפּאַטיע פון אַ ריז, קען זיך דאָך נישט אַליין באַנייען, ווייל דאָס הייסט: אונטערגראָבן די יסודות פון אייגענער עקזיסטענץ, פּונקט ווי קיין העלפאַנט וועט נישט פליען... דאָסטאָיעווסקי איז, לויט זיין גייסטיק-פּסיכישן מהות, פּשוט נישט בכוח צו באַגרייפן די געשיכטלעך-מאַטעריאַליסטישע כּוחות, וואָס דאָמינירן אין לעבן פון דער געזעלשאַפט און וועלכע מוזן גובר זיין די אַבסטראַקטע „געטלעכע כּוחות״. אמת, אַ סך שפּעטער, שוין פאַר זיין טויט, שרייבנדיק די „ברידער קאַראַמאַזאָוו״, הויבט דאָסטאָיעווסקי צו ביסלעך אָן צו פאַרשטיין דעמדאָזיקן געדאַנק. מיטן מויל פון „גרויס אינקוויזיטאָר״ ווייסט

ער צו זאָגן, אַז „די געטלעכקייט איז צו שווער פאַרן מענטשן. דער מענטש נויטיקט זיך אין ברויט, און נישט אין מלכות השמים״... און אַז „קיין נס״ קומט נישט, און אַז די געטלעכקייט גיט דעם מענטשן גאָרנישט — מוז ער זיך אַ ל י י ן דעם נס באַשאַפן. אָבער, דאָס אַלץ איז איינגעהילט אין אַזאַ געדיכטן שלייער פון מיסטיציזם, אַז מען מוז זיך גענוג אָנשטרענגען, כּדי צו פאַרשטיין דעם פּשוטן פּשט. סיי־ווי, אָבער וויכטיק איז דער פאַקט, אַז אַ סך שפּעטער נאָך דאָסטאָיעווסקיס לעבן און ווירקן, האָט דער מענטש, ניין, דאָס רוסישע פאָלק, מיטן גאַנצן דורשט און ליידנשאַפט, גענומען שפּאַנען אויפן וועג פון אַ נייער מענטשלעכקייט, וואָס זאָל פאַרבייטן דאָסטאָיעווסקיס געטלעכקייט...

און דאָך, — בלייבט אַלץ דאָסטאָיעווסקיס גרויסקייט אַלס דער פּסיכאָלאָגישסטער קענער פון דער רוסישער נשמה.

11

אין זיין נישט אָנערקענען דעם סאָציאַליזם אַלס באַוועגונג, אַלס עקזיסטענץ-באַרעכטיקטע און נוצלעכע; אין זיין נישט אָנערקענען די כּוחות, וועלכע האָבן זיך שוין אין זיין צייט קריסטאַליזירט; אין זיין פאַנאַטישער אַנטיפּאַטיע צו אָט דער באַוועגונג — וויל דאָסטאָיעווסקי באַווייזן, אַז קיין אייגנטלעך רוסישער סאָציאַליסט עקזיסטירט נישט. אַלץ, וואָס אַ רוסישער סאָציאַליסט טראַכט און טוט, איז נישט זיין אייגנס, נאָר... גוט באַזיצעריש, פּשוט: סאָציאַליזם אין רוסלאַנד איז נישט קיין אָרגאַנישע אַרויסוואַקסונג פון פאָלק, פון זיין באַוווסטזיין און שטרעבונגען, נאָר פון גוטבאַזיצער און סעמינאַריסטן, אָט יענע פריצישע אינטעליגענץ, וועלכע איז געוואָרן אידעאַליסטיש געשטימט, מסתּמא

צוליב אויספילן די פוסטקייט פון אייגענעם איך"... אַזוי גלויבט דאָסטאָיעווסקי, ווייל... ער אַליין, אָנגעקומענער פון פּריצימטום, איז געקומען אין דער באַוועגונג נישט פון איבערצייגונג, נאָר — אויסצופילן אַן אינערלעכע פוסטקייט און אַפילו דורשט...

אָבער דאָס איז זיך דרך-אַגב. וויכטיק איז דאָ צו קאָנסטאַטירן דעם טעות, וואָס שטעקט אויך אין דאָזיקן גלויבן דאָסטאָיעווסקיס.

אויב ס'איז אמת דער טייל פון זיין מיינונג, בנוגע דער אָפּשטאַמונג פון דער אידעאַליסטישער אינטעליגענץ, האָט ער זיך אָבער טועה געווען בנוגע דער אויפריכטיקייט פון זיין אידעאַליזם. די געשיכטע פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וואָס איז טעטיק געווען אין דאָסטאָיעווסקיס צייט, האָט באַשטע-טיקט, אַז וועגן נשמה-פוסטקייט איז אַן אַבסורד צו רעדן, אַז קיין באַוועגונג אין דער געשיכטע ווייסט נישט צו דערציילן וועגן אַזאַ מאָס באַוווסטזיניקייט און אידעאַליזם, ווי עס האָט געהערשט צווישן די „נאַראָדנאַיאַוואָלצעס". שוין זיי זענען עס געווען די-יעניקע, וועלכע האָבן „געמאַכט שטוינען, באַוווּנדערן און דערשרעקן"... און אַזאַ באַוועגונג פאַרוואַרפן, אַז זי איז אַרויסגערופן צוליב פאַרדעקן אינערלעכע פוסטקייט — איז שוין גאָרנישט לאָגיש. אַלנפאַלס באַווייזט עס, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט די באַוועגונג נישט באַנומען. ער איז אין איר מהות נישט אַריינגעדרונגען; זי איז אים געבליבן פרעמד, ווי דער גאַנצער וועלט-באַנעם פון דער פרייהייט-באַוועגונג. ס'מוז אויך אָפּגעוואָרפן ווערן דאָסטאָיעווסקיס נישט-לאָגישער מיין, אַז דער רוסישער סאָציאַליסט (אין זיין אַמאָליקן באַגריף) האָסט נישט בלויז די אָרדענונג, נאָר אויך דאָס לאַנד... אויך דעם פּרט האָט די ווירקלעכקייט באַוויזן, אַז דער רוסישער רעוואָלוציאָנער (דעמאָלט סאָציאַליסט), האָסט בלויז דאָס עקלהאַפטע סיסטעם פון זעלבסט-הערשאַפט און אונטערדריקונג, וואָס האָט הונדערטער יאָרן גע-הערשט איבערן רוסישן פאָלק. און אָט דער האַס האָט עס געפירט דאָס אַלץ צו באַזייטיקן, כדי צו קענען אָנהויבן לערנען דעם פאָלק, ווי אַזוי אונז וועמען ליב צו האָבן אָדער האַסן. ווי-

קען דאָ זיין די רייד וועגן האַסן צו אַ לאַנד?

אָבער אין דער תקופה פון שרייבן דעם „אידיאָט", האָט ער נאָך נישט אָנערקענט די ערדישע כוחות אַלס איינציקער רעגולאַטאָר פון מענטשלעכן לעבן. און ערדישע כוחות האָבן געהייסן נישט בלויז סאָציאַליזם, נאָר זיין קעגנזאַץ: קאַטויליציזם. דעם לעצטן האָט דאָסטאָיעווסקי איבעריקנס נישט געהאַלטן פאַר קיין קריסטלעכן גלויבן. וועגן דעם זאָגט ער דורכן מויל פון פירשט מישקין:

„ס'איז נישט קיין קריסטלעכער גלויבן. קאַטויליציזם איז ערגער פון אַטעאיזם. אַטעאיזם פריידיקט אַ נ ו ל — קאַטויליציזם פ ר יי ד י ק ט אַן איבערגעפירטן קריסטוס, אַ פונקט פאַרקערטן... דער רוימישער קאַטויליציזם איז גאָר קיין גלויבן נישט, ער איז בלויז אַ המשך פון דער רוימישער אימפעריע, ווען ס'איז אונטערגעוואָרפן דער אימפעריאַליסטישער גייסט.. דער פויפסט האָט פאַרכאַפּט די ערד, גענומען די שווערד אין האַנט און אַזוי פירט זיך עס כסדר... צום שווערד האָט מען צוגעלייגט: ליגן, פאַלשקייט, כיטרעקייט, פאַנאַטיזם, אָבערגלויבן און רציחה. אַלץ האָבן זיי אויסגעביטן אויף געלט, אויף נידעריקע ערדישע הערשאַפט. ווי אַזוי־זשע האָט דערפון נישט געזאָלט אַרויסקומען דער אַטעאיזם? אַטעאיזם איז פון זיי אַרויסגעוואַקסן, זיך פאַרשטאַרקט צוליב פאַראַכטונג צו זיי. ער איז אַ פועל־יוצא פון זייער ליגן און גייסטיקער אָנמעכטיקייט. ביי אונז זענען נישט־גלויביק בלויז געוויסע שיכטן, די, וועלכע האָבן פאַרלוירן דעם וואָרצל. און דאָרטן הערן אויף צו גלויבן ברייטע מאַסן צווישן פאָלק... פריער — צוליב פינסטערניש און ליגן און איצט — צוליב האַס צום קלויסטער און קריסטנטום"!..

מיט דערזעלבער מאָס מעסט ער אויך דעם סאָציאַליזם:

„אויך סאָציאַליזם איז אַ קינד פון קאַטוילישער ווירקלעכקייט. ווי זיין ברודער אַטעאיזם, איז ער אַרויסגעקומען פון פאַרצווייפלונג אין קעגנזאַץ צום קאַטויליציזם, כדי צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער פאַרלוירענער מאָראַלישער הערשאַפט

מצד דער רעליגיע, כּדי צו שטילן דעם גייסטיקן דורשט פון דער מענטשהייט און איר ראַטעווען נישט דורך קריסטוס נאָר — דורך געוואַלד-טאַט! זייער פילאָזאָפיע: „זאָלסט נישט גלויבן אין גאָט, זאָלסט נישט האָבן קיין אייגנטום, זאָלסט נישט ווערן קיין פּערזענלעכקייט"... דאַרפן מיר דאַריבער זיי ברענגען אונזער קריסטוס, וועלכן מיר האָבן אויפגעהיט! ברענגען זיי אונזער רוסישע ציוויליזאַציע. מיר דאַרפן זיך שטעלן קעגן זיי" !..

נישט אַרייַנגייענדיק אין תּוך וועגן ראָלע פון קאַטוליציזם און פון דער פּסיכאָלאָגישער אָפּשטאַמונג פון סאָציאַליזם — דאַרף מען קאָנסטאַטירן, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז דער סאָציאַליזם איז באַשטימט פון דער געשיכטע צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון אימפּעריאַליסטישן גייסט, דאָס הייסט: דעם קאַטוליציזם מיט אַ צוגאָב אויך פון דאָסטאָיעווסקיס... פּראַוואָסלאַוויזם. און טאַקע דערפאַר, ווייל דער קאַטוליציזם איז שוין אורשפּרינגלעך פאַרקריפּלט געוואָרן, איז דער סאָציאַליזם באַשטימט זיין אָרט צו פאַרנעמען. ווייל סאָציאַליזם באַזוכט זיך נישט אויף פּאַסיווקייט פון די מאַסן, ווי קאַטוליציזם, נאָר פאַרקערט: אויף אַקטיווקייט, ווי אויך פון דער פּערזענלעכקייט, טאַקע יענע רעאַליזירטע פּערזענלעכקייט, נאָך וועלכן דאָסטאָיעווסקי האָט אַזוי לאַנג געבענקט. בלויז דורכן שלייער פון מיסטיציזם איז שווער געווען דאָס צו זען, פּונקט ווי ער האָט נישט געזען, אַז דאָס לעבן פירט וואָס ווייטער אַוועק פון „מלכות השמים„ צו „מלכותא דארעה"... דאָס צו פאַרמיידן וועט אַפילו דער רוסישער „איינגעהיטער" קריסטוס נישט באַווייזן. און אַז די רוסישע ציוויליזאַציע וועט זיך טאַקע אַנטקעגנשטעלן דער מערבדיקער, אָבער... אין אַ פאַרקערטן זין, ווי דאָסטאָיעווסקי האָט עס געמיינט.

אַזוי איז עס: איין פונדאַמענטאַלער טעות פאַרמשפּט צו אומאויפהערלעכע טעותים.

12

מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז אין דער באַציונג צום אדל, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין „דערנידריקטע און באַליידיקטע" ביז דער זעלבער באַציונג אין „אידיאָט", ליגט אַ געוויסער אונטערשייד. אויב אין ערשטן ווערק איז זיין סימפּאַטיע אינגאַנצן אויף דער זייט פון די אָרעמע, בעת פאַרן צווייטן צד פאַרמאָגט דאָסטאָיעווסקי בלויז אַנטיפּאַטיע, וואָס גרענעצט זיך אָפּט מיט פאַראַכטונג — איז אין „אידיאָט" זיין באַציונג שוין אַזאַ עקסטרעם־סוביעקטיווע. דאָ געפינט ער שוין גענוג פּאָזאָטיווע שטריכן ביי זיינע אַריסטאָקראַטישע טיפּן. די גענעראַלישע עפּאַנטשין באַזיצט אַ קינדיש־גוטן כאַראַקטער. און בכלל איז זיין אַרט שרייבן וועגן זיי, דאָס שילדערן זייער לעבנס־שטייגער און כאַראַקטער־אייגנשאַפטן פיל מיט צאַרטקייט, אמת אַ פאַרבאָרגענע, אָבער דאָך איז זי פאַראַן. אויך איראָניע פעלט נישט, פון דעם מין איראָניע, וואָס מען טיילט צו פאַרנאַרישטע קינדער, וועלכע מען וויל צום שכל ברענגען... נישט אומזיסט וויל דאָסטאָיעווסקי (דורכן מויל פון פירשט) זיי ראַטעווען פון אונטערגאַנג... פאַר דאָסטאָיעווסקין זענען זיי נאָר פאַרפירטע מענטשן, פאַרבלענדטע פון פוסטע טראַדיציעס און קאָנווענציאָנעלע באַגריפן, וועלכע רינגלען אַרום זייער לעבן. און דערפאַר דאַרף מען זיי גיכער באַדויערן, ווייניקסטנס מיטפילן, איידער פאַרמשפטן. דעריבער איז דאָ נישטאָ יענע גאַליקע באַציונג ווי צום קניאַז פון „דערנידריקטע און באַליידיקטע".

דאָסטאָיעווסקי דער קינסטלער קאָן אָבער נישט אַוועקגיין פון אמת ביים שילדערן זייער אמת געשטאַלט. און דעריבער, ביי זיין גאַנצער סימפּאַטיע דערשיינען זיי פאָרט אַלס קלאַס וועמעס נשמה ס'איז פוסט און אינהאַלטלאָז. נישטאָ ביי זיי קיין

חוש פֿאַרן לעבעדיקן לעבן, פֿאַר דער דינאַמיק פֿון דער צייט. יעדעס גייע איז זיי פֿרעמד, האָט נישט קיין צוטריט צו זייער מעכאַניזירטע וועלט, ווי באַנאַליטעטן גייען איבער בירושה פֿון דור צו דור צוזאַמען מיט דער דערציונג און בלייבן קאָנדענסירט אַלס פּעטיש. זייערע באַציונגען געגנזייטיק זענען אָנגעבלאָזן, זענען נישט אויפֿריכטיק, ווי ביים פּשוטן פֿאָלק. נאָך מער: אונטער דער מאַסקע פֿון פֿראַזעאָלאָגיע ליגט אַ נאַטירלעכע אַנטיפּאַטיע פֿון איינעם צום אַנדערן, צוליבן עגאָיזם לגבי דעם דעם צווייטן. יעדער האַלט זיך חשובער פֿון צווייטן, ווען מען טוט אַ טובה קומענדיק מיט אים אין קאָנטאַקט... אָט וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר די געזעלשאַפֿט, וועלכע פֿאַרקלויבט זיך צום גענעראַל ענפּאַנטשין, פֿאַר וועמען דער פֿירשט — וועלכער ווערט באַגייסטערט זיך געפֿינענדיק צווישן זיי — האַלט זיין משוגעדיקע טיראַדע.

גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אַז פֿאַר דערדאָזיקער נאָבעלער געזעלשאַפֿט דערשיינט דער פֿירשט אַלס נאַרישער פֿלאַפּלער, אַ קראַנקער נפֿש, אַ אידיאָט... העכסטנס קען מען צו אים פֿילן אַקאַפּעטשקע רחמנות... און איינער פֿון דערדאָזיקער געזעלשאַפֿט נעמט זיך אַפֿילו שאַרף קריטיקירן דעם רוסישן ליבעראַליזם, צילנדיק נאַטירלעך אין פֿירשט. זיי האַלטן, אַז דאָס איז נישט קיין ריין רוסישער געוויקס, נאָר אַדאָפּטירטע מיינונגען פֿון אויסלאַנד. באַווייזן דעם אַבסורד פֿון דאָזיקן מיין, איז איבעריק, סיידן מען זאָל באַווייזן, אַז קורירן פֿון אידיאָטיזם אָדער אַנדערע פּסיכישע קראַנקהייטן, הייסט... געזונט מאַכן אויף ליבעראַליזם, אָדער ריכטיקער: קוקן אויפֿן לעבן ריין-מענטשלעך און ערלעך. ווי קומט אָבער דערדאָזיקער אַדל-קלאַס צו פֿאַרשטיין, אַז מיטן פֿירשט מישקין האָבן מיר צוטון מיט אַ פּסיכאָלאָגישן פֿאַל פֿון כאַראַקטער, פֿון דער דערוואַכטער ריינסטער מענטשלעכקייט אין אַ קראַנקער נשמה, וואָס איז אויף אַזאַ אופֿן — אַנטפּלעקנדיק דעם סוד פֿון דער ריינסטע מענטשלעכקייט — געזונט געוואָרן, אויסקורירט זיך פֿון אַלע מענטשלעכע קליינלעכקייטן? און נאָך

עפּעס זענען זיי נישט בכּח צו באַגרייפן: ווי אַזוי קען זיך אַזאַ איינער אַרויסטיילן פון זייער קלאַס? זיי ווייסן אפּנים נישט, וויפיל שיינע גייסטער זייער קלאַס האָט שוין אַריינגעשעלט אין יענע רייען, וועלכע שטרעבן און קעמפן פאַר אַ נייַ לעבן; און אַז דידאָזיקע, וואָס רייסן זיך אַרויס, קערן זיך אָפּ מיט פאַראַכטונג, פון זייער פאַרגאַנגענהייט און סביבה, ווי מען רייסט זיך אַרויס פון טויט און פוילקייט... גיכער אָבער איז עס אַבּאַוווסטזיניק נישט פאַרשטיין, דאָס נישט וועלן פאַרשטיין מצד אַ קלאַס, וואָס פילט דעם אונטערגאַנג, דעם משפּט פון דער געשיכטע. וויל מען זיך נישט מודה זיין אין אייגענער אומגערעכטיקייט, ווייל עס ווילט זיך נישט אָפּזאָגן פון אַלע פּריווילעגיעס אין לעבן...

וואָס שייך דאָסטאָיעווסקיס מיטגעפיל צום אונטערגייענדיקן קלאַס, איז עס גיכער צוליב מורא פאַרן נייעם אויפגעקומענדיקן קלאַס, וועלכער טראָגט מיט זיך די פּאָטענץ נישט בלויז פון אָראָפּשווענקען דעם אַלטן קלאַס צוזאַמען מיט זיינע פאַלשע באַגריפן און שקרים — נאָר הויפּטזאַכלעך, ווייל אין דערדאָזיקער פּאָטענץ ליגט דער ווילן צו צושטערן די יסודות פון זייער וועלט-אָנשויונג, דעם גלויבן. זיי, די אַריסטאָקראַטן באַזיצן ווייניקסטנס דעם גלויבן און דער געטלכקייט, פּונקט ווי אין זייער אויסדערווײלטקייט אַלס הערשער פון לעבן, וואָס איז טאַקע סאַנקציאָנירט דורכן גלויבן. אָבער די נייע, — זיי זענען דאָך אַטעיסטן. איז שוין שווער פאַר דאָסטאָיעווסקין דערמיט שלום צו מאַכן. ווילט זיך טאַקע דאַריבער רעפאָרמירן דעם אונטערגייענדיקן קלאַס „כּדי צו ווערן פירער..."

אַזוי ראַנגלט זיך דאָסטאָיעווסקי צווישן רעוואָליוציאָניזם און קאָנסערוואַטיזם. אָבער דעם סך-הכּל אין דאָזיקן געראַנגל האָט שוין געמאַכט דאָס לעבן גופא: קיין „פירער" איז שוין דאָסטאָיעווסקיס קלאַס נישט באַשערט געווען צו ווערן...

13

אין דער קאָמפּאַניע, וואָס וויל דעם פּירשט מישקין פאַרשווינדלען, אונטעררוקנדיק עפּעס אַ פאַלשן זון, כּלומרשט פון זיין פאַרזאָרגער פּאַווליטשעוו, מיטן ציל אַרויסצוקריגן ביי אים אַ טייל פון זיין ירושה — טרעפן מיר שוין דעם צונויפשטויס פון קלאַסן, ווי מיר טרעפן עס נישט אין קיין שום אַנדער ווערק דאָסטאָיעווסקיס. און דאָ טאַקע ווייזט זיך אַמבולטסטן אַרויס זיין געענדערטע באַציִונג צו די אָרעמע און דאָס ווילן שלום מאַכן צווישן ביידע צדדים.

אָט פּרעטענדירן ביי דאָסטאָיעווסקין די אָרעמע, מאָדערנע, די אידעאַליסטן אויף אויפריכטיקייט, און ערלעכקייט. און אָט— זיי האַלטן נישט אויס די קאָנסקווענטע ערלעכקייט, ווען אפילו צוליב האַס און איגנאָראַציע צו די רייכע. זיי שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר פאַלשע באַשולדיקונגען, כּדי צו באַליידיקן דעם פּירשט, ווען זיי באַטראַכטן פאַר אַ פאָרשטייער פון אַריסטאָקראַטישן קלאַס. דאַגעגן האַלט ביי דאָסטאָיעווסקין דער פּירשט תּמיד אויס די ערלעכקייט, און דורך זיין טיפער נשמהדיקער אויפריכטיקייט באַזיגט ער סוף־כּל־סוף די געגענער זיינע, איבערצייגנדיק זיי אין זייער טעות בנוגע זייער פאָרשטעלונג וועגן אים. פּונקט אַזוי האָט ער איבערגעצייגט אַמאָל די קינדער אין זיין שטעטל, אין דער שווייץ, בעת יענע האָבן צוליבן אַלגעמיינעם פאַנאַטיזם פאַרפאָלגט דער אומגליקלעכער מאַרי, וועלכע איז פאַרפירט געוואָרן, אַרויסרופנדיק צוליב דעם אַלמענס פאַראַכטונג. מיט זיין נאַטירלעכער אויפריכטיקייט האָט דער פּירשט סוף כּל־סוף איבערגעצייגט די קינדער, אַז מאַרי איז נאָר אַן אומגליקלעכע, וועמען מען באַדאַרף העלפן שטאָט רודפן... פּונקט אַזוי האָט ער איצט מיט די זעלבע מיטלען איבערגעצייגט

די פאַרביטערטע יונגעלייט אין זייער טעות בנוגע זייערע פּרעטענזיעס צו אים, און אויך, אַז ער קען נישט געהאַלטן ווערן פאַר אַ פאָרשטייער פון יענעם קלאַס. די מערסטע פון זיי ווערן טאַקע גרייט אָנצונעמען, אַז דער פירשט איז ראשית אַן אויסנאַם פון זיין קלאַס, און אַז בכלל איז נאָך ביים קעגנערישן צד פאַראַן ערלעכקייט... אויך די געבעראַלישע, וועמען דאָסטאָיעווסקי שילדערט מיט אַזויפיל סימפּאַטיע, דערשיינט דאָ מיט אַ געזונטן שכל ביים באַנעמען דעליקאַטע פראַגן. זי רופט אַפילו אַרויס מיט איר מיטגעפיל צו ליידנדיקע אַ שטיקל ווידוי מצד איינעם פון דער חברה (איפּאָליט), דער סאַמע פאַרביטערטסטער צו אַלץ און אַלעמען, אַלס פּועל-יוצא פון זיין אומהיילבאַרער קראַנקחייט און פון באַוווּסטזיין, אַז דער טויט איז נאָענט. אויך ער איז גרייט מסכּים צו זיין, אַז „עס פעלט נישט קיין סך מען זאָל זיך פאַרשטיין”... דאָס איז טאַקע דאָסטאָיעווסקיס פאַרלאַנג. קעגנזייטיק פאַרשטיין זיך, שטאָט באַקעמפן. אַ צווייטער פון דער חברה איז אַפילו גרייט צוצוגעבן: „מיר זענען דאָך דאָ אַלע ערלעכע מענטשן”... אָבער קיין נאַטירלעכער שלום, קיין פאַרשטיין זיך איז דאָ נישט מעגלעך. ס'איז אוממעגלעך מיטאַמאָל צו באַזייטיקן דעם תהום צווישןביידע צדדים, אַלס קלאַסן מיט באַגריפן און לעבנס-שטייגער, וואָס האַרמאָנירן נישט צווישן זיך. דאָסטאָיעווסקי וויל דאָ אַריבערשפּרינגען די פאַקטאָרן פון סביבה, לעבנס-באַדינגונגען און דערציִונג, וואָס דאָמינירן אין אַזעלכע פאַלן. אַזוי אויך האַלט נישט אויס די לאָגיק זיין שטעלן זיך דאָ אין אַ רחמנות-פּאָזע צו די אומגליקלעכע, שטאָט געבן זיי גערעכט. דאָ קומט אויס, אַז גערעכט זענען זיי, ווייל — זיי זענען אָרעם און נישט ווייל דער אמת איז אויף זייער זייט. און אָט איז נאָך אַ שטריך צו זיין אינערלעכן מהות, צו זיינע וואַקלונגען אויפן וועג פון זוכן די האַרמאָניע.

די אַלע געשילדערטע טיפּן, זענען דאָס ראַנגלען זיך פון נשמות, וויבּרירנדיק צווישן גרויסקייטן און קליינלעכקייטן. און ריכטיק מיינט אפשר יענער, וועלכער זאָגט, אַז אַלע זענען

ערלעכע מענטשן און באַשולדיקן קאָן מען קיינעם נישט, ווייל איבער אַלעמען רעגירט דער פּאַטאָס פון באַדינגונגען (הגם דאָס-טאָיעווסקי, בכלל גענומען, איז קיין פּאַטאַליסט נישט געווען). בלויז די באַדינגונגען מוזן געענדערט ווערן, כדי מענטשן זאָלן בכוח זיין זיך צו פאַרשטיין אָן חאָס.

פירשט מישקין איז אין דעם פּרט דער סינטעז פון דאָסטאָיעווסקיס שטרעבונג צו דערד־ויבונג. דאָסטאָיעווסקי׳ס ריכטיקער פּראָטאָטיפּ פון זיין געחלומטן רעאַליזירטן מענטש.

14

צווישן דער גאַלעריע טיפּן און געשטאַלטן אין דאָזיקן ריזיקן ווערק, טיילט זיך באַזונדער אַרויס דער קראַנקער איפּאָ-ליט. אייגנטלעך בלויז אַ דאַנק זיין קראַנקהייט, זיין באַוווּסט-זיין פאַרן אָנקומענדיקן טויט, פאַרשאַרפט עס ביי אים די עמ-פינדלעכקייט און מאַכט אים אַזוי פאַרביטערט. ער טיילט זיך אַרויס פון יענע מיליאָנען קראַנקע, וועלכע לעבן אויס זייערע לעצטע הויכן פון לעבן, אין באַוווּסטזיין פון דער מאַכטלאָזי-קייט לגבי דעם געזעץ פון אומפאַרמיידלעכקייט, וואָס שאַפט שטילע צו אָפענע רעזיגנאַציע. אין דעם יונגן נאָך נישט-גע-לעבטן איפּאָליט האָבן מיר אַ מער אייגנאַרטיקן טיפּ: אַ רע-וואָלוציאָנער, אַ בונטאַר געגן גורל און קעגן אַלץ און אַלעמען. אמת, ער בלייבט סיי-ווי-סיי אָנמאַכטיק מיט עפּעס־וואָס צו איבעראַנדערשן זיין גורל. ער קאָן זיך דאָך נישט — ווי ער וואָלט באמת געוואָלט — זיך אַליין אויפלייזן פון דער מאַטעריע, באַפרייען זיך פון דער עקזיסטענץ, גלייך ער וואָלט נישט עק-זיסטירט. אָבער אין זיין אַרט פּראָטעסטירן, אין זיין באַנעמען די טראַגישע קאַאָליזיע פון גורל איז פאַראַן עפּעס, וואָס דער-

הויבט אים צו אַ סימבאָל פון מענטשלעכן פּראָטעסט, לגבי דעם גורל. דאָס איז יענער פּראָטעסט, וואָס וויל ווייניקסטנס אַרויס-רייסן ביים גורל פון די הענט די איניציאַטיוו פון אונטערצייען דעם סך-הכל, כדי צו קענען זיך מקדים זיין אַ ל יי ן צו מאַכן דעם סוף.

„ווייל — זאָגט ער — ווען איך וואָלט געהאַט אַ מאַכט נישט געבוירן צו ווערן, וואָלט איך זיכער נישט אָנגענומען דאָס לעבן אויף אַזעלכע קאָמישע באַדינגונגען. אָבער מיר איז נאָך געבליבן די מאַכט צו שטאַרבן, הגם איך גיב שוין אָפּ אַ פּאַרטיקע זאַך. ס'איז נישט גרויסע מאַכט־און נישט קיין גרויסער בונט" !..

דאָ האָט דאָסטאָיעווסקי אָנגערירט דעם טראַגיזם פון דער אייביקער מענטשלעכער מאַכטלאָזיקייט לגבי די געזעצן פון לעבן און טויט. דער מענטש, וועלכער שטאָלצירט אַזויפיל מיט זיין נצחון איבער דער נאַטור, מיט זיין אַריינדרינגען פּאַמעלעך און זיכער אין די פּאַרהוילנסטע לאַבירינטן פון די נאַטור-געזעצן, כדי זיי אויסצופאָרשן, אָדער — באַקעמפן אַלס שעדלעכע, אָדער זיי צו עקספּלואַטירן אַלס נוצלעכע, — אָט דער מענטש שטייט נאָך אַלץ אַ בלינדער און אָפּהענגיקער, ווען עס האַנדלט זיך אין דערגיין די געזעצן פון לעבן און טויט, כדי זיך מיט זיי צו פאַרמעסטן אין קאַמף. נאָך גאָרנישט איז געלונגען צו דערגיין דעם סוף פון די לעבנס-אָטעמען, ווי זיי פאַרמירן זיך אין דער אייביקער פאַרזעצונג פון דער מאַטעריע, וואָס עס שטעלט צונויף דאָס ל ע ב ן, און אויך פון גרוילִיקן אומבאַקאַנטן — דער טויט. אָבער אין אַלע צייטן זענען דאָ יחידים, וועלכע פאַרמעסטן זיך מיטן גורל, פילנדיק, אַז זיי האָבן פאַרשפּילט, לאָזן זיי זיך איבער די „איינציקע איניציאַטיוו", די מעגלעכ-קייט אַליין אונטערצוציען דעם סך-הכל.

„מיין לעצטע דערקלערונג — זאָגט ווייטער איפּאָליט — איז: איך שטאַרב נישט דערפאַר, ווייל איך בין נישט בכוח אַריבערצוטראָגן די געבליבענע צום לעבן עטלעכע וואָכן; ביי

מיר וואָלט געווען כּוח! און ווען איך וואָלט געוואָלט, וואָלט איך זיך שוין געטרייסט מיטן בלויזן באַוווּסטזיין פון דער באַליידיקונג; נאָר איך בין נישט קיין פראַנצויזישער דיכטער און איך וויל נישט אַזאַ טרייסט. און סוף־כּל־סוף לאָקט מיך דאָס אויך נישט; די נאַטור האָט אַזויפיל באַגרענעצט מיין טעטיקייט מיט אירע עטלעכע וואַכיקן משפּט, אַז דער זעלבסטמאָרד בלייבט נאָך די איינציקע זאַך, וועלכע איך קען נאָך באַוויייזן אָנצוהייבן און פאַרענדיקן מיט מיין אייגענעם ווילן. וואָס־זשע איז דער ווונדער, וואָס איך וויל זיך באַנוצן מיט דער לעצטער מעגלעכקייט צו זיין טעטיק? אַ פּראָטעסט איז אָפטמאָל אַ גרויסע זאַך"...

פּראָטעסט העלפט, אָבער נישט דערמיט אויפצודעקן בלויז אַ שפּעלטל, דאָרט, ווו עס פירט דער וועג פון דערמאָנטן סוד. דאָ איז קאָנצענטרירט די גאַנצע מאַכטלאָזיקייט פונם מענטשלעכן געמוע און די גרויסע נקמה פון דער נאַטור...

„יאָ איניציטיוו, נישט איניציאַטיוו" — זאָגט איפּאָליט — דו מענטש — דיין אָנהייב און סוף בלייבט אַלץ אין מיין רשות"!

און דעריבער־זשע... וואָלט אפשר נישט געשאַדט, אַז דו, מ ע נ ט ש, זאָלסט נישט אַזוי לייכטזיניק זיך באַציען צום טערמין, וואָס די נאַטור האָט געשענקט, צום חוזק מאַכן דערפון אויף אַלערליי אופנים? וואָלסט אפשר נישט אַזוי פאַרשווענדעריש פאַרנוצט קיין צייט, וואַרפנדיק אין תהום אַריין וואָכן און טעג, כּדי בלויז די ל ע צ ט ע מינוטן פון אומפאַרמיידלעכן סוף זאָלן מאַכן פילן די וויכטיקייט פון מינוטן אין לעבן?..

אָט די מיסטעריע פון לעבן און טויט פערזאָניפיצירט אין איפּאָליט איז געווען דער יסוד פאַר דאָסטאָיעווסקיס מיסטיציזם, פאַר זיין גלויבן אין אַ העכערער קראַפט, וואָס רעגירט ערגעץ פאַרבאָרגענערהייט איבער לעבן און טויט... דעריבער דאַרף מען — לויט דאָסטאָיעווסקין — גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון אַזאַ קראַפט, און אין גלויבן ליגט פאַרבאָרגן די שטרעבונג צו האַר-

מאָניע... אָבער איפּאָליט, אין זיין פּראָטעסט, אָנערקענט נישט דעמדאָזיקן גלויבן. „ווייל — פרעגט ער — צי וואָס דאַרף מען א ו י ב ן מיין אונטערטעניקייט? קאָן מען מיך דען נישט פּשוט אויפעסן, נישט פאָדערנדיק פון מיר קיין לויב-געזאַנגען צו יעי נעם, וואָס עסט מיך אויף"? איז דען אמת, אַז „דאָרטן" זאָל עמעצער אויף אַן אמת זיך באַליידיקן דערפאַר, וואָס איך וויל נישט ווארטן די עטלעכע וואָכן"?..

„און זאָל שוין אַפילו זיין — זאָגט ער ווייטער — אַז אָן אַ קעגנזייטיקן אויפפרעסן איינער דעם צווייטן האָט מען די וועלט נישט געקענט איינאָרדענען — הגם איך בין גרייט מודה צו זיין, אַז איך קען גאָרנישט פאַרשטיין אין דעדאָזיקער איינ-אָרדענונג — אָבער איינס ווייס איך זיכער: אויב מען האָט מיר שוין איינמאָל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז „איך עקזיסטיר", איז וואָס גייט מיך אָן, וואָס די וועלט איז איינגעאָרדנט מיט טעותן און קען אַנדערש נישט עקזיסטירן"?..

וואָס מער דאָסטאָיעווסקי פאַרפלאָנטערט זיך אין סתירות צווישן גלויבן און פּראָטעסט, אַלץ שטאַרקער קלאַמערט ער זיך אין... גלויבן, אַלס דאָס איינציקע מיטל נישט צו פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט און נישט אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג. ווייל אין שווערע לעבנס-מאָמענטן שאַפט נישט-גלויבן פאַרצווייפלונג; גלויבן אָבער גיט טרייסט און כּוח צום גרעסטן אויסדויער. דאָסטאָיעווסקי האָט זיך עס אַליין איבערצייגט אויף זיינע וואַנ-דערונגען אין סיביר צווישן געפערלעכע מאָראַליש-געפאַלענע מענטשן. דאַמאָלס איז דער גלויבן, וואָס האָט געברענט אין זיין נשמה, געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט געגעבן כּוח אויסצו-האַלטן. ווי אַזוי וואָלט זיך אין אַזא לאַגע געפילט אַ מענטש אַן אַטעאיסט? דאָסטאָיעווסקי קאָן זיך עס נישט פאָרשטעלן. אים איז אין זעלבן מצב נישט אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט מענטשן נישט-גלויביקע. ווען יאָ, וואָלט ער זיך דערוווסט, אַז אויך אַטעאיסטן האַלטן אויס די שווערסטע שטראָפן און אויך מיטן קראַפט פון אַ גלויבן, אָבער נישט אין אומבאַקאַנטע הערשנ-

דיקע כוחות, נאָר אין באַקאַנטע לעבעדיקע כוחות, כוחות, וואָס ליגן פריי פאַר די אַלע, וואָס זענען זיך מקריב פאַר זייער נישט גלויביקן גלויבן...

יאָ, צו דער עצם זאַך האָט עס נישט: אין תוך איז דאָסטאָיעווסקי גערעכט; אַ גלויבן מוז אַ מענטש האָבן. דער אויסקלויב צווישן מיסטיש-מעטאַפיזישן און רעאַליסטיש-מאַטעריאַליסטישן — איז שוין אָפּהענגיק אין דער אינדיווידואַליטעט פון גלויביקן.

15

אָבער נישט נאָר קעגן דערקענען דעם סוד פון לעבן און טויט בלייבט דער מענטש אָנמעכטיק, נאָר אַפילו פאַר אַ מער פשוטע זאַך, ווי: איבערגעבן ריכטיק אַ געדאַנק, אַן אידייע פון איין מענטש צום צווייטן, ווייל:

„אין יעדן געניאַלן, אָדער אַפילו פשוטן מענטשלעכן געדאַנק, וואָס ווערט געבוירן אין וועמענס קאָפּ, בלייבט שטענדיק עפּעס, וואָס מען קען נישט איבערגעבן צו אַן אַנדערן, אַפילו ווען איר שרייבט וועגן דעם גאַנצע בענדער אָדער קנעלט גאַנצע פינפאונדרייסיק יאָר אייער געדאַנק, וועט תמיד בלייבן עפּעס, וואָס וועט פון אייער קאָפּ נישט אַרויסגיין און וועט בלייבן מיט אייך אייביק. איר וועט שטאַרבן, נישט איבערגעבנדיק קיינעם דעם הויפּט-אינהאַלט פון אייער אידייע"...

נאָר אויב עס געלינגט נישט איבערצוגעבן דעם הויפּט-אינהאַלט פון אַן אידייע, ווערט אָבער איבערגעגעבן דער זיינען פון אַן אידייע. און אַפילו גאָר גיך, ממש אָנשטעקנדיק, ווערט עס פאַרשפּרייט, ווי מיר זעען עס אָפט אין לעבן. און נישט בלויז אידייען אוטילוטאַרע זענען איבערגעבנדיק און אָנשטעקנדיק, נאָר אַפילו שעדלעכע.

ווען נישט די אַנשטעקנדיקייט פון אידייען, וואָלטן נישט עקזיסטירט קיין רעליגיעס און בכלל גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. וואָס שייך דער פראַגע צו אידייען גיבן זיך איבער גרינטלעך צו בלויז „עפּעס", דאָס איז ווייניקער וויכטיק ווידער עצם פאַקט, אַז איבערגעביקייט עקזיסטירט פאָרט. וואָלטן נאָר מענטשן בכלל פּעיק געווען, אָדער געהאַט אַ ווילן, צו מעסטן די נוצלעכקייט אָדער שעדלעכקייט פון אידייען, וואָלט דער נצחון פון נוצלעכע — לויט אַ פּשוט הומאַניטאַרן באַגריף — זיך גיך דורכגעבראָכן אַ וועג צו באַהערשן דאָס לעבן...

דאָס זעלבע וועגן דאָסטאָיעווסקיס (איפּאָליטס) מיין איבער דער נוצלעכקייט פון דעם גוטן טאַט מצד דעם יחיד, אין געגנזאַץ צו די וועלכע פאַרלייקענען עס, אַנטקעגנשטעלנדיק אויסשליסלעך די קאָלעקטיווע הילף אַלס די איינציקע נויטיקע און עקזיסטענץ־באַרעכטיקטע. דאָ מוז מען זיך אָפּהאַלטן פון קאַטעגאָרישע פעסטשטעלונגען, ווייל מען טאָר קיינמאָל נישט קלענער מאַכן די באַדייטונג און וויכטיקייט פון יחידישער הילף לגבי קאָלעקטיווער. ווי וויכטיקער און פּאָזיטיווער די לעצטע זאָל זיין, בלייבט אַלץ נישט אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון יחידי־שער הילף פון מענטש צו מענטש. דער יחיד האָט גיכער די מעגלעכקייט אַרייַנצודרינגען דאָרט ווו נויטיק איז, איידער דער כּלל. אחוץ דעם ווירקט די יחידישע פאַראינטערעסירונג צו דער דערנענטערונג פון מענטש צו מענטש און אַנטוויקלט די מענטש־לעכע געפילן צווישן מענטשן. דאַגעגן ביי קאָלעקטיווער הילף איז די זאַך מער מעכאַניזירט, אָן די נויטיקע אַטריבוטן, וואָס זאָלן רעדן פון האַרץ צו האַרץ, פון נשמה צו נשמה. באַזונדער איז די גוטע יחידישע טאַט מער אַנשטעקנדיק אין דער סביבה אין וועלכער זי ווירקט. אירע רעזאָנאַנסן דערגרייכן און רעגן אָן אַנדערע צו ענלעכע מעשים. אין אַלגעמיין איז עס דער בעסטער וועג פאַר דער דערנענטערונג צווישן דער גאַנצער מענטשהייט.

16

מיר האָבן זיך נישט אויסשעפּלעך אָפּגעשטעלט אויף אַלע טיפּן אין „אידיאָט”, הגם דידאָזיקע טיפּן-גאַלעריע איז זייער אינ־טערעסאַנט אין פּסיכאָלאָגיש דאָסטאָיעווסקישן זינען.

זיי זענען אָבער אין מערסטע פּרטים נאָר דעקאָראַטיווע, עפּיזאָדישע, פאַרב פאַר דעם אַלגעמיינעם בילד. פאַר אונז דאָ איז וויכטיק געווען זיך אָפּצושטעלן אויף דער אידייאישער זייט פון דאָזיקן ווערק, צו באַרירן די פּראָבלעמען, וועלכע קומען דאָ צום אויסדרוק, אינם ליכט פון סאָציאַל-פּאָליטישן וועלט-באַנעם. אגב איז עס דאָס איינציקע גרויסע ווערק דאָסטאָיעווסקיס, וואָס לאָזט זיך מער פון אַלע אַריבערטראָגן אויפן פּאָן פון דער נייער צייט, די צייט פון גרויסע סאָציאַלע עקספּערימענטן.

דאָסדאָזיקע ווערק האָט אַגרויסן קולטור-היסטאָרישן ווערט אַלס אַן אָפּשפּיגלונג פון די קלאַסן-געגנזאַצן און אידעאָלאָגישע דיפערענצירונג, צווישן די געזעלשאַפטלעכע כחות אין רוסלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דאָ זען מיר אויך דאָסטאָיעווסקיס וואַקלונגען און מיינונג-ענדערונגען, אָדער ריכטיקער: שטימונגען ביים באַהאַנדלען געוויסע געזעל־שאַפטלעכע דערשיינונגען. מירזען זיינע טעותים ביים פאָרויס־זאָגן די צוקונפטיקע געשעענישן, אַלס פועל-יוצא פון זיין מיס־טיש-מעטאַפיזישן וועלט-באַנעם. מען קען דערפון אַסך לערנען, און קודם-כל, אַז אַקינסטלער און אַפילו אַזאַ גאון ווי דאָסטאָיעווס־קי, מוז מאַכן טעותים, אויב ער בויט זיין וועלט-באַנעם אויף אַנע אומגעזעענע כחות, וועלכע מען דאַרף באַנעמען ערשט מיט דער הילף פון אינטואיציע, פון אינסטינקטיוון גלויבן — טאָט אויף די רעאַלע כחות, וואָס דאָמינירן אין לעבן און פיר

צו דעם זעלבן ציל: די אַלגעמיינע האַרמאָניע, וועלכע פירט צום „רעאַליזירטן מענטש", ווי עס וויל דאָסטאָיעווסקי.

וואָס שייך דעם „רעאַליזירטן מענטש", איז דער פירשט מישקין דער „אידיאָט" אַ זייער געלונגענער מאָדעל פאַרן קומענדיקן מענטשן, הגם די געשיכטע וויל, אַז דער קומענדיקער מענטש זאָל זיין אַקטיווער ווי פירשט מישקין, ווייל ביי דאָסטאָיעווסקין איז ער אַרויסגעקומען שוואַך אין כאַראַקטער און נאָכגעביק קריסטלעך... ער בלייבט אָבער אַ סימבאָל פון קאַמף קעגן דעם עגאָיזם און אַלע איבעריקע שעדלעכע געוווינקייטן.

אָנגעהויבן האָט זיך די רעאַליזירונג פון דאָזיקן טיפ אין „דערנידריקטע און באַליידיקטע" אין דער פּערזאָן פון אַליאָשאַ. פירשט מישקינס האַנדלונגען האָבן אַסך ענלעכעס צו אַליאָשאַן סיי אין זיין באַציונג צו פרויען, סיי אַלס טיפ, וואָס ווערט אַנטקעגנגעשטעלט דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, פונקט ווי דער קניאַז אין „דערנידריקטע און באַליידיקטע", אָט יענע קלאַס, וועלכן דאָסטאָיעווסקי וויל ראַטעווען פילנדיק זיין אונטערגאַנג.■

IX

„צו ווייסט איר, ווער ס'איז איצט אויף דער וועלט דאָס איינציקע פֿאָלק, דער איינציקער „גאָט-טרעגער", וועלכער וועט באַנייען און וועט ראַטעווען די וועלט מיטן נאָמען פֿון נייעם גאָט, און וועמען עס איז איינגעאיינציק איבערגעגעבן די שליסלען צום לעבן און צום נייעם וואָרט?... צו ווייסט איר, אַז דאָסדאָזיקע פֿאָלק איז דאָס רוסישע?...

(„שדים")

1

די פֿיר יאָר פֿאַרברענגען אין אויסלאַנד זענען געווען פּרוכטבאַרע יאָרן אין דאָסטאָיעווסקיס ליטעראַרישער טעטיקייט, דאָס זענען געווען יאָרן פֿון גרויסן קינסטלערישן שווונג און פֿאַנטאַזיע.

איינצייטיק מיטן „אידיאָט", וועלכער איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין 1867 צום „רוסקי וויעסטניק" האָבן זיך שוין אין זיין מח געפֿאָרמירט אַנדערע גרויסע ווערק, פֿון וועלכע די „שדים" זענען געווען אַמבאַוואַנטסטן רעאַליזירט צו ווערן, אַזוי, אַז קומענדיק אין 1871 צוריק קיין רוסלאַנד, האָט עס דאָסטאָיעווסקי אָנגעשריבן און געדרוקט אין „רוסקי וויעסטניק".

סימנים וועגן דער צייט פֿון שרייבן די „שדים" געפֿינען מיר אין די בריוו צו זיין פֿרוי, סיי אין אויסלאַנד-פּעריאָד, סיי שוין אין רוסלאַנד גופא, ווען ער האָט ווידער, צוליב געוויסע סיבות — איבערהויפּט ליטעראַרישע — געלעבט אָפּגעזונדערט פֿון זיין פֿאַמיליע, און געווען פֿאַרבינדן מיט אָפּטע און אויספֿירלעכע בריוו.

אָבער די פּרוכטבאַרקייט פון דאָסטאָיעווסקיס ליטעראַרישער טעטיקייט ווערט נאָכמער מערקווירדיקער, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דער גאַנצער אויסלאַנד-פּעריאָד איז דורכגעפלאָכטן נישט בלויז מיט ליטעראַרישן שאַפן, נאָר... מיט רולעטקע-שפּילן, קראַנקע ליידנשאַפטלעכע רולעטקע-שפּילן, גאַנצע טעג און נעכט, אַ דאַנק, וואָס ער האָט נישט נאָר די לעצטע אויסגעבעטענע סענטן ביי זיין פרוי פאַרשפּילט, נאָר דאָס האָט אים אויך זיין קראַנקן מאָרך אויסגעזויגן. ווי אַזוי-זשע גייט עס האַנט ביי האַנט די רולעטקע מיט אַזאַ טיף גייסטיקע אַרבעט פון שרייבן און פאַרטראַכטן אַזעלכע ריזיקע פּסיכאָלאָגישע ווערק? דאָס איז נאָך איין באַווייז פאַר דאָסטאָיעווסקיס גרויסקייט. אַלנפאַלס איז עס נישט דער איינציקער פאַל פון באַוווּנדערונג אין באַצוג צו דאָסטאָיעווסקין. אַזוי למשל באַוווּנדערט אַ גרויסער פּסיכאָלאָג-פּראָפעסאָר ט ש י ז ש ע די וויסנשאַפטלעכע אייגנשאַפטן פון דאָסטאָיעווסקיס נשמה, דאָס, וואָס נישט באַזיצנדיק קיין שום מעדיצינישע בילדונג, האָט דאָסטאָיעווסקי מיט אַ זעלטענער פּינקטלעכקייט פעסטגעשטעלט געוויסע סימפּטאָמען פון גייסטיק-פּסיכישע קראַנקהייטן, און דאָס בנוגע פאַלן, וועגן וועלכע די מעדיצינישע וויסנשאַפט איז ערשט דערגאַנגען מיט פופציק יאָר שפּעטער.

דער פּראָפעסאָר האָט אַפילו דערמיט געוואָלט באַווייזן דעם רוסישן לייענער, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט נאָר געשילדערט דעם אויסערגעוויינלעכן טיפּ, דעם נישט-נאָרמאַלן מענטש. אויך טאָלסטאָי האָט טענות, פאַרוואָס דאָסטאָיעווסקי שילדערט דעם פירשט מישקין אין „אידיאָט“ אַלס עפּילעפּטיקער. די רוסישע רעוואָלוציע אָבער האָט באַוויזן, אַז דאָסטאָיעווסקיס טיפּן זענען בכלל נישט אַזעלכע אומנאָרמאַלע און לגמרי אויסערגעוויינלעכע, ווען מען זאָל זיי נישט מעסטן מיט דער מאָס פון מערב-אייראָפּעישע באַגריפן, נאָר פאַרשטיין, אַז זיי—די טיפּן—זענען אידענטיש מיט דער גאַנצער אַנדערשדיקייט פון דער רוסישער ווירקלעכקייט. מיר האָבן נאָר וואָס געהאַט די געלעגנהייט צו זען אין „אידיאָט“, ווי טיף ער האָט באַנומען

דעם פּראָצעס פון צוגרייטן די רוסישע רעוואָלוציע, הגם די פּועל־יוצאס האָט ער זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט.

2

נישט קוקנדיק אויף אַלע זיינע פאַרזיכערונגען און באַשלוסן — אין די בריוו צו זיין פרוי — נישט מער צו שפּילן אין רולעטקע, האָט ער זיך דערפון נישט באַפרייט, ביזן סאַמע אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד. ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט, שרייבנדיק זיינע בריוו, ערנסט און אויפריכטיק געגלויבט, אַז עס וועט אים געלונגען בייצוקומען זיין רולעטקע־ליידנשאַפט. די אָרעמע, אויסגעצייכנטע פרוי, האָט, אים פאַרשטאַנען און אַ ליידנדיקע האָט זי אים יעדעס מאָל צוגעשיקט אירע לעצטע גראָשנס, וועלכע... זענען גלייך ווידער פאַרשפּילט געוואָרן.

אין אַ זייער לאַנגן בריוו פון וויסבאַדן — דעם 28-טן אַפּריל 1871 — קלאָגט ער זיך ווידער וועגן זיין פאַרשפּילן די לעצטע דרייסיק טאָלער, וואָס זי האָט אים געשיקט. ער האָט אַפילו — שרייבט ער — נישט געוואָלט שפּילן צוליב צוויי טעמים: זיין פרויס בריוו, וועלכע באַוועגן אים וועגן איר צו טראַכטן און — זיין פאָטער, וועלכער איז אים געקומען צו חלום (דאָס צווייטע מאָל אין זיין לעבן); אין חלום זאָגט ער אים פאָר עפּעס שרעקלעכס, וואָס ווערט אויך פאַרווירקלעכט... אין דידאָזיקע דריי טעג — שרייבט ער ווייטער — זענען אים די האָר ווייס געוואָרן... שפּעטער איז ער אַוועק אויפן וואָקזאַל, כּדי צו פאָרן קיין פראַנקפורט. ער איז אָבער אָפּגעטראָטן אין שפּיל־הויז און אין פינף מינוט געווינען אַכצן טאָלער. ער האָט

אַפילו לכתחילה געטראַכט נישט מער צו שפּילן; ער וועט ברענגען אַהיים אַ ביסל געלט און פאַרן איבעריקן קויפן אַ מתּנה פאַר „זיין פרוי, וועלכע האָט פאַר אים אַלץ אין לעבן מקריב געווען" און ער איז מוסיף:

„נישט איינמאָל האָב איך דיר שוין דאָסזעלבע געשריבן, אָבער גלויב, אַז קיינמאָל בין איך נישט געווען אַזוי סענטימענטאַל ביים שרייבן צו דיר, ווי איצט".

פאַרשטייט זיך, אַז ער איז שוין נישט אַרויסגעגאַנגען, ביז ער איז געבליבן ביי קליינגעלט. און ווידער בעט ער, זי זאָל אים שיקן דרייסיק טאָלער... און ווידער מיט דער פייערלעכער פאַרזיכערונג, אַז שוין צום לעצטן מאָל, צום סאַמע לעצטן מאָל"...

„ווייל — שרייבט ער — אַ גרויסע שאַפונג וואַקסט אין מיר *). און שוין צען יאָר — זינט דעם טויט פון מיין ברודער — ווי איך טראַכט וועגן געווינען. אָבער איצט איז עס דאָס סאַמע לעצטע מאָל... איצט טראַכט איך בלויז וועגן מיין אַרבעט, וועלכע רעאַליזירט זיך שוין".

„אין די דריי טעג — שרייבט ער ווייטער אין זעלבן בריוו — האָב איך געשריבן צו קאַטקאָוון און צו מאַיקאָוון. אַנגאַ, גלויב, אַז אונזער תּחית המתים איז אָנגעקומען, גלויב, אַז איצט וועל איך דיר קענען געבן גליק".

אין זעלבן בריוו דערמאָנט ער נאָך וועגן אַ געוויסן סטעלאָווסקי, וועלכער האָט אין צייט פון דאָסטאָיעווסקיס זיין אין אויסלאַנד אַרויסגעגעבן דעם פערטן באַנד פון זיינע ווערק: „פאַרברעכן און שטראָף", פאַר וועלכן ער האָט געדאַרפט באַצאָלן טויזנט רובל. אָבער דאָס געלט האָט דאָסטאָיעווסקי געקריגן שפּעטער, נאָך אַ לאַנגן פּראָצעס. איצט דערמאָנט ער אין בריוו צו זיין פרוי, אַז דאָס געלט וואָלט זיי צונויץ געקומען אויף אומקערן זיך קיין רוסלאַנד, און ער פאַרענדיקט:

„כ'האָב זיך איבערגעאַנדערשט אין די דריי טעג. איך הייב אָן אַ נייַ לעבן. אַלע צוזאַמען זיין"!

---

*) שדים.

אויף מאָרגן דעם 29-טן אַפּריל שרייבט ער ווייטער:

„אַננאַ! איך טראַכט כּסדר וועגן דיר און וועגן אונזער אומקערן זיך קיין רוסלאַנד. כ׳האָב אַלץ אויסגערעכנט. מיטן געלט פון קאַטקאָוון און מאַיקאָוון וועלן מיר זיך אַרויסדרייען. מיר וועלן אַפילו קויפן קליידער, און אין פּעטערבורג וועל איך קריגן געלט, כ׳בין זיכער. איבעריקס, כ׳בין איבערצייגט, אַז איוואַן גריגאָריעוויטש*) וועט נישט אָפּזאָגן צו באָרגן אַ פּיר טויזנט רובל. ס׳איז אוממעגלעך ער זאָל אָפּזאָגן. און איצט בלייבט די הויפּט-זאַך: פאָרן קיין רוסלאַנד.

צום סוף פון בריוו שרייבט ער:

„היינט איז עפּעס אַלץ אַזוי טרויעריק. אָבער איך טראַכט וועגן דער צוקונפט מיט מוט. דער געדאַנק וועגן דער צוקונפט מאַכט מיך אַנטשלאָסענער. ווען איך וואָלט נאָר געהאַט צייט און רויִקייט. מיין ראָמאַן וועט זיין וווּנדערלעך**). אַלזאָ, אַ צווייטע אויפלאַגע אין זשורנאַל וועט אונז העלפן ווי אַמגיכסטן זיין אין רוסלאַנד! געענדיקט גלות-אויסלאַנד״!

דער בריוו פון 1-טן מאַי 1871, איז דער לעצטער פון אויסלאַנד. באַלד דערנאָך קערן זיי זיך אום קיין רוסלאַנד, ווו דאָסטאָיעווסקיס פרוי געבוירט (דעם 16-טן יולי 1871) אַ זון פעדיאַ***). זיי באַזעצן זיך אין פּעטערבורג, אָבער דאָסטאָיעווסקי פאָרט אַרום אין מאָסקווע און אין אַנדערע ערטער וועגן זיינע ליטעראַרישע ענינים און געלט-מאַנונגען. די גאַנצע צייט שרייבט ער אויספירלעכע בריוו צו זיין פרוי.

פון אַ בריוו פון מאָסקווע דעם 4-טן יאַנואַר 1872 דער-וויסן מיר זיך, אַז ער האָט געשיקט אין „מאָסקאָווסקי וויעדאָ-מאָסטי״ די לעצטע צוויי בויגן פון די „שדים״ אונטערן טיטל:

---

*) זיין פרויס ברודער.

**) עס רעדט זיך וועגן [illegible] ־ים״

***) געשטאָרבן אין מאָסקווע אין יאָר 1921.

„טאַווראָגינס ווידוי״ *).

דדם 28-טן מאַי 1872 שרייבט ער צו זיין פרוי:

„איך נעם זיך צו דער אַרבעט; די הויפּטזאַך: דו מוזט מיר העלפן אין סטענאָגראַפיע, ווייל איך וויל זייער, וואָס גיכער אָפּשיקן אין „רוסקי וויעסטניק״ דעם המשך פון די „שדים״, כדי צו קריגן געלט״.

דאָס באַשטעטיקט, אַז ערשט אומקערנדיק זיך קיין רוסלאַנד, האָט ער גענומען רעאַליזירן זיינע גרויסע, אין אויסלאַנד פאַרטראַכטע שאַפונגען און קודם-כל די „שדים״.

3

דער קריטיקער ניקאָלאַי סטראַכאָוו איז געווען דאָסטאָיעווסקיס נאָענטער פריינט. „איר איינער האָט מיך פאַרשטאַנען״ — האָט דאָסטאָיעווסקי געשריבן צו סטראַכאָוון.

נאָכן דערשיינען פון די „שדים״ האָט סטראַכאָוו געשריבן, אַז אַ סך זייטלעך פון דאָזיקן ראָמאַן רעכענען זיך פאַר די בעסטע שאַפונגען דאָסטאָיעווסקיס. דער קריטיקער האָט אָבער מורא, אַז דער לייענער וועט אַרויסטראָגן פון דעם ווערק דעם איינדרוק פון מחברס אומזיכערקייט. ער גיט צו:

„דער לייענער באַמערקט לגמרי נישט דעם ציל, צו וועלכן די דערציילונג שטרעבט. ער פאַרלירט זיך צווישן צאָלרייכן פערסאָנאַזש און די אָן אַ שיעור עפּיזאָדן, וועמענס צונויפבינדונג ס'איז נישט קלאָר... אָן ספק, אַז איר שרייבט בלויז פאַר אַ באַגרעניצטן לייענער-קרייז. איר שטאָפּט און קאָמפּליצירט צופיל אייער ווערק.״

*) זיי זענען ווארשיי.לעך נישט געדרוקט געווען, ווייל אין יאָר 1921 האָט מען זיי געפונען און צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין בוך-פאָרם.

דערויף האָט דאָסטאָיעווסקי געענטפערט:

„מיט אויסערגעוויינלעכער געניקייט האָט איר אָנגעוויזן אויף מיין הויפּט-חסרון, אויף וועלכן איר האָב געליטן און לייד נאָך אַלץ. ביז איצט האָב איך זיך נישט אויסגעלערנט צו הערשן איבער מיינע מיטלען. אַ סך ראָמאַנען, וועלכע האָבן געזאָלט געשריבן ווערן באַזונדער, קוועטש איך צונויף אינאיינעם, צוליב דעם קומט עס אַרויס נישט האַרמאָניש און נישט געפּאַסט. דאָס אַלץ איז דורך אייך מיט דערשטוינענדיקער געניקייט אויסגע-דרוקט. איך באַדויער עס זייער, ווייל כ'האָב עס אויפן געוויסן. פאַראַן אָבער נאָך ערגערס; נישט מעסטנדיק די מיטלען, ווער איך מיטגעריסן דורכן פּאָעטישן אויפשוווּנג און פאַרליר די גלייכ-געוויכט ביי דער קינסטלערישער אויספירונג"...

דערדאָזיקער ענטפער דאָסטאָיעווסקיס דערמאָנט אין זיין ענלעכן ענטפער צו מאַיקאָוון, אין שייכות מיטן „אידיאָט", ווי מיר האָבן דערמאָנט. ס'איז אַ וויכטיקער שטריך צו זיין ערנסטער באַציִונג צו קריטיק, וואָס דערלויבט אים אַפילו אויף שטרענגער אַליין-קריטיק.

וואָס שייך סטראַכאָווס מיינונג גופא, וועלן מיר זיך דער-לויבן נישט מסכים צו זיין סיי אין דעם טייל וועגן אַ ציל צו וועלכן דאָס ווערק שטרעבט, סיי וועגן פאַרגלייכן די „שדים" צו די גרעסטע ווערק דאָסטאָיעווסקיס. אין קינסטלערישער הויכ-קייט שטייט דער ראָמאַן „שדים" נישט אין איין גרויס מיטן „אידיאָט" און נישט מיט „קאַראַמאַזאָוו", שוין בלויז דערפאַר, וואָס — ווי מיר וועלן זען — דער ציל האָט געפּטרט דאָס מיטל. און אַ ציל האָט דאָס ווערק דווקא יאָ און שוין אַ בפירושן ציל, מיט וועלכן ס'איז פאַרבינדן אַ אינערלעך פּסיכאָ-לאָגישער שטריך אין דאָסטאָיעווסקיס לעבן. און אָט דער ציל, דאָס נעגאַטיוויזירן אַ צאַלרייכן טיפּן-פּערסאָנאַזש, האָט געמוזט אָפּשוואַכן זיין קינסטלערישע אָביעקטיוויקייט.

סטראַכאָוו האָט אין אַ בריוו אויך אָנגעוויזן דאָסטאָיעווס-קין, אַז זיין דערציילונג „שפּילער" איז אין דער קורצער האַר-

מאָנישער פאָרם מער פּסיכאָלאָגיש קלאָרער און מיט אַ מער פּאַטעטישער ליידנשאַפט, ווי אַנדערע זיינע ווערק.

ענלעכע טענות וועלן מיר באַגעגענען מצד אַ צווייטן דאָסטאָיעווסקי-פאָרשער אין שייכות מיט „קאַראַמאַזאָוו". פאַר אונז איז אָבער די פראַגע אַ צווייט-ראַנגיקע, ווייל מיר האַלטן בכלל נישט, אַז גרויסע ווערק דאַרפן געמאָסטן ווערן לויט... דער געדולד פון לייענער. גרויסע ווערק זענען בכלל נישט קיין נייעס אין דער וועלט-ליטעראַטור. דאָסטאָיעווסקיס גרעסטע ווערק: „ברודער קאַראַמאַזאָוו" קענען זיך אין כמות נישט גלייכן צו ראָמען ראָלאַנס „זשאַן קרישטאָף". קיינער וועט פונדעסטוועגן נישט וועלן אָפּשוואַכן די באַדייטונג פון דאָזיקן פענאָמענאַלן ווערק, מעסטנדיק עס מיט דער מאָס פון לייענערס געדולד. איבעריקס, זענען מיר נוטה צו גלויבן, אַז די צעצויגנקייט ביי דאָסטאָיעווסקין איז אַ נאַטירלעכע, אַרויסדרינגענדיקע פון זיין ברויזנדיקן שאַפונג-קוואַל, וואָס לאָזט זיך נישט צוימען לויט געוויסע פּראָפּאָרציעס צום לייענער.

ס'איז נאָך כדאי צוצוגעבן, אַז די „שדים" האָט דאָסטאָיעווסקי אין משך פון דריי יאָר געשריבן און איבערגעשריבן, קאָרעגירט און איבערקאָרעגירט, אין דער צייט ווען די „שפּילער" האָט ער כמעט אין איין אָטעם אָנגעשריבן אין משך פון זעכצן טעג, ווייל ער איז געצוווּנגען געווען צוצושטעלן צו אַ באַשטימטן טערמין צו זיין פאַרלעגער.

4

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט זיך גיך אָפּגעזאָגט פון זיינע רעוואָלוציאָנערע מעשים, פאַר וועלכע ער האָט שיעור באַצאָלט מיטן לעבן. מיר האָבן אויך געזען, אַז בכלל געקומען איז זיין באַטייליקן זיך אויף אַ מאָמענט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן געווען גיכער דער אויסדרוק פון אַ שטימונג, אַלס די סיבה פון זיין אינערלעכע צעטרייסלטקייט און גייסטיקן אומרו.

מיר האָבן אויך געזען, אַז די קאַטאָרגע-שטראָף האָט אים אויף אַזויפיל אויסגעניכטערט, אַז ער האָט ראַדיקאַל איבערגעביטן זיינע איבערצייגונגען. דער פועל-יוצא פון דעם איז געווען, אַז קומענדיק נאָך אין אָנהייב זעכציקער יאָרן קיין פעטערבורג, ביים אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, האָט ער זיך אָפּן געשטעלט אויף דער רעגירונגס-זייט און געמאַכט פאַר זיין אויפגאַבע: באַקעמפן ניהיליזם, וואָס איז אין יענער צייט געווען פאַרשפרייט צווישן דער רוסישער יוגנט, אַלס פראָטעסט קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון רוסישן פאָלק. איבעריקס, איז אונטערן באַגריף: ניהיליזם געמיינט געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועלכע האָט פון זיך אַרויסגעטיילט טיפן און פאַרשוינען, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן אַנייעס אין די פאַרשימלטע לעבנס-באַגריפן. דאָס זענען די „שדים", וועלכע האָבן זיך געמערט אין דער רוסישער געזעלשאַפט...

אַגעוויסע אָפּשפּיגלונג פון יענע קרייזן האָבן מיר באַגעגנט אין „אידיאָט", אָבער, בלויז אָנגעוואָרפענע שטריכן. ערשט אין די „שדים" פאַרמעסט זיך דאָסטאָיעווסקי צו געבן אַן אַלזייטיק

בילד פון יענע געזעלשאַפט, אַרויספירנדיק פאַר אונז אַ גאַנצע גאַלעריע „שדים”, טיפּן שוין מיט אַ בולטן נעגאַטיוון אונטערשלאַק. און דורך דעם דערקענען מיר ערשט דאָסטאָיעווסקין אין זײַן גאַנצן אידעאָלאָגישן באַנעם און אָפּשאַצונג פון די אידייען, שטרעמונגען און שאַטירונגען, וועלכע האָבן געהערשט אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערט.

די תקופה איז דאָ די אייגענע ווי אין „אידיאָט”. ס'איז די צייט פון אויפגעוואַכטע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אין רוסלאַנד, וועמענס ערשטער פּועל-יוצא איז געווען די פּויערן-באַפרייונג, וואָס הגם זי איז געווען נישט קיין פולשטענדיקע, איז זי אָבער דאָך געווען דער ערשטער שטויס צו ווייטערדיקע דערגרייכונגען אויפן וועג צו פרייהייט אין רוסלאַנד.

דאָסטאָיעווסקי האָט עס אויף זײַן שטייגער אויפגענומען און אויפגעכאַפּט אַ ריי טיפּן, וועלכע די צייט האָט אַרויסגערופן.

וואָס שייך די סביבה, די מילעע אין די „שדים”, איז זי אַ ביסל אַן אַנדערע ווי אין „אידיאָט”. ווײַל אויב דאָרט האָט דאָסטאָיעווסקי געהאַט פאַר זיך אַ גרויסן ציל, ווי, למשל, דאָס שאַפן אַ טיפּ פון „אַן אמת גוטן און שיינעם מענטשן” און די געזעלשאַפטלעכע סביבה איז געווען בלויז דער פאָן פאַר זײַן שאַפונג — איז אין די „שדים” נישט געווען קיין אַנדערער ציל, ווי צו שילדערן די סביבה גופא, ריכטיקער: פאַראייביקן אין דער ליטעראַטור דעם דערמאָנטן איבערברוך-מאָמענט.

איז דאָס גאַנצע ווערק געווידמעט אָט די משונהדיקע טיפּן און פאַרשוינען, מיט די גייסטיקע ענדערונגען פון יענער צייט, געזען שוין לויט דער פּריזמע פון דאָסטאָיעווסקיס איבערגעגאַנגענע באַציִונג צו דעם אַלעם. און ווײַל קיין אַנדער ציל ווי תקופה-אָפּשפּיגלונג מיט אַ צוגאָב פון נעגאַטיווער באַציִונג צו זיי, איז נישט געווען, איז שוין ממילא אַרויסגעקומען, אַז „שדים” האָבן כמעט נישט קיין הויפּט-העלד און אויך נישט

קיין קאָנסטרוקטיווע פּאַבולע.

מיר מוזן אין דעם פּרט געבן גערעכט דעם קריטיקער סטראַכאָוו אין זיין פריער דערמאָנטע מיינונג, וועגן דער עפּיזאָדישער נישט-צונויפגעבונדנקייט פון ראָמאַן, אָבער נישט אין פּרט פון פעלן פון אַ ציל.

אויך אין פּרט פון אינטערעס פאַרן לייענער שטייגן די „שדים" נאָך אפשר אַריבער אַנדערע ווערק. טיפן, פאַרשוינען, עפּיזאָדן און בילדער וויקלען זיך איינס נאָכן צווייטן מיטן גרעסטן אינטערעס.

5

פונדעסטוועגן איז אַ געוויסער צענטראַלפּונקט, אַרום וועלכן די אַלע טיפּן און פאַרשוינען מיט זייערע משונהדיקע אידייען דרייען זיך, יאָ פאַראַן. דאָס איז די רייכע אַלמנה וואַרוואַראַ פּעטראָוונאַ סטאַווראָגין, וועלכע צייכנט זיך אויס — ענלעך צו דער אַלמנה אין „פּעטערס חלום" — מיט איר שאַרפן שכל און חשק צו כבוד. ווי ס'רוב דאָסטאָיעווסקיס פרויען-טיפּן איז זי אויך אַ ביסל עקסצענטריש קאַפּריזנע, מיטן אומבאַדינגטן דראַנג צו שפּילן אַ ראָלע אין דער געזעלשאַפט.

דידאָזיקע פרוי האַלט אויס אויף איר חשבון עפּעס אַן אַלטן אַלמן, כלומרשט אַלס דערציער פון איר בן-יחיד, אָבער אין דער אמתן בלויז צוליב איינגעבילדעטע פאַנטאַזיעס, אַז דער אַלטער שפּילט די ראָלע אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט אַלס גייסטיקע פּערזענלעכקייט, אַ מין טיפּזיניקער געלערנטער, וועלכער קלויבט זיך אַלץ אָנצושרייבן עפּעס אַ באַרימט „ווערק"... און אפשר זענען געווען אויך אַנדערע חשבונות. אַ פאַקט איז אָבער, אַז דער אַלטער פאַרנעמט אַ גרויס אָרט —

און אפשר דאָס גרעסטע — אין דער צוואַנציק-יאָריק קעגנזייטיקער צוגעבונדנקייט.

ער, דער אַלטער, סטעפּאַן טראָפּימאָוויטש, איז אַ כאַראַקטעריסטישער טיפּ פון אַ בירגערלעכן אינערלעך פּוסטן בעל־גאווהניק, וועלכער שטרעבט, ווי דער שטייגער איז, זיין נשמה־פּוסטקייט צו פאַרדעקן מיט אַ גאַנצער נעץ פרעמדע שיין־קלינגענדיקע פראַזן, וואָס דאַרפן עס שאַפן אין זיין סביבה דעם איינדרוק, אַז מען האָט פאַר זיך אַ טיפּ פון אַ געלערנטן. די פאַנטאַזיע ביים אַלטן דערגייט ביז קרענקלעכער איינבילדונג, ביז צום אַליין־גלויבן, אַז ער איז ווירקלעך דער, פאַר וועלכן ער שטעלט זיך פאָר און, אַז ער פאַרשאַפט כבוד די, מיט וועלכע ער קומט אין קאָנטאַקט, דערביי פאַרשטייט ער נישט, אָדער מאַכט זיך נישט פאַרשטיין, אַז ער איז נאָר דער אָביעקט פון אַלעמענס חוזק.

אָבער איינע פון די כאַראַקטער־שטריכן, וועלכע איז אידענטיש ביי ביידע ביים אַלטן מיט דער אַלמנה, איז די שטרעבונג צו שפּילן אַ ראָלע אין דער געזעלשאַפט אַלס מאָדערנע מענטשן, פאַר מענטשן, וועלכע גייען מיט מיט דער צייט, אויפנעמענדיק אין זיך אַלע נייע אידייען פון דער יוגנט. דער אַלטער וויל אַפילו יעדן איינשמועסן, אַז אין „געוויסע קרייזן" (דאָ מיינט מען מאַכטהאָבנדיקע) קוקט מען אויף אים מיט „חשד" פאַר זיין כלומרשטיקער אַמאָליקער רענאָמע אַלס אַטעאיסט און שעדלעכער מענטש. אָבער דאָס אַלץ איז פּונקט אַזוי אמת, ווי דאָס „גרויסע ווערק", וואָס ער קלויבט זיך אַלץ צו שרייבן... דאָסטאָיעווסקי איז דאָ פּשוט אויסן געווען חוזק צו מאַכן פון אַ טייל בירגערלעכן קלאַס, וועלכער שפּילט תמיד די ראָלע פון מיטלויפער מיט דער צייט, צוליבן פּשוטן נישט וועלן אונטערגיין צוזאַמען מיט זייער קלאַס.

בכלל אָבער זענען די צוויי טיפּן נויטיק געווען פאַר דאָסטאָיעווסקין, כדי צו האָבן אַ מיטלפּונקט, אַרום וועלכן צו קאָנצענטרירן אין נויטיקע מאָמענטן די אַלע שוין מער רעאַ-

ליסטישע, הגם צופיל שאַרזשירטע טיפּן און געשטאַלטן. פאַראַן אַ סך אין דאָזיקן בוך. אַ טייל פון זיי — מיט עכטער דאָסטאָ־יעווסקישער אייגנאַרטיקייט, די איבעריקע — אַנאָנימען, וועלכע דערשיינען בלויז לשם דעקאָראַציע, אין ליכט פון שאַרזש, אַלס פּועל־יוצא פון שרייבערס בטול־באַציִונג צו זייערע אידייען מיט וועלכע זיי קומען.

6

דאָסטאָיעווסקי האָט זיך פיינטלעך באַצויגן צום „נייעם אָנגעלויף״ פון משונהדיקע טיפּן. ביים שילדערן זיי ווייזט ער אַרויס באַהאַלטענע און אָפענע איראָניע. הגם ער באַמיט זיך צו זיין תמיד אָביעקטיוו, געלינגט עס אים אָבער נישט דאָרט אין די ערטער, ווו דער שאַרזש איז צו בולט. אַזוי, למשל, דערציילט ער וועגן די נייע פאַרשוינען, וועלכע וואַרוואַראַ פּעטראָוונאַ האָט איינגעלאַדן אויף אירע אָוונטן:

„ס׳זענען געקומען גאַנצע מאַסן ליטעראַטן. שפּעטער זענען זיי שוין געקומען אָן איינגעלאַדונגען, ברענגענדיק איינער דעם צווייטן. זיי זענען געווען באַרימעריש, ביז גאָר און פולשטענדיק אָפּנהאַרציק, ווי ס׳וואָלט געווען זייער חוב. אַנדערע פלעגן קו־מען שיכּור, געפינענדיק אין דעם אַ באַזונדער, ערשט נעכטן אַנטדעקטע שיינקייט. אַלע פלעגן זיך גרויס האַלטן. אויף זייערע פּנימער האָט מען געקענט מערקן, אַז זיי האָבן ערשט אָפּגע־דעקט אַ זייער וויכטיקן סוד. זיי פלעגן זיך זידלען, האַלטנדיק עס פאַר אַ כּבוד. ס׳איז געווען שווער צו דערגיין, וואָס האָבן זיי באמת פאַרפאַסט? הגם דאָס זענען געווען קריטיקער, ראָ־מאַניסטן, דראַמאַטורגן און סאַטיריקער״.

דאָסטאָיעווסקין פאַרדריסט בלויז, וואָס צו דידאָזיקע האָבן זיך געחנפעט אַ סך פון די אַלטע, באמת באַרימטע קינסטלער, און ער גיט צו: „אַפילו אויפן שענדלעכסטן אופן גע־חנפעט״.

וואָס פלעגט מען באַהאַנדלען אויף דידאַזיקע אָונטן?

„מ'האָט גערעדט וועגן מבטל מאַכן די צענזור און וועגן דעם אות „יאַט"; וועגן פאַרבייטן דעם רוסישן „ב" מיטן לאַטייַנישן; וועגן דער פאַרשיקונג פון עמעצן; וועגן דער נויטיקייט צו צעגלידערן רוסלאַנד לויט נאַציאָנאַליטעטן, ביי אַ פעדעראַטיווער פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד; וועגן מבטל מאַכן אַרמיי און פלאָט; וועגן צוריקשטעלן פוילן ביזן דניעפּר; וועגן דער פויערן-רעפאָרם און פראָקלאַמאַציעס; וועגן מבטל מאַכן ירושה, משפחה, קינדער און גייסטלעכע; וועגן פרויען-רעכט א. אַז. וו."

דער קולטור-היסטאָרישער ווערט פון די שורות אַלס עפּאָכע-שילדערונג איז נישט צום אָפּלייקענען. ס'איז אָבער גלייכצייטיק צו בולט דער פאַרמאַסקירטער חוזק איבער דעם אַלעם, אין וועלכן ס'איז מן הסתם פאַראַן אַ היפש ביסל איבערגעטריבנקייט.

איבעריקס, אין די מערסטע ערטער באַמיט זיך אַפילו נישט דאָסטאָיעווסקי צו באַהאַלטן זיין אָפענע אָרויסטרעטונג קעגן דעם אַלעם, אין וועלכן ער געפינט נישט קיין שום פּאָזיטיווע שטריכן.

אָבער נישט בלויז צום „נייעם אָנגעלויף" האָט דאָסטאָיעווסקי אַ נעגאַטיווע באַציִונג. אויך צו אַלטע, אָנערקענטע קינסטלער באַציט ער זיך נישט בעסער. אַזוי למשל מאַכט ער ער געבוג חוזק פונם שרייבער קאַרמאַזינאָוו אין אַ פשוטער פובליציסטישער פּראָזע, וועלכע איז אַגב אינגאַנצן איבעריק אין דאָזיקן בוך. משמעות, אַז ביי דאָסטאָיעווסקין איז עס צו יענער צייט געווען אַ מאָמענט פון פּריוואַטע חשבונות... ער האָט בכלל טענות צו קליינע און מיטעלע טאַלאַנטן, וועלכע בלאָזן פון זיך מער פון די גרויסע:

„אָ — רופט ער אויס — אין דעם פאַל איז עס בכלל נישט ווי מיט די פּושקינס, גאָגאָלס, מאָליערס און וואָלטערס, וועלכע זענען געקומען זאָגן אַ ניי וואָרט"!

אָגב איז דידאָזיקע מיינונג אַ ריכטיקע אַפּילו אין אַלע צייטן, ווען שרייבער — גרעסערע צי קלענערע — קוקן אויף אַלץ אַרום פון אויבן אַראָפּ, האַלטנדיק זיך פאַרן צענטראַל־פּונקט פון אַלעם...

סיי־ווי־סיי אָבער זעט דאָ דאָסטאָיעווסקי סיי אין „נייעם אָנגעלויף", סיי אין די אַלטע נאָכלויפער, נישט מער ווי אָנגע־בלאָזנקייט און פּוסטקייט, שטאָט אייגנאַרטיקן טראַכטן. אַלץ איז פאַרכאַפּט פון אַ שטראָם פרעמדע מאַניערן, געדאַנקען און האַנדלונגען, וועלכע זענען — לויט דאָסטאָיעווסקין — גאָרנישט אין הסכם מיט דער רוסישער נאַטור, מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון דער רוסישער נשמה.

7

ס'ווערט אַלזאָ קלאָר דאָסטאָיעווסקיס לכתחילהדיקער צוגאַנג, די .טענדענץ צו שילדערן אין נעגאַטיוון זינען די גייסטיקע פיזאָנאָמיעס און אידייען פון זיינע צאָלרייכע העלדן אין די „שדים". אין קיין שום ווערק וואַרפט זיך די טענדענץ נישט אַזוי אין די אויגן. און דערפאַר פילט מען זיך ערטערווייז שאָקירט, האָבנדיק דעם באַוווסטזיין, אַז דאָסטאָיעווסקי, דער קינסטלער, איז דאָסמאָל געווען נישט געטריי דאָסטאָיעווסקין דעם פּסיכאָלאָג. די געטריישאַפט גיט זיך דאָ איבער אַ צווייטן דאָסטאָיעווסקי: דעם, וועלכער האָט אויף זיך גענומען אָפּצוצאָלן אַ חוב פאַר באַגאַנגענע חטאים... דאָסדאָזיקע רעהאַבילירן זיך סיי קענען זיך אַליין, סיי קענען געוויסע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, ציט זיך ווי אַ רויטער שטריך איבערן גאַנצן ווערק. און דער־פאַר באַקומען זיך ערטערווייז בייגעשמאַקן, אויב מען קוקט אויף די העלדן אין ווערק נישט מיטן בליק פון אַ חוב־צאָלנ־

דיקן... און נאָך עפּעס: כּדי צו האָבן די ברייטע מעגלעכקייט צו שאַרזשירן אַלע אידייען פון זיינע העלדן, לייגט דאָסטאָיעווסקי דאָסמאָל וויניקער אַכט אויף די טיפן גופא, אויף זייער קינסטלערישער פיזאָנאָמיע. בלויז געציילטע פון זיי דערשיינען אַלס גאַנצע כאַראַקטערן.

דאָסטאָיעווסקי לאָזט זיינע העלדן רעדן וועגן די פאַריענער צייט משונהדיקסטע אידייען, זאַכן פאַנטאַסטישע און קנאַפּ לאָגישע. און הינטער זיי שטייט דאָסטאָיעווסקי, דער סאַטיריקער.

און ווי דען אַנדערש ווי חוזק איז, למשל, דער טיפּ פון אַ פּוריעריסט (ליפּוטין). רעדנדיק וועגן עפּעס אַ פּראָווינציאַלער איבערזעצונג, גיט ער מיר-נישט דיר-נישט אַ זאָג:

„ניין, ס'איז נישט קיין פּראָווינציעלע איבערזעצונג! ס'איז אַן איבערזעצונג פון דער אַלגעמיין-מענטשלעכער שפּראַך און נישט פון איין לשון! פון דער שפּראַך פון דער אַלגעמיין-מענטשלעכער סאָציאַלער רעפּובליק און האַרמאָניע. אָט וואָס"!

כּדי צו רעדן אַזעלכע נאַרישקייטן, וואָלט דער העלד געדאַרפט געשילדערט ווערן ווייניקסטנס אַלס אַכצניאָריקער יינגל. אָבער דאָסטאָיעווסקי באַנוגנט זיך נישט מיטן דאָזיקן שאַרזש. ער דערציילט אונז גלייך דערנאָך, אַז ער, דער העלד, איז געווען אַ שרעקלעך קאַרגער, אַ דעספּאָט און... פּראָצענטניק. זייענדיק גלייכצייטיק אַ מיטגליד פון עפּעס אַ „סאָציאַלער האַרמאָניע", אין וועמעס באַלדיקער פאַרווירקלעכונג ער האָט שטאַרק געגלויבט. און גראָד האָט דערדאָזיקער פאַרשוין אַן אייגן הייזל און — הוגדערט וויאָרסט אַרום איז נישט געווען צו געפינען קיין איין מענטש, וועלכער זאָל געווען ענלעך זיין אויף דעם קומענדיקן מיטגליד פון „דער אַלוועלטלעך-מענטשלעכער סאָציאַלער רעפּובליק און האַרמאָניע"...

דידאָזיקע אַרגומענטן פון איבערצייגן די לעכערלעכקייט פון „משונהדיקן" העלד, זענען אַ ביסל צופיל טענדענציעז און וווּלגאַר, ממילא מאַכן זיי נישט קיין קינסטלערישן עפעקט;

שוין אָפּגעפּרעדט דערפון, וואָס די לאָגיק הינקט דאָ אַ ביסל אונטער. ווייל, אויב הונדערט וויאַרסט אַרום, געפינט מען נישט קיין ענלעכן מענטשן, באַווייזט עס נאָך נישט, אַז אַזאַ משונה־דיקער טיפּ טאָר זיך נישט געפונען. אָט האָט דאָך דאָסטאָ־יעווסקי אַליין באַשאַפן אַ טיפּ פון אַן „אמת גוטן און שיינעם מענטשן", נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אַפילו טויזנטער וויאַרסטן אַרום וועט מען קיין ענלעכן נישט געפונען... און פאַרוואָס זאָל מערלעכערלעך זיין אַ מענטש, וואָס שטרעבט צו „סאָ־ציאַלער האַרמאָניע" פון אַ וועלט־רעפּובליק, אײדער דאָס שטרעבן צו באַשאַפן אויף דער ערד דאָס „מלכות השמים"? נישט מער, די כוונה איז קלאָר: אין לעצטן וויל דאָסטאָיעווסקי גלויבן, ווייל עס אַנטשפּרעכט זיינע מיסטישע שטרעבונגען, אין דער צייט, ווען דאָס ערשטע איז קיינמאָל נישט אין הסכם מיט זיין וועלט־באַנעם... אָט ווו קינסטלערישע אָביעקטיוויקייט ווערט געשטרויכלט, ווען עס קומט אין קאָנפליקט מיטן אייגענעם מענטשלעכן מהות.

8

מער ערנסטער געשילדערט קומט אַרויס אַ צווייטער טיפּ פון דער גאַלעריע „שדים": קירילאָוו. ער איז עפּעס אויך אַ שטיקל ניהיליסט, אָבער נישט אַזאַ ציניקער ווי מען איז עס געוווינט דאָ צו טרעפן. דאָ איז ער אַ פּשוטער, איינזאַמער מענטש, אַן אין־זיך אָפּגעשלאָסענער און פאַרטראַכטער פאַנטאַ־זיסט, וועלכער האָט זיך באַשאַפן אַן אייגענעם בליק אי־בערן לעבן און טויט און דאָס איז זיין אני־מאמין. ער האַלט, אַז „די גאַנצע פרייהייט וועט קומען נאָר דאַמאָלס, ווען עס וועט ווערן אַלץ איינס: לעבן אָדער נישט לעבן, — אָט איז

דער ציל פון אַלץ".

קירילאָוו מיינט אויך, אַז די סיבה פאַרוואָס מענטשן דער־מאָרדן זיך אַזוי ווייניק, איז... ווייל מען איז שוואַך צו באַ־זיגן דעם ווייטיק, דעם פשוטן פיזישן ווייטיק, וואָס עס שאַפט דער באַוווּסטזיין פון וועלן זיך דערמאָרדן... „ס'וועט זיין — זאָגט ער — אַ נייער מענטש, אַ גליקלעכער און שטאָלצער. אים וועט זיין אַלץ איינס, לעבן צי נישט לעבן... ווער ס'וועט באַזיגן דעם ווייטיק און שרעק, יענער וועט זיין אַ גאָט"...

דעמזעלבן פּאַראַדאָקס באַנוצט ער אויך בנוגע גליק און אומגליק, גוטס און שלעכטס:

„אַ מענטש איז אומגליקלעך דערפאַר, ווייל ער ווייסט נישט, אַז ער איז גליקלעך. ווער עס דערוווּסט זיך, דער ווערט תּיכף גליקלעך"...

— און גוטס? —

„מענטשן זענען נישט גוט, ווייל זיי ווייסן נישט, אַז זיי זענען גוט. זיי דאַרפן זיך דערוויסן, אַז זיי זענען גוט און אַלע וועלן תּיכף ווערן גוט, אַלע ביז איינעם"...

און ווייטער:

„ווער ס'וועט אויסלערנען־געבן צו פאַרשטיין, אַז אַלע זע־נען גוט, יענער וועט די וועלט פאַרענדיקן."

דאַרויף ענטפערט אַפילו גאַנץ ריכטיק סטאַווראָגין, אַז „דעם וואָס האָט אַזוי געלערנט האָט מען אויפן צלם אויפגעהאָנגען".

אָבער קירילאָוו פאַרלירט זיך נישט:

— ער וועט קומען און זיין נאָמען וועט זיין: „מענטש־גאָט"...

אויך דאָ שטעקט אַ היפּש ביסל קראַנקע פאַנטאַסטיק. אָבער מען קען שוין אָננעמען, אַז אין צייטן פון געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנדערטרייסלונג, ווען סקומט פאָר אַ גייסטיקער איבערברוך אין די אַלטע לעבנס־באַגריפן און די יוגנט לאָזט זיך אַוועק אין זוכענישן און אין בענקשאַפטן נאָך נייע לעבנס־פאָרמען, געפינען זיך ענלעך געשילדערטע פאַרשוינען, וועלכע לאָזן זיך

אריין אין קראַנקער פאַנטאַסטיק גלויבנדיק, אַז מען שאַפט נייע וועלטן... משונהדיקע טעאָריעס און פאַנטאַזיעס זענען תמיד אַ פּועל-יוצא פון אַנטוישונגען אין לעבן און אומצופרידנקייטן מיטן עקזיסטירנדיקן.

9

קלאָר, אַז „שדים" דאָס מיינט מען אָט די גאַנצע נייע יוגנט — „דער נייער אָנגעלויף" — אָט די אַלע „געוועזענע" רעוואָלוציאָנערן און איצטיקע שדים-ציניקער, וועלכע האָבן נישט קיין אַנדער אַרבעט, ווי אָפּצוטון אַלערליי שעדלעכע שפּאַסן און פּשוטע געמיינקייטן, כּדי צו באַליידיקן דער בירגלעכער און אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט. דאָסטאָיעווסקי פירט זיי פאַר אונז פאַרביי איינציקווייז און גרופּנווייז ביי פאַרשידענע וואָל-גאַרע סצענעס, וועלכע האָבן אַ בולטן ציל. אָבער ער באַמיט זיך נישט אויף וויפיל ס'איז צולאָזן אונז אַריינדרינגען אין זייערע נשמות — ווי ער איז עס שטענדיק געווינט — כּדי מיר זאָלן זיך קענען מאַכן אַ שטיקל באַגריף וועגן די סיבות, וואָס האָבן די אַלע „געוועזענע" געטריבן צו בייטן זייערע איבערצייגונגען. ער פּטרט אָפּ מיט לאָזן זיי רעדן די משונהדיקסטע פראַזן און פּטור, אַבי מען שפּייט און מען קערט זיך אָפּ פון דעם, אין אין וועלכן מען האָט נעכטן געגלויבט. אמת איז, אַז דאָס לעצטע קען פאַרעכנט ווערן פאַר אַ פּאָזיטיוון שטריך אין מענטשלעכן דענקען. צווייפלען און בייטן מיינונגען זענען אַ באַווייז פון לעבנס-פעיקייט און טראַכטן, אָבער — נאָר דאַמאָלס, ווען מיר זען די פּסיכאָלאָגישע סבות, וועלכע פירן צו דעם. אין די „שדים" ווייזט אונז דאָסטאָיעווסקי גאָרנישט פון דידאָזיקע סבות. אָט אַזוי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, אַבי צו קענען אָפּטון אַלע „שטיק-

לעך" און מאַכן זיך אין יענעם לעבערלעך. איבעריקס זענען די סבות פון דאָסטאָיעווסקיס מיינונג-בייטונגען גופא אויך נישט מער אַרגומענטירט ווי זיינע העלדנס...

נאָר אויב דאָסטאָיעווסקי מיידט אויס אונז קלאָר צומאַכן די סבות פון זיינע העלדנס גייסטיקע ענדערונגען — מוזן מיר זיי זוכן אין אים גופא. און דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ גאַנץ באַקאַנטע דערשיינונג אין דאָסטאָיעווסקיס וועלט-באַנעם: אומגלויבן, שטאַרקער אומגלויבן צו די אידייען און מעגלעכקייטן פון דער אויפגעברויזטער און זיכנדיקער יוגנט. דאָסטאָיעווסקי האַלט זיך פאַרעקשנט ביי זיין מיינונג, אַז קיינער מאַז די טומלענדיקע קרייזן פאַרשטייט נישט רוסלאַנד, און אַז אַלץ ביי זיי איז פאַלש און פרעמד.

רעדנדיק וועגן דעם אַלטן סטעפאַן טראָמפימאָוויטשעס זון, וועלכער איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד אַן „איבערגעדרייטער" אין זיינע רעוואָלוציאָנערע איבערצייגונגען און זיך גענומען מיט פּראָוואָקאַטאָרישע מעשים אויסצוקויפן זיינע זינד אין די אויגן פון די מאַכט-האָבער: (אַ רמז אויף דאָסטאָיעווסקין גופא...), וועלנדיק דערקלערן פאַרוואָס דער שרייבער קאַרמאַזינאָוו האָט דעם דאָזיקן „געוועזענעם" אויפגענומען—דערקלערט עס דאָסטאָיעווסקי דערמיט „ווייל קאַרמאַזינאָוו האָט געציטערט פאַר דער רעוואָלוציאָנערע יוגנט. נישט-קענענדיק די אמתע לאַגע, האָט ער גערעכנט, אַז אין די הענט פון דער דאָזיקער יוגנט געפינען זיך די שליסלען פון דער רוסישער צוקונפט..."

נישט קענענדיק די אמתע לאַגע...

ווי אַ ביטערע איראָניע פון דער געשיכטע קלינגט עס היינט, ווען מען זעט ווי די ווערטער פּאַסן זיך אַזוי פאַר דאָסטאָיעווסקין גופא... אָט דער זעלבער דאָסטאָיעווסקי, וועלכער האָט אין אַזויפיל פאַלן פאַרויסגעזען דאָס אָנקומען פון דער רעוואָלוציע... ווי שווער איז אים געווען שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אויסשליסלעך אין די הענט פון דער דאָזיקער יוגנט געפינט זיך די רוסישע צוקונפט...

אָבער מיר זען, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט אַליין נישט גע-

גלויבט אין קיין נייע געדאַנקען, ווען יאָ, וואָלט ער נישט געלאָזט פלאַפלען אַ מענטשן, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין שום אייגענעם געדאַנק וועגן „אונזער (רוסישע) דערנידערנדיקע אוממאַכטיקייט צו אידייען, אונזער שעדלעך פאַראַזיטנטום צווישן פעלקער”. און אַז „די רוסן וואָלטן געדאַרפט פאַרניכטערט ווערן צוליב די טובה פון דער מענטשהייט, אַלס שעדלעכע פאַראַזיטן...”

צום גליק האָט אויך וועגן דעם פרט די געשיכטע געגעבן איר ענטפער, קלאָר מאַכנדיק, ווער ביי וועמען עס האָט איבערצונעמען אידייען און אויף וועמעס צד עס הערשט מער פאַראַזיטנטום...

נו, אויב לגבי אַלע אידייען שטעלט זיך אַקעגן די רוסישע „אוממאַכטיקייט” איז דאָך שוין קלאָר, אַז דערצו מעג מען צורעכענען דעם רוסישן אַטעיזם, „וועלכער איז קיינמאָל ווייטער פון אַ קילאָמעטער נישט אַוועק”, (פונקט ווי אַלע איבעריקע פעלקער וואָלטן אין אַטעיזם שוין אַסך ווייטער אַוועק...) פאַר אונז ווייניקסטנס איז קלאָר, אַטעיזם טיילט זיך נישט און לאָזט זיך נישט טיילן אויף נאַציאָנאַלע שאַטירונגען, נאָר באַזירט זיך אויף אינדיווידועל-גייסטיקע דערגרייכונגען סיי ביים יחיד, סיי ביים כלל, און תמיד איז ער אַ פועל-יוצא פון אַ גאַנצן קאָמפּלעקס-געזעלשאַפטלעכע סבות.

10

מיר האָבן דערמאָנט אַז די תקופה איז דאָ די זעלבע ווי אין „אידיאָט”, בלויז די מילע איז אַביסל אַנאַנדערע. אָבער אויך געדאַנקען ווערן דאָ איבערגעחזרט די זעלבע וואָס אין „אידיאָט”.

אזוי למשל באַגעגנען מיר זיך דאָ פּלוצלונג מיט דאָסטאָ־יעווסקיס מיינונג, וועגן האַס צו רוסלאַנד, מיט וועלכן עס זענען אָנגעלאָדן אַלע „שדים", „דער נייער אָנגעלויף", די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן ווי זיי ווערן באַטיטלט.

רעדנדיק טאַקע וועגן רוסישן אַטעיזם, זאָגט איינער פון די שאַרפער געצייכנטע העלדן, שאַטאָוו:

„עס איז אין דעם פאַראַן אויך שנאה. זיי אַליין (די ניהיליסטן) וואָלטן געווען שרעקלעך אומגליקלעך, ווען רוסלאַנד וואָלט זיך איבערגעאַנדערשט אַפּילו לויט זייער אייגענעם ווילן. זיי וואָלטן דאָך דאַמאָלס נישט געהאַט וועמען צו האַסן, אויף וועמען צו שפייען... אין דעם איז נאָר פאַראַן אַן אומענדלעך חיהשער האַס צו רוסלאַנד, אַ האַס, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין אָרגאַניזם..."

און ווידער אַמאָל וויל דאָסטאָיעווסקי נישט באַנעמען, אַז דער „חיהשער האַס צו רוסלאַנד" באַציט זיך אייגנטלעך נאָר צום פאַרהאַסטן מלוכה־רודער מיט דער גאַנצער קאָרומפּיר־טער געזעלשאַפט, וועלכע שטיצט זי אין קאַמף געגן די צו פרייהייט שטרעבנדיקע עלעמענטן.

אַז דורכן מויל פון שאַטאָוון רעדט דאָסטאָיעווסקי גופא, ווערט קלאָר צוקוקנדיק זיך צו די האַנדלונגען און שמועסן צווישן דעמדאָזיקן געוועזענעם ניהיליסט און דעם הויפּט־העלד סטאַוו־ראָגין, וועמעס תּלמיד שאַטאָוו איז פריער געווען, לערנענדיק זיך ביי אים אַטעיזם. איצט דערשיינט שאַטאָוו אַ געבראָכענער מיט משונהדיק מיסטישע נייגונגען צו פאַנטאַסטישע חקירות איבער די זעלבע פּראָבלעמען, וועגן וועלכע סטאַווראָגין דער לערער האָט איצט אַן אַנדער מיינונג. איצט לערנט שאַטאָוו יע־נעם אַ פּרק אַטעיזם:

„איר זענט אַן אַטעיסט — טענהט שאַטאָוו צו סטאַווראָגינען — ווייל איר זענט אַ פּריץ. איר האָט פאַרלוירן דעם חלוק צווישן גוטס און שלעכטס, ווייל איר האָט אויפגעהערט צו דערקענען אייער פאָלק..."

„אָבער עס קומט אַ נייער דור גלייך פון פאָלקס האַרץ אַרויס. און איר וועט עס גאָרנישט קענען לערנען... הערט — זאָגט ער ווייטער — באַקומט אַ גאָט דורך אַרבעט. אין דעם איז דער תוך. אויב נישט וועט איר פאַרשווינדן ווי אַ נידערטרעכטיק שפּינוועבס. פאַרלאָזט אייער רייכטייט און נעמט זיך צו פּויערשע אַרבעט...״

דאָסטאָיעווסקי איז דערמיט נישט אויסן בלויז צו באַווייזן די נוצלעכקייט פון פיזישע אַרבעט אַלס אַזעלכע, אויך נישט, אַז דער חיהשער האַס צו רוסלאַנד נעמט זיך פון פּריציש-אינ-טעלעגענטישער ליידיקגייערע, „די לאַקייסטווע פון געדאַנק״ — ווי ער רופט עס אָן. דער הויפּט ציל איז דאָ, פּראָפּאַגאַנדירנדיק אַרבעט, אָפּצעווענדן דערמיט פון שרעקלעכן אַטעיזם. האָט דאָך שוין דאָסטאָיעווסקי פון לאַנג קאָנסטאַטירט, אַז עכטער גלויבן און ממילא געזונטקייט פון דער נשמה, געפינט מען אויסשליס-לעך ביים האָרעפּאַשענעם פאָלק, ביים פּויער. און דעריבער רע-קאָמענדירט ער עס סטאַווראָגינען „צו געפינען אַ גאָט דורך אַרבעט״.

וואָס שייך דעם הויפּט העלד — אויב מען קען אים אַזוי רופן — סטאַווראָגין, גיט אים אונז דאָסטאָיעווסקי אויך אָן אין-זיך פאַרשלאָסענעם, הגם דאָ און דאָרט אַרבעט ער אָפּ שדימשע שטיק, מיט וועלכע ער פּודערט אָפּ די גאַנצע געזעלשאַפט. אַזוי למשל, וויל ער צוליב אַ קאַפּריז חתונה האָבן מיט דער האַלב-משוגענער שוועסטער פון שכורן קאַפּיטאַן לעבאַקין, בלויז, כדי אויפצערודערן די געזעלשאַפט אַרום. בכלל אָבער צייכנט ער זיך אויס מיט קאַלט-בלוטיקייט, אַנטשלאָסנקייט בנוגע אַלע זיינע האַנדלונגען. זיין נשמה, ווי פאַרשלאָסן זי איז פאַר אונז, ווען מען קען נישט זען אַפילו די סבות פון זיין בייטן די איבערצייגונגען — אָטעמט פון אים פאַרט מיט דאָסטאָיעווסקי-שער אייגנאַרטיקייט. ער איז אַסך ענלעך צו איוואַן קאַראַמאַזאָוו.

בכלל, זענען סיי סטאַווראָגין סיי שאַטאָוו, ביי זייער גאַנ-צער כאַראַקטער אויסדריקלעכקייט, נישט מער ווי דער סינטעז

פון דאָסטאָיעווסקיס צווייפלען, אומקערנדיק זיך פון זיינע זוכעניש נאָך אַ גאָט, נאָך אַ גלויבן... ס'איז אַ רוסישער שטריך דאָס אַריינפאַלן אין מיסטיק, נאָכדעם ווי מען אַנטוישט זיך אין געוויסע אידעאַלן.

ענלעכע פאַקטן פון זעלבן פּראָצעס האָבן מיר איצט נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע בײַ גאַנצע קרייזן, געוועזענע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע, אַנטוישנדיק זיך אין דער רעוואָלוציע דערפאַר, וואָס זי איז אַוועק אויף וועגן סתירההדיקע צו די אָנשויגען פון די דערמאָנטע קרייזן — זענען די לעצטע איבערגעגאַנגען אין שונאס לאַגער דערקלערנדיק, אַז פון איצט אָן זענען די גרענעצן צווישן זיי מיט דער רעאַקציע באַזייטיקט...*) צייטן בייטן זיך. אָבער דאָסטאָיעווסקיס באַנעמען די כאַראַקטער-אייגנשאַפטן פון דער רוסישער נשמה בלייבט אַלץ אומדערשיטערנדיק. אין דעם איז זיין פאַרדינסט און אַקטועלקייט איבער זיין צייט און דור.

11

ס'איז שווער צו געפינען פּאָזיטיווע שטריכן אין די כאַראַקטער-אייגנשאַפטן צווישן די „שדים", צווישן „בייעם אָנגעלויף". און אַזוי האָט עס געמוזט זיין, ווען מען טרעט צו פאָרויס מיט אַ טענדענץ פון נעגאַטיוויזם. דידאָזיקע טענדענץ — ווי מיר זען — באַציט זיך סיי צום נייעם, סיי צום אַלטן נאָכשלעפּנדיקן דור, וועלכע הענגט אויף זיך אָן אידייען און מיינונגען, וואָס זענען אים אָרגאַניש פרעמד און אומנאַטירלעך, ווי מיר האָבן עס געזען ביים אַלטן סטעפאַן טראָפימאָוויטש און זיין מעצנאַטן

*) פאַרטיי סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן אויף דער עמיגראַציע.

וואַרוואַראַ פּעטראָוונאַ. אַט גיט אַפילו אַ שיין אויף אַ קליין פייערל פון פּאָזיטיווער באַציונג צו דער יוגנט מצד דער נייער גובערנאַטאָרישע יולאַ מיכאַלאָוונאַ, אַ פייערל, וואָס זעט אויס אַ ביסל מער עכט ווי די איבריקע, ווען זי זאָגט פאַרטיידיקנדיק די יוגנט:

„איך מיין, אַז מען דאַרף נישט מבטל מאַכן אונזער יוגנט. מען שרייט, אַז זיי זענען קאָמוניסטן. אָבער מען דאַרף זיי האַלטן טייער און אַכטן. איך לייען איצט אַלץ וועגן קאָמונע*) און אויך נאַטור-וויסנשאַפטן. איך האָב באַשלאָסן צו זיין צוגע-לאָזט צו דער יוגנט, כדי דערמיט גופא זיי איינצוהאַלטן אויף אַ וועג.”

„איינהאַלטן אויף אַ וועג...” די לעצטע נאָטקע פירט איבער דאָס גאַנצע ביסל „ליבעראַליזם” און אַלץ דערפאַר, וואָס מען גלויבט נישט, אַז די יוגנט איז שוין דערוואַקסן, אַליין זיך אַ וועג אויסצוקלויבן. אַזוי זעט שוין אויס דער פּאָזיטיווסטער פעדער-שטריך אינעם „שדים”-בוך...

אַחוץ די עטלעכע מער פּסיכאָלאָגישע העלדן, ווי סטאַווראָגין, שאַטאָוו, ליפּוטין און ליזע ניקאָלאַיעוונאַ, וועלכע האָט בלויז אין זיך שוואַכע שטריכן פון דאָסטאָיעווסקיס פרויען-טיפּן — זענען אַלע איבריקע בלויז עפּיזאָדן-העלדן, כדי מיט זיי צו אילוסטרירן דעם שדים-אָנגעלויף.

סוף-כל-סוף מוז מען קומען צום אויספיר:

דאָסטאָיעווסקיס רעהאַביליטאַציע צו דער וועלט פאַר זיינע ערשטע איבערצייגונגען — איז נישט געלונגען: די „שדים” האָבן נקמה גענומען פאַר דער גרינגשעצונג און באַליידיקונג. זיי האָבן באַוויזן, אַז נישט בלויז: —

„ווי איז אונז, דעם וועג פאַרלוירן,
אין פעלד אַרום אונז פירן רוחות,
אַ שפּיל ביים שד זענען מיר געוואָרן —”

---

*) דאָסטאָיעווסקי איז אַפּגעפאָרן פון אויסלאַנד גלייך נאָכן טראַגישן סוף פון דער פּאַריזער קאָמונע. שרייבנדיק דעמאָלט די „שדים”, איז ער געווען אונטערן איינדרוק, הגם אין נעגאַטיוון זינען.

און שטאָט:

„צו פירן זיי אַ שד צו קבורה" —

האָבן זיי צו קבורה געפירט אָט יענע אַלע, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו זיין גוט צו דער יוגנט, כדי זיי איינצוהאַלטן אויפן ריכטיקן וועג...

דאָס איז די נקמה פון די שדים.

X

,,מענטשן וואָלטן געהאַט דעם גן-עדן אין לעבן, ווען זיי וואָלטן נאָר פֿאַרשטאַנען, אַז אומזיסט פּייניקן זיי זיך, און אַז יעדער איינער איז שולדיק געגן צווייטן. אויפריכטיקייט ווערט שלעכט אויפגענומען און מענטשן ווילן בעסער זיך איינלעבן מיטן שקר, איידער מיטן אמת...״

(,,קאַראַמאַזאָוו״)

1

אומקערנדיק זיך קיין רוסלאַנד און נעמענדיק זיך דורכפירן זיינע גרויסע ליטעראַרישע פּלענער, פון וועלכע די „שדים״ זענען געווען דער ערשטער גרויסער דערפאָלג, האָט עס אויסגעזען, אַז דאָסטאָיעווסקיס לעבן נעמט ענדלעך אָן נאָרמאַלע פאָרמען. אמת, זיין מאַטעריעלער מצב איז אַלץ געבליבן אַ שווערער. די זאָרגן וועגן פרנסה, דאָס שרייבן אויף באַשטעלונג האָט נישט אויפגעהערט. אָבער דאָך איז אַגעוויסע נאָרמאַלירונג אין זיין לעבן יאָ פאָרגעקומען, דערמיט, וואָס ער איז געצוווּנגען געוואָרן צו בלייבן אויף איין אָרט, ווערנדיק — לויט דער באַשטימונג פון פירשט מעשטשערסקי — רעדאַקטאָר פון חודש-זשורנאַל „גראַזשדאַנין״ („בירגער״) מיט אַ לוין פון 250 רובל אַ חודש, אַ חוץ האָנאָראַר פון אַרטיקל.

דאָס איז געווען אין 1873. דער זשורנאַל איז מיט געוויסע הפסקות דערשינען, ביז 1878; נאָר אין זעלבן יאָר 1873 פאַרוויקלט זיך דאָסטאָיעווסקי אין אַ ירושה-פּראָצעס, צוליב וועלכן ער שטעלט אָן דריי אַדוואָקאַטן. דעם פּראָצעס פאַרשפילט ער.

אויך זיין רעדאַקטאָרשאַפט פאַרשאַפט אים נישט קיין רו. ער האָט אויסצושטיין פּאָליצייאישע רדיפות. לסוף ווערט ער אָנגעקלאָגט פאַר זיינס אַן אַרטיקל: „דער דעלעגאַט קירגיז אין פּעטערבורג״, געדרוקט אין נומער פינף פון 21־טן יאַנואַר, 1873.

אין אַ בריוו פון פּעטערבורג פון 12־טן יוני 1873, שרייבט ער זיין פרוי וועגן פּראָצעס:

„נעכטן איז מיין פּראָצעס פאָרגעקומען. כ׳בין פאַרמשפּט אויף 25 רובל שטראָף און צוויי טעג אַרעסט״.

סיי־ווי, זיין רעדאַקטאָרשאַפט האָט אים צוגעהאַלטן אין פּעטערבורג, בעת זיין פאַמיליע איז געבליבן אין סטאַ־ראַיאַרוסאַ.

די געגאַרטע רו איז נישט געקומען.

איין יאָר שפּעטער פאַרערגערט זיך ווידער זיין געזונט־צושטאַנד און ער איז געצוווּנגען ווידער צו פאָרן קיין אויסלאַנד זיך קורירן.

אין יוני 1874 פאָרט ער אָפּ קיין עמס, אָבער פריער, דעם 16־טן יוני, שרייבט ער אין אַ בריוו צו זיין פרוי וועגן אַ ליטעראַרישן ענין צו יענער צייט:

„כ׳בין געווען ביי סטראַכאָוון, כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז טורגעניעוו באַשליסט צו בלייבן אין רוסלאַנד אַ גאַנץ יאָר, כדי צו שרייבן זיין ראָמאַן: „בתולה־ערד״, אין וועלכן ער וועט פאַרשטעלן אַלע רעאַקציאָנערן (מיך אויך...)״

צוויי חדשים האָט דאָסטאָיעווסקי פאַרבראַכט אין עמס אויף קוראַציע. דורך דער צייט האָט ער געהאַט אַן ערנסטן עפּילעפּטישן קריזיס (דעם 10־טן יולי), בעת ער האָט געאַרבעט איבער זיינע ווייטערדיקע ליטעראַרישע פּלענער. ער האָט זיך אַ ביסל אויסגעהיילט, און אין אָנהויב אויגוסט קערט ער זיך ווידער צוריק קיין רוסלאַנד.

2

נאָר זיין לאַגע האָט זיך אַלץ מער פאַרערגערט.

אין איינעם פון דאָסטאָיעווסקיס טאָג-בוך-העפטן, געשריבן אין אויסלאַנד, געפינען מיר אַ גאַנצע ליסטע מיט דאַטעס פון זיינע עפּילעפּטישע קריזיסן, וועלכע האָבן זיך אין משך פון 1873 ביז 1876 אַ סך מאָל איבערגעחזרט. אַזוי, למשל, זענען אין 1873 געווען קריזיסן: דעם 20-טן אַפּריל, 4-טן יוני, 1-טן אויגוסט, 3-טן נאָוועמבער, 19-טן דעצעמבער און 27-טן דעצעמבער. אין 1874: — 28-טן יאַנואַר, 16-טן אַפּריל, 23-טן מאַי, 27-טן יוני, 9-טן יולי, 24-טן יולי, 8-טן אָקטאָבער, 18-טן אָקטאָבער און דעם 28-טן דעצעמבער אכט אינדערפרי, ליגנדיק אין בעט. דאָס איז געווען איינער פון די שטאַרקסטע קריזיסן. דער קאָפּ האָט זיך שטאַרק געוואָרפן, דאָס פּנים איז געווען אין בלוט״.

אין 1875 זענען געווען קריזיסן: דעם 4-טן יאַנואַר, 21-טן יאַנואַר און דעם 8-טן אַפּריל. ס׳איז געווען אינמיטן נאַכט האַלב איינס אַזייגער. „כ׳האָב געפילט נאָך אין אָוונט, אַז עס קומט אָן. כ׳האָב מיר גענומען צוגרייטן אַ ציגאַרעט און געזעצט זיך שרייבן עטלעכע זייטלעך. כ׳דערמאָן זיך, אַז איך בין געפאַלן אינמיטן צימער, גייענדיק. כ׳בין געבליבן ליגן פערציק מינוט. איך דערמאָן זיך נישט, ווי אַזוי ס׳איז געשען, וואָס כ׳האָב געהאַלטן אַ פעדער אין דער האַנט. מיט דער פעדער האָב איך געקראַצט מיין ציגאַרן-טאַש, כ׳האָב מיך פאַרווונדעט. אין די נאַכט איז די לבנה געווען פול. דער קאָפּ האָט זייער ווי געטאָן, כמעט אַ גאַנצע שעה נאָכן קריזיס. איך שרייב דאָס, בעת די ווערטער ברייען מיך. די שרעק פאַרן טויט הויבט אָן אַריבערגיין. אָבער זי איז נאָך גענוג גרויס. כ׳האָב מיך נישט גע-

לייגט. מיר טוען ווי די זייטן און די פיס. פערציק מינוט שפע־
טער בין איך געגאַנגען וועקן איוואַנאַן״...

דערדאָזיקער מצב, די אָפטע קריזיסן האָבן נאַטירלעך פאַרשטאַרקט זיין אַזוי אויך אינסטינקטיווע מורא פאַרן טויט. זיי האָבן אויך געצווונגען, אַז זיינע רייזעס קיין אויסלאַנד קו־רירן זיך, זאָלן זיך איבערחזרן אין משך פון עטלעכע יאָרן. אַזוי איז ער אין 1875 ווידער געווען אין עמס, פאַרבראַכט דאָרט פון סוף מאַי, ביז מיטן יולי. דורך דער צייט איז ער ווידער, ווי ביי זיינע אַלע רייזעס, געווען פאַרנומען מיט ליטע־ראַרישע פּלענער, בפרט איצט, ווען אין זיין מוח האָט זיך שוין פאָרמירט זיין קרוין-ווערק: „די ברידער קאַראַמאַזאָוו״. אין זיינע בריוו רעדט ער אַלץ מיט מורא פאַר זיינע קריזיסן, וועלכע שטערן אים צו דער אַרבעט. ס׳האָבן זיך אַפילו פאַר־שפּרייט ידיעות אין דער רוסישער פּרעסע, איבערגענומען פון דער אויסלענדישער, וועגן דאָסטאָיעווסקיס ערנסטן געזונט־מצב. וועגן דעם דערציילט פרוי דאָסטאָיעווסקי אין אירע זכרונות:

דעם 23-טן יוני האָב איך געקריגן אַ בריוו פון פּעטער־בורג, אין וועלכן מען אינפאָרמירט מיך, דאָס אין די „פּעטער־בורגער נייעסן״ איז געמאָלדן, אַז דאָסטאָיעווסקי איז געווען ערנסט קראַנק. נישט גלויבנדיק דעם בריוו, בין איך געלאָפן אין דער פאַרוואַלטונג פון די בעדער צו זוכן אָרטיקע צייטונ־גען. און אין נומער 159 האָב איך געפונען פאָלגנדיקן נאָטיץ:

„מיר דערוויסן זיך, אַז דער באַקאַנטער שרייבער פ. מ. דאָסטאָיעווסקי איז ערנסט קראַנק״.

דאָס האָט באַוועגט פרוי דאָסטאָיעווסקי צו שיקן אַ טע־לעגראַמע צו איר מאַן. אין אַן אויספירלעכן בריוו באַרויִקט איר דאָסטאָיעווסקי פאַרזיכערנדיק, אַז זיין קוראַציע קומט גיך צום סוף, און אַז ער פאָרט צוריק קיין רוסלאַנד.

אָבער אין אַ יאָר אַרום — יולי, 1876 — געפינען מיר דאָסטאָיעווסקין ווידער אין עמס. אין איינעם פון זיינע בריוו —

דעם 2-טן אויגוסט 1876 — באַשרייבט ער דעם מצב פון זיין קראַנקהייט לויט זיין דאָקטאָרס דערקלערונג: דער מאָגן איז ביי אים אַ ביסל פּאַראַליזירט און ס׳קען ווען עס איז קומען אַן אַפּאָפּלעקסיע... ס׳בלייבט אים נישט מער, ווי רעגולער צו טרינקען דאָס פאַרשריבענע וואַסער...

דאָס איז אַגב געווען נאָך אַ קריזיס מיט צוויי נעכט פריער, אַלס סיבה — פון אַ שלעכטן חלום. וועגן דעם שרייבט ער:

„מיר האָט זיך געחלומט, אַז כ׳האָב דיך אָנגעווירן... מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט דיין גאַנץ לעבן מיט מיר... דער קאָשמאַר האָט זיך שוין געצויגן ביי מיר אַ גאַנצן טאָג דערנאָך. אַ גאַנצן טאָג האָב איך געטראַכט וועגן דיר. פאַרפעל מיר נישט צו שרייבן, צי ביי אייך איז גאָרנישט פאָרגעקומען דעם 30-טן אָדער 31-טן? די לעצטע נאַכט, אַרום פינף פאַרטאָג, אויפהויבנדיק זיך, האָב איך מיך נישט געקענט האַלטן אויף די פיס און בין געפאַלן. דאָס האָט געדויערט דריי מינוט. שפּעטער האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ און אַזוי אַ גאַנצן טאָג״.

דער פאַקט מיט דעם חלום, וואָס איז אַגב נישט געווען דער איינציקער, איז גענוג כאַראַקטעריסטיש. אָט דער אופן פון גלויבן איז געווען איינער פון זיינע כאַראַקטער-שטריכן; ער איז געווען אָפּהענגיק פון זיין אינסטינקטיוון מיסטיציזם, וואָס האָט באַהערשט זיין נשמה.

3

דאָסטאָיעווסקי איז נישט פריי געווען פון קנאה צו אַנדערע קינסטלער אין זיין צייט, וועלכע האָבן געהאַט מער דערפאָלג, אויב נישט ליטעראַריש, איז—מאַטעריעליש. אַזוי, למשל,

האָט ער שטאַרק מקנא געווען טורגעניעוון און איבערהויפּט טאָלסטאָי, וועלכער פלעגט פאַר זיינע ווערק קריגן באַדייטנדיק גרעסערע האָנאָראַדן ווי דאָסטאָיעווסקי.

אָט קלאָגט זיך דאָסטאָיעווסקי פאַר זיין פרוי אין אַ בריוו פון 20-טן דעצעמבער 1874:

„האָסט אפשר געהערט, אַז טאָלסטאָי האָט פאַרקויפט אין „רוסקי וויעסטניק" זיין ראָמאַן „אַננאַ קאַרענינאַ", פערציק בויגן. דאָס דרוקן הייבט זיך אָן אין יאַנואַר (1875). ער קריגט מיט פאַרגעניגן פינפהונדערט רובל אַ בויגן, ס'הייסט צוואַנציק טויזנט רובל, אין דער צייט, ווען מיר דעצידירט מען זיך קוים צו צאָלן צווייהונדערט און פופציק רובל אַ בויגן".

אין דעם איז פאַראַן נישט בלויז מענטשלעכע שוואַכקייט, נאָר דער ווייטיק פון אַ קינסטלער, וועלכער פילט, אַז ער איז נישט קלענער ווי אַ צווייטער און ווערט דאָך נישט גלייך באַהאַנדלט... און אפשר איז בכלל שולדיק די מאַטעריעלע לאַגע, וועלכע האָט אַזאַ ריז ווי דאָסטאָיעווסקי גענויטיקט שטענדיק געפּראַכט צו מענטשלעכע קליינלעכקייטן, אין דער צייט, ווען טאָלסטאָי און טורגעניעוו, וועמענס מאַטעריעלער מצב איז תמיד געווען אומפאַרגלייכלעך בעסער און פעסטער, זענען דאָך אַ סך בעסער באַלוינט געוואָרן פאַר זייערע ליטעראַרישע אַרבעטן. דאָס לעבן איז תמיד קאַפּריזנע און אומגערעכט דאָרט ווו עס דאַרף זיין גערעכט.

אויך דאָסטאָיעווסקיס פרוי באַרירט די דאָזיקע פראַגע אין אירע זכרונות פון יאָר 1871. זי שרייבט:

„דער האָנאָראַר-אונטערשיד צווישן דאָסטאָיעווסקין און אַנדערע שרייבער, האָט מיין מאַן טיף פאַרשעמט. אין דער געזעלשאַפט און אין דער ליטעראַרישער וועלט מאַכט מען אַן אונטערשיד צווישן דאָסטאָיעווסקין און אַנדערע שרייבער, ווי טורגעניעוו למשל. מען זאָגט, אַז דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַנען זענען פינצטער און צונויפגעפּלאָנטערט אַ סך ראָמאַנען אויף איין מאָל*) און דער צייט, ווען יעדע זאַך טורגעניעווס איז אַ קונסט-

*) דאָס איז סטראַכאָווס מיינונג.

צירונג. מען גיט זיך אָבער זעלטן אָפּ אַ רעכנונג וועגן די באַדינגונגען, אין וועלכע ביידע שרייבער האָבן געלעבט און געאַרבעט. טורגעניעוו — אַ רייכער מענטש, דערצו אַ גוט באַלוינטער פאַר זיין אַרבעט, נישט אָפּהענגיק פון קיינעם, האָט געהאַט גענוג צייט צו טראַכטן און באַאַרבעטן זיינע ווערק. ער האָט ביז פינף מאָל איבערגעשריבן, קאָרעגירט און קאָמפּלעטירט זיינע ווערק, און כדי נישט צו פאַרלירן קיין מאַנוסקריפּט, פלעגט ער דריי עקזעמפּלאַרן באַהאַלטן אין דריי בענק... דאָסטאָיעווסקי אָבער איז געווען אַ מענטש מיט צוויי ערנסטע קראַנקהייטן: עפּילעפּסיע און אַסטמע, האָבנדיק דערצו אַ גרויסע פאַמיליע, פאַרבאָדן אין חובות. זייענדיק תּמיד פאַרדאגהט וועגן פּרנסה, האָט ער אין אַזעלכע באַדינגונגען געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַלירן זיינע ווערק? וויפל מאָל האָט פּאַסירט, אַז צוויי קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן זענען שוין געווען געדרוקט, דאָס דריטע — אָוועקגעשיקט אין „רוסקי וויעסטניק״ און דאָס פערטע — בלויז פאַרטראַכט. וויפל מאָל, רעדאַקטירנדיק די שוין געדרוקטע קאַפּיטלען פון זיין ראָמאַן, האָט דאָסטאָיעווסקי קלאָר געזען די פעלערן און זיך איבערצייגט, אַז ער האָט קאַליע געמאַכט זיין ווערק.

„ווען מען וואָלט געקאָנט צוריקכאַפּן — האָט ער געזאָגט — ווען מען וואָלט געקאָנט קאָרעגירן... איך זע איצט, פאַרוואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן מיין ראָמאַן, פאַרוואָס ס'איז צו נישט געוואָרן מיין אידייע״.

„ס'איז געווען — דערציילט ווייטער פּרוי דאָסטאָיעווסקי — אַ גרויסער ווייטיק, דער ווייטיק פון אַ קינסטלער, וועלכער זעט זיין טעות שוין נישט צום פאַרריכטן. צום באַדויערן האָט ער צו דעם קיינמאָל נישט געהאַט די מעגלעכקייט. מ האָט געדאַרפט געלט צו לעבן, צו צאָלן חובות. הגם ער איז תּמיד געווען קראַנק, פלעגט ער פונדעסטוועגן אויף מאָרגן נאָך אַ קריזיס דאַרפן אַרבעטן, צוצואיילן, נישט איבערליינענדיק צומאָל דעם מאַנוסקריפּט, כדי נישט פאַרשפּעטיקן אָוועקצושיקן צו דער באַ-

שטימטער צייט און קריגן ווי אמגיכסטן געלט.

„קיינמאָל אין זיין לעבן (חוץ „אָרעמע מענטשן”), האָט דאָסטאָיעווסקי נישט געקענט שרייבן אַ ווערק אומגעשטערט. תמיד נאָכן באַאַרבעטן דעם פּלאַן אין זיינע דעטאַלן, איז שוין נישט געווען קיין צייט צו פאַרלירן. דער גורל האָט נישט אי־בערגעלאָזט קיין גליק פאַר דאָסטאָיעווסקין. און דאָך איז געווען זיין טייערסטער חלום צו האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרלירן זיינע ווערק.

„יאָ, די אייביקע אָרעמקייט, דאָס נישט האָבן די באַדער־פעניש, איז געווען אַ גרויס אומגליק אין אונזער לעבן. אין דער צייט ווען טורגעניעוו, אַ רייכער, האָט געוווסט, אַז איבער זיינע ווערק וועט מען זיך רייסן און ער וועט נאָך קריגן פינף־הונדערט רובל אַ בויגן — איז דאָסטאָיעווסקי, תמיד אָן געלט, געווען געצוווּנגען כמעט זיך איינצובעטן מיט זיינע ווערק. ער האָט דאַריבער געמוזט נעמען ביליקער. למשל: פאַר „פאַרברעכן און שטראָף”, „אידיאָט” און „שדים” האָט ער געקריגן צו הונ־דערט און פופציק רובל פאַר אַ בויגן, נאָר בלויז פאַר „קאַראַ־מאַזאָוו” — צו דרייהונדערט רובל דעם בויגן. דערצו איז נאָך געווען אַ זאָרג, קוים וועט „רוסקי וויעסטניק” — וועלכער פלעגט פאַרעפנטלעכן די מערסטע זיינע ראָמאַנען — צוליב קליינִיקייטן, ווי למשל: טאָמער איז שוין דאָ אַ ראָמאַן פון אַ צווייטן — נישט וועלן נעמען זיינע ראָמאַנען. דאָסטאָיעווסקי איז געווען צעטומלט: וואָס טוט מען דערווייל מיט פרנסה, ביז דער ראָמאַן וועט דערשיינען?

„יאָ, דאָסטאָיעווסקי האָט געהאַט אומגליקלעכע יאָרן — פאַרענדיקט פרוי דאָסטאָיעווסקי איר פאַרטיידיקונג לטובת איר מאַן — און מען מוז זיך וווּנדערן, וואָס זיינע ראָמאַנען זענען אַרויסגעקומען ווי זיי זענען.

„מיט ווייטיק אין האַרצן דערמאָן איך זיך, ווי מיין טייערער מאַן פלעגט זיך מוזן אָפּזאָגן פון זיינע קלענסטע באַדערפעניש.

„אָפּט, ווען ער איז געווען פאַרנומען מיט דרינגנדיקע אַרבעט, און הערנדיק וועגן אַ וויכטיקן קאָנצערט, האָט דאָסטאָיעווסקי מיר געזאָגט: „אָט, אננאַ, איך וועל ענדיקן די אַרבעט, וועלן מיר גיין זען דעם קאָנצערט". אָבער, ווען ס'איז געקומען צום גיין פלעג איך זאָגן: „גיי אַליין" (כּדי איינצושפּאָרן געלט). ער אָבער פלעגט זאָגן אַמאָל מיט טרויער, אַמאָל מיט געפאַלנקייט: „אַלעמאָל זאָגסטו זיך אָפּ"! און דאָך וואָלט איך אויך געוואָלט זיך אַמוזירן און האָבן פרישע איינדרוקן"...

אַזוי פאַרענדיקט פרוי דאָסטאָיעווסקי און זי איז גערעכט. די זאָרג וועגן פּרנסה האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, אַפילו קורירנדיק זיין געזונט אין אויסלאַנד. צווישן אַ סך בריוו וואַרפן זיך דורך אָט די זאָרגן. אין איינעם פון זיינע בריוו, דעם 5-טן אויגוסט 1876 פון עמס, וועלכער איז פול מיט באַשרייבונגען וועגן זיין עלנטקייט אין דער פרעמד און דורכגעזאַפּט מיט ליבע און בענקשאַפט צו זיין פאַמיליע — שרייט ער אויס מיט זאָרג:

„אננאַ, וואָס טוט מען, כּדי עפּעס צו פאַרדינען? דו שרייבסט מיר מיט דיינע פּשוטע פראַזן, אַז מיר זענען קאַפּריזנע מענטשן: „צען יאָר זענען פאַרביי און מיר ליבן זיך אַלץ מער און מער." מיר וועלן — זאָג איך — לעבן נאָך צוואַנציק יאָר און ס'וועט זיין דאָס אייגענע"...

אין זעלבן בריוו טרייסט ער זיך, אַז די פינפהונדערט רובל פון זיין רייזע וועלן אים שפּעטער אַריינברענגען פינף טויזנט און ער קלאָגט זיך, אז ער האָט זייער ווייניק צייט צו שרייבן און איבערצושרייבן.

דאָ האַנדלט זיך וועגן זשורנאַל: „טאָגבוך פון אַ שרייבער", וואָס ער האָט דאָס יאָר — 1876 — אָנגעהויבן אַרויסגעהויבן אַרויסגעבן, זייענדיק גלייכצייטיק אי רעדאַקטאָר, אי מיטאַרבעטער און — אַרויסגעבער.

די אַרבעט האָט אים שטאַרק באַשעפטיקט, אַפילו בעת דער קוראַציע, וועלכע ער האָט געמוזט איבעררייסן, נישט קע-

געגדיק בלייבן נאָך זעקס וואָכן אין עמס. „ס'איז אוממעגלעך צו בלייבן זעקס וואָכן צוליבן זשורנאַל" — שרייבט ער אין אַ בריוו פון 14-טן אויגוסט 1876. און דעמזעלבן חודש איז ער צוריקגעפאָרן קיין פעטערבורג.

„אין סוף 1874 פאַרמאַכט דאָסטאָיעווסקי דעם „טאָגבוך פון אַ שרייבער", צוזאָגנדיק אים שפּעטער צו באַנייען. דאָס געשעט אָבער קיינמאָל נישט, אַ חוץ איין נומער, וואָס איז דערשינען דעם טאָג פון זיין קבורה.

דאָס אָפּשטעלן דעם זשורנאַל איז געווען פאַרבינדן מיטן אַרבעטן איבער זיין לעצטן גרויסן ראָמאַן „די ברידער קאַ-ראַמאַזאָוו".

4

אין יוני 1878 איז דאָסטאָיעווסקי ווידער אין מאָסקווע.

ער האָט דאַמאָלס געהאַלטן אין ענדיקן „די ברידער קאַ-ראַמאַזאָוו" און פאַרהאַנדלט וועגן דרוקן אין „רוסקי וויעסטניק", דעם 22-טן יוני שרייבט ער צו זיין פרוי:

„כ'בין היינט געווען ביי קאַטקאָוון. ער איז זייער צו-פרידן און באַשטימט דרייהונדערט רובל אַ בויגן. ס'איז נאָך אָבער נישט באַשטימט צי מיין ראָמאַן וועט זיין געדרוקט אין „רוסקי וויעסטניק". ערשט אין אָקטאָבער וועט מען וויסן. קאַט-קאָוו האָט מיר אַליין פאָרגעשלאָגן אַן אַוואַנס: צוויי טויזנט רובל איצט און צוויי טויזנט אין אָקטאָבער, אָדער סוף סעפּ-טעמבער. מיט איין וואָרט, איך דערצייל אַלץ מיט גוטן מוט".

דעם 8-טן נאָוועמבער שרייבט ער, אַז קאַטקאָוו האָט אים גוט אויפגענומען, אַפילו זייער ליבלעך. ער האָט געהייסן אי-

בעת־פאָזן דעם מאַנוסקריפּט און קומען אין עטלעכע טעג אַרומדערווייל איז קאַטקאָוו ערנסט קראַנק געוואָרן און נישט געקענט באַשטימען וועגן ראָמאַן.

בכלל גענומען איז אַפּנים די לעצטע עטלעכע יאָר, זינט דאָסטאָיעווסקיס רייזע קיין אויסלאַנד אין 1876, אַריינגעטראָטן אַ געוויסע בּעסערונג אין זיין געזונט, צוליב וועלכן ער איז נישט געפאָרן קיין אויסלאַנד. אָדער מעגלעך האָבן אים די ליטעראַרישע אַרבעטן געשטערט, הויפּטזעכלעך דאָס שרייבן „קאַראַמאַזאָוו".

אַ פאַקט איז, אַז קיין אויסלאַנד איז ער נישט געפאָרן ביז אָנהויב אויגוסט 1879, ווען מיר טרעפן אים ווידער אין עמס. און ווידער זענען זיינע בריוו פול מיט ליטעראַרישע פּלענער און מיט זאָרגן. ער האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט „קאַראַמאַזאָוו" און עס איבערגעשריבן. ער האָט אויף דעם געלייגט גרויסע האָפענונגען, הגם דער פּחד פאַרן טויט האָט זיך נאָך שטאַרקער אַרויסגעריסן פון אונטער זיין אונטערבאַוווסטזיין אויף דער אויבערפלאַך. זיינע בריוו זענען איצט טראַגישער, אַ געמיש פון פּחד פאַרן טויט און — גליענדיקע האָפענונג אויף דער קרוין פון זיין לעבנס־אַרבעט.

אָט וואָס ער שרייבט צווישן אַנדערעס אין זיין בריוו פון עמס דעם 25-טן אויגוסט 1879 צו זיין פרוי:

„איר אַליין, מיין טייערע, טראַכט וועגן מיין טויט (איך טראַכט ערנסט) און וועגן דער לאַגע. איך וועל לאָזן דיך און די קינדער. אַלע גלויבן, אַז מיר פאַרמאָגן געלט, נאָר מיר פאַרמאָגן גאָרנישט. איצט האָף איך אויף „קאַראַמאַזאָוו", ער דאַרף זיך גוט ענדיקן. די פאָרם — ווי אַ צירונג, און ס׳איז אַ זאַך אַ זייער שווערע און ריזיקאַלישע. ס׳איז אָבער אַ הויפּטווערק, וואָס דאַרף פאַרפעסטיקן מיין נאָמען. אַנדערש איז נישטאָ קיין האָפענונג. כ׳האָב געענדיקט מיין ראָמאַן און צום סוף יאָר וועל איך אַנאָנסירן דאָס אַבאָנאַמענט און מיטן געלט פון אַבאָנאַמענט, וועל איך קויפן ערד־אייגנטום און אַרויסגעבן דעם

זשורנאל („טאָגבוך פון אַ שרייבער״). אַנדערש וועלן מיר קיינ־מאָל גאָרנישט האָבן״.

כאַראַקטעריסטיש איז אין זעלבן בריוו דאָסטאָיעווסקיס באַגרינדונג וועגן דער נויטיקייט פון ערד־אייגנטום:

„ערד איז אַ פעסטער קאַפּיטאַל. ווער ס׳באַזיצט ערד, דער טיילט זיך מיט דער מלוכה־מאַכט. ס׳איז אין דער צוקונפט פון די קינדער צו האָבן ערד, כדי צו זיין אומאָפּהענגיקע בירגער״ *).

ער איז אַלץ מער אַריינגעפאַלן אין מרה־שחורה.

עטלעכע טעג שפּעטער, דעם 28־טן אויגוסט 1879 שרייבט ער:

„איך בין כסדר מרה־שחורהדיק. מיר חלומט זיך בלויז שלעכטע זאַכן און טיף טרויעריקע. כ׳האָב שוין פאַרגעסן ווי צו רעדן און דעריבער אָנגעהויבן רעדן צו זיך אַליין אויפן הויכן קול... שוין פיר וואָכן נישט געהערט מיין אייגענע שטימע״...

אין מיטן סעפּטעמבער איז דאָסטאָיעווסקי ווידער אָפּגע־פאָרן קיין מאָסקווע.

דאָס איז שוין געווען זיין סאַמע לעצטע צוריקרייזע פון אויסלאַנד. דאָס לעבן פון קראַנקן גייסטיקן ריז האָט זיך רוישיק דערנענטערט צום סוף. ס׳איז אים נאָך באַשערט געווען דער לעצטער אויפשווונג, דער לעצטער גלאַנץ פון אַ שטערן פאַרן פאַרשווינדן אין דער אייביקייט. ס׳איז אים פאַרגעשטאַנען די לעצטע גרויסע פרייד פון אַ קינסטלער, — זיין קרוין־ווערק „די ברידער קאַראַמאַזאָוו״, וואָס האָט זיין אומשטערבלעכקייט שוין פאַרזיגלט.

---

*) נאָך אין יאָר 1876 האָט דאָסטאָיעווסקי געקויפט אַ קליין הייזל אין סטאַראַיאַ־רוסאַ, וווּ זיין פאַמיליע האָט זיך באַזעצט.

5

ביי זיין גאַנצער אוניווערסאַלער גרויסקייט אַלס פּסיכאָלאָגישער קענער פון דער מענטשלעכער נשמה, איז דאָסטאָיעווסקי דאָך דורך און דורך געבליבן דער מייסטער פון דער ספּעציפיש-רוסישער נשמה-דערקענטניש, דער, וועמעס ווערק שפּיגלען אָפּ אויף דעם מערקווירדיקסטן אופן די פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטער-אייגנשאַפטן פונם רוסישן פאָלק.

און דעריבער, ווען די פּראָבלעמען, אידייען און געדאַנקען, וועלכע שפּרודלען אין דאָסטאָיעווסקיס אַלע ווערק, זענען מערסטנס אַלגעמיין-מענטשלעכע, זענען אָבער יענע טיפּן, די לעבעדיקע מענטשן, דורכאויס רוסישע: סיי זיינע פאַרברעכער, סיי זיינע הייליקע — אַלע זענען כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר דער רוסישער פאָלקס-נשמה און זענען אַבסאָלוט פרעמד דעם מערב-אייראָפּייער. סיי דער פאַרברעכער ראַסקאָלניקאָוו, סיי דער „סטאַרעץ" זאָסימאָ — ביידע זענען לויט זייער אינדיווידועל-גייסטיקן מהות, פרעמד דעם צופיל ראַפינירטן, אויסגעחשבונטן מערב-אייראָפּייער, וועמעס לעבן ס'פּולסירט נישט אַזוי פּשוט, ווי דער רוסישן פאָלקס מענטשנס.

דעם אייראָפּייער מיט זיינע שאַבלאָנע באַגריפן וועגן עטיק און מאָראַל, איז פרעמד די ברייטקייט און פרייקייט פון דער רוסישער נשמה, פון יענעם בראָדיאַגע, וועלכער באַצווינגט נישט זיינע געפילן, לאָזט קומען צום אויסדרוק אַלע וויברירונגען, וואָס דאָס לעבן רופט אַרויס. ווי אַזוי וועט דער מערב-אייראָפּייער קוקן אויף אַ מענטש, וואָס שעפּט פון לעבן אומגעקאַרגט פולע הויפנס, אַרומאָרמענדיק די וועלט מיט ליבשאַפט און בשמחדיקייט; אָדער — ער טרינקט זיך גאָר אָן ביז צום

פאַרגעסן זיך, אין מאָמענט פון נשמה־טרויער? פרעמד זענען אַזעלכע געפילן און אימפּולסן דעם ראַפינירטן אייראָפּייער, דעם בירגערלעך - זאַטן אומצופרידענעם פיליסטער, וועמעס געפיל ס׳פליסן לויטן שאַבלאָנעם סאַלאָן־שולחן־ערוך; דעם פיליסטער, וועמעס יעדע וואָרט ווערט געוויגן און געמאָסטן; ווו אַלץ איז קינסטלעך, ווו אונטער אַלץ ליגט בולטע צביעות, וואָס מען באַמיט זיך צו פאַרשלייערן... אָט אויף אַזויפיל איז דאָס אַלץ פרעמד דעם פרימיטיוו־נשמהדיקן, ברייטהאַרציקן רוסישן פאָלקסמענטש, ביי וועמען דער פלעגמאַטישער „ניטשעוואָ״ פאַרענטפערט אַ סך, אַ סך... און ווער נאָך, ווי דאָסטאָיעווסקי האָט געקענט אַזוי אַלזייטיק אַרומנעמען און זיך אַראָפּלאָזן ביז אין די טיפסטע אָפּגרונטן אין דער נשמה־אייגנאַרטיקייט פון זיין פאָלק?

דאָסטאָיעווסקין איז גוט באַקאַנט זיין פאָלק, וואָס איז פאַרשקלאַפט צו זיינע הע״שער און באַדריקער, אין געשטאַלט פון מלוכה און קירכע; ס׳איז אַ פאַרשקלאַפונג מיט גוף און נשמה ווי קיין שום פאָלק אין דער וועלט איז עס נישט. דאָס אַלץ לייגט אַזאַ בולטן חותם אויף זייער לעבן, צולאָזנדיק דעם איינדרוק, וואָס עס שאַפט זיך ביי אַנדערע, אַז אָט דאָס רוסישע פאָלק מיט זיין פרימיטיווער פאַרגרעבטקייט, איז לגמרי נישט פעיִק אויף בונטע פילפאַרביקייט פון נשמה־וויבראַציעס און אינערלעכער פרייקייט, וואָס איז תמיד גובר די אויסערלעכע פאַרשקלאַפונג. דאָסטאָיעווסקי זעט, אַז זיין פאָלק, ווי קיין שום אַנדערס — פאַרמאָגט אין זיך דעם קאָנטראַסט פון העכסטער דערהויבונג פון מענטשלעכן גייסט, ביז היהשער געפאַלנקייט פון אַ פאַרשקלאַפטן הונט. איז זיין אויפּגאַבּע טאַקע צו באַווייזן אונז דאָס, וואָס ליגט אונטערן באַוווסטזיין פון פאָלק, דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט בויגן דורך אויסערלעכער פאַרשקלאַפונג, און ער שטעלט אונז פאָר דעם רוסישן מענטש, ווי ער איז, מיט יעדן ציטער פון זיין נשמה, מיט יעדן קנייטש פון זיין אי ך, וואָס בלייבט פאַר זיין אויג נישט פאַרבאָרגן.

6

מיר האָבן געזען, ווי דאָסטאָיעווסקי דערפירט דאָס פּראָבלעס פון ליידן ביים רוסישן פאָלק צו אַ קולט; ליידן לשם ליידן, צוליב עפּעס אַ מיסיע, וואָס דאָס רוסישע פאָלק דאַרף אויספירן אויף דער וועלט.

און דאָ קומען מיר צום צווייטן הויפּט-שטריך פון דער רוסישער נשמה: אמונה, גלויבן אין דער געטלעכקייט און אין דער שפלדיקייט פונם מענטש, וואָס דאָס גיט דער קירכע די אומבאַגרענעצטע הערשאַפט איבער דער נשמה פון פאָלק. דערפאַר איז אַזוי נאַטירלעך זיין אַלזייטיקן שילדערן פאַר אונז דעם הייליקן זאָסימאַ אין „קאַראַמאַזאָוו״, דעם אַפּאָסטאָל פון רעליגיעזער גייסטלעכקייט, אַרום וועלכן דאָס פאָלק וועבט איר לעגענדן-נעץ. ס׳איז גרויס דער פאָלקס-דורשט נאָך אַ נס פון איבערנאַטירלעכקייט. דידאָזיקע מאַטעריע, דער אומבאַשטרייטנדיקער פאָלקס-גלויבן, אַז דער „סטאַרעץ״ איז באמת בכוח צו היילן אַלערליי קראַנקע, וואָס רינגלען אים אַרום, לעכצנדיק נאָך הילף — אָט די מאַטעריע איז אַ זייער איידעלע, און דאָסטאָיעווסקי ווענדט דאָ אָן גענוג פאָרזיכטיקייט ביים שילדערן אונז די אַלע פּרטים פון „סטאַרעצס״ טעטיקייט. פּאַמעלעך און איידל שיילט ער אַראָפּ דעם שפּינוועב-שלייער פון די אַלע „ניסים״ און מיר דערזען, אַז דער הייליקער פאָטער היילט די קראַנקע נישט מיט שווינדל אָדער שוואַרץ-קינסטלעריי און נישט מיט כיטרעקייט.

ס׳איז בלויז דער כוח פון זיין סוגעסטיע איבער די מאַסן, וועלכע גלויבן, אַז ער איז בכוח זיי הילף צו ברענגען. און דער כוח פון סוגעסטיע העלפט אַ סך מאָל פאַרצווייפלטע ג וויביקע... נישטאַ — מיינט דאָסטאָיעווסקי — קיין שטאַרקערער

כוח, ווי גאַנצקייט פון נשמה־גלויבן. אַ סך העלפט דעם „סטאַ־רעץ” אין זיין אַרבעט דער פאַקט, וואָס פון לאַנגער פּראַקטיק איז ער אַ געניטער מענטשן־קענער. ער קען זיין מאָסע, ווייסט זייערע נויטן און פּאַסט זיך צו צו זייערע באַדערפעניִשן, אַזוי אַז יענע באַקומען דעם איינדרוק, אַז ער איז אַ מלאך.

אָט די דערמאָנטע אייגנאַרטיקייט פון רוסישן פאָלק, דאָס נישט קענען פון זיך אויסטון דעם גלויבן אין ניסים, מאַכט דעם „סטאַרעץ” זאָסימאַ פאַר דעם סימבאָל פון יענעם כּוח, וואָס איז נישט נאָר אומפאַרמיידלעך אין געגעבענעם פּסיכישן מצב פון רוסישן פאָלק, ביים אָריענטירן זיך אין לעבנס־דערשיינונ־גען, — נאָר איז אפשר אויך אַן אומפאַרמיידלעכע דערשיינונג אין אַלגעמיין מענטשלעכן זיין.

סוף־כּל־סוף מוז מען קאָנסטאַטירן, אַז דאָס באַפרייען זיך פון דער אמונה אין דער געטלעכקייט, ריכטיקער: פון אונטערן יאָך פון רעליגיעזן גלויבן, איז אַ שווערער און לאַנגדויערנדיקער פּראָצעס ביי אַלע פעלקער. צו די ברייטסטע פאָלקס־שיכטן ווערט עס אפשר קיינמאָל נישט דערגיין, צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס זיי זענען אומפעיק צו טראַכטן. זיי נעמען איבער קאַנאָני־זירטע באַגריפן און שרעקן זיך תּמיד זיי אָוועקצוואַרפן. און קלאָר איז פאַרט, אַז כּדי צו באַפרייען זיך פון אמונה, מוז מען טראַכטן, מוז מען באַנוצן דער אינדיווידועלן קריטעריום און דערצו זענען די פאָלקס־מאַסן נישט דערוואַקסן. בלויז קלענערע שיכטן פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ דערהויבן זיך, כּדי באַפרייט צו ווערן פון בלינדן גלויבן. דאָס פּשוטע פאָלק איז שוואַך צו וואַנדערן אַליין אין שווערן ספקדיקן לעבנס־וועג אָן אַ פירער, אָן אַ וועג־ווייזער, וואָס זאָל פאַר זיי טראַכטן און זיי געבן רו און בטחון. אַזאַ איינער איז און קען זיין נאָר דער „סטאַרעץ”. דעריבער גייט דאָס פאָלק אים נאָך, ווייל זי האַלט אים פאַרן פאָרשטייער פון דער געטלעכקייט.

איבעריקס איז דער „סטאַרעץ” בלויז אַ העלפער און לינ־

דערער אין נויט און צוליב דעם ווערט ער אַ לייכט-טורם פאַר מחנות מענטשן; נישט קיין אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונג אין לעבן פון פאָלק. ס׳איז גענוג זיך צו פאַרטראַכטן וועגן נידריקן גייסטיקן ניווא פון די פאָלקס-מאַסן, כדי צו פאַרשטיין, אַז אַזעלכע ווי דער „סטאַרעץ״ זענען דער איינציקער לייכט-טורם, די איינציקע טרייסט אין זייער חושכדיק לעבן. די טויזנטער-יאָריקע ראָלע פון דער רעליגיע האָט דאָ דאָס איריקע געטון. דער גלויבן אין אַ באַלוינונג אויף „יענער וועלט״, לגבי די אַלע ליידן אויף דער וועלט זענען נול און דעריבער איז קיין אַנדער אויסגאַנג-פונקט פאַרן פאָלק נישט געבליבן ווי זוכן הילף ביים הייליקן... היינט וואָס איז דער וונדער, וואָס טויזנטער גלויביקע געפינען די גליקזעליקייט פאַר זייערע „זינדיקע״ נשמות אין דעם טרייסט פון „סטאַרעץ״? סוגעסטיע? איינבילדונג? זאָל זיין! וואָס פראָפיטירט דען דער נישט סוגעסטירטער, דער אומגלויביקער, ווען ער געפינט זיך אין מאָמענטן פון יאוש? איז ער דען נישט אָפט מאָל מקנא דעם גלויביקן?...

און ווידער דאָס אייגענע: בלויז אַ קליינער טייל וועט זיך אָפּטרייסלען און אויסלאַכן דער נאַיוויקייט פון גלויבן און וועט אויפווייזן, אַז דער וועג צו מענטשלעכער באַפרייונג און נשמה-דערהויבונג, ליגט נישט אויפן וועג פון בלינדן אומקאָנטראָלירטן גלויבן, נאָר אויפן וועג פון בילדונג, אויפקלערונג, וואָס איז איינציק מסוגל אַראָפּצעוואַרפן דעם יאָך פון די הייליקע העלפער. די ברייטע מאַסן קענען דאָס נישט פאַרשטיין. דאָרט ווו ביי אינטעלעקטואַליסטן איז טעטיק דער שכל, דער קריטעריום, פאַרנעמט ביים פאָלק ס׳אָרט דאָס האַרץ און געפיל, געמישט מיט קליינלעכן פחד פאַרן „טאָמער איז יאָ עפּעס?...״

קלאָר אַלזאָ, אַז עס פאָדערט זיך אַ לאַנגער דורות-לאַנגער פּראָצעס פון פסיכאָלאָגישער רעוואָלוציע אין די מענטשלעכע מוחות, כדי צו באַפרייען זיך פון דער טויזנט-יאָריקע רעליגיעזער אַרבעט. וואָלטער זאָגט: „וואָלט קיין גאָט נישט געווען, וואָלט מען אים געמוזט באַשאַפן״. דאָס דאָזיקע ווערטל וועט

נאָך לאַנג גילטיק זיין. אַזוי איז שוין די טבע פון אַנאָנימען פאָלק: ס'איז אים אַ סך באַקוועמער צו לעבן לויט פאַרטיקע, באַגריפן אַפילו טויטע באַגריפן, איידער באַנוצן דעם אייגענעם געדאַנק. בפרט, אַז ס'זענען תמיד פאַראַן אַזעלכע, וואָס נישט נאָר זיי טראַכטן און שטעלן צו פאַרטיקע געדאַנקען פאַרן פאָלק, נאָר נעמען זיך נאָך אונטער צו זיין די פאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטש.

דאָסטאָיעווסקי, ווי קיינער אַ חוץ אים, קען גוט דעמדאָזיקן פסיכישן מצב פון פאָלק, און נאַטירלעך, אַז נישט נאָר ס'פאַלט אים נישט איין צו וועלן ווירקן אין דעם פרט אַנדעריש, ווי למשל אָפּוועגדן די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלקס גלויבן אויפן אייגענעם זעלבסטבאַוווסטזיין, נאָר — ער איז אַבסאָלוט נישט זיכער, צי דאָס באַפרייען זיך פון אמונה וועט דער מענטשלעכער נשמה געבן די געגאַרטע טרייסט... דאָס מענטשלעכע לעבן — מיינט דאָסטאָיעווסקי — וועט אפשר בלייבן אומפולקאָם און וועט נישט בכח זיין צו באַזייטיקן יענע אַלע מכשולים, וואָס שטערן נשמה-גאַנצקייט. קיין אַבסאָלוט גליק אין ערדישן לעבן וועט אפשר בכלל נישט זיין. דאָס איז נישט מער ווי אַ באַגריף אויסגעוויטיקט פון בענקשאַפט און שטרעבונג. טאָ וואָס-זשע איז דער וווּנדער, וואָס מען געפינט נשמה-טרייסט אין דער אמונה? בפרט נאָך, ווען פאַר דאָסטאָיעווסקין פערזענלעך איז דער גלויבן אין דער גאָטהייט אַפילו מחוצן יעדן ספק! די בריוו צו זיין פרוי זענען אַ חוץ מיט ליבע, דורכגעדרינגען מיט טיפן גלויבן אין גאָט. דערפאַר קאָן ער נישט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז זיין פאָלק — פון וועלכן ער אַליין איז בלוט און פלייש — וועט ווען עס איז זיך אָפּזאָגן פון דאָזיקן גלויבן. דאָסטאָיעווסקי מיינט, אַז דאָס פאָלק וועט זיך קיינמאָל נישט פאַנאַנדערקלויבן אין דאָזיקן פלאָנטער, כדי צו פאַרשטיין די גאָטהייט אַלס סובסטאַנץ, וואָס מען געפינט איבעראַל, און אַז זי איז בשום אופן נישט קיין ממשותדיקע מאַטעריע... דאָס פאָלק — מיינט ער — דאַרף זיך נישט אָפּזאָגן פונם בלינדן גלויבן, פאַרקערט: אין דעם ליגט

די רעטונג, וואָס וועט קומען דאַמאָלס, ווען אַלע וועלן באַהערשט ווערן פון גלויבן, כדי צו דערגרייכן דאָס „מלכות השמים"...

7

צווישן די גלויביקע, וואָס דרייען זיך אַרום היילִיקן „סטאַרעץ" זוכנדיק פעסטקייט אין זייער אמונה, געפינט זיך „די דאַמע מיט ספקות", אַ מאַטעריאַליסטישער טיפּ פון אַ גלויביקע, וועלכע וויל נישט גלויבן אומזיסט, וועלכע וויל האָבן די גאַראַנטיע, אַז דער גלויבן אין „יענער וועלט" איז נישט קיין נאַרעריי, און אַז די נשמה איז באמת אומשטאַרבלעך... זי קען נישט איבערטראָגן דעם געדאַנק, טאָמער וועט „דאָרט" גאָרנישט זיין... דאָס וואָלט דאָך געווען שרעקלעך — טענהט זי אין פאַרצווייפלונג צום „סטאַרעץ", און זי פאַרלאַנגט פון אים אַ פעסטן ענטפער... און ער? — ער פאַרמאָגט איין וועג: ליבשאַפט, גוטע מעשים, זיך מקרב-זיין פאַרן כלל. און דעם איז די טרייסט. אָבער די דאַמע בלייבט נישט באַפרידיקט: פאַר ליבשאַפט — טענהט זי — פאָדערט די נאַטור קעגנזייטיקייט, באַלדיקער-לוין. ווי אַזוי-זשע קען מען ליב האָבן סתם אָן באַלוינונג, דערצו נאָך דעם, וואָס איז נישט דאַנקבאַר?

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דעם „סטאַרעצס" תשובה אויף דער פראַגע וועגן זיכערקייט אין „יענער וועלט", איז קיין תשובה נישט, אַלנפאַלס נישט מער ווי אַן אַרויסדרייען זיך מיט אומדירעקטע תרוצים, — בלייבט דאָך די אויסטייטשונג פון דירעקטע לוין פאַר ליבע דער שווערפּונקט פון גאַנצן פּראָבלעם. אין דער „דאַמע מיט ספיקות" אויסטייטשונג איז אַנטקעגנגעשטעלט די ניטשעאַנישע שיטה, אין קעגנזאַץ צו דער קריסטלעכער קאָנצעפּציע וועגן מאָראַל. ווי אַזוי איז טאַקע מעגלעך

דער קריסטלעכער באַגריף פון ליבע אַפילו צום שונא, ווען ס'איז אין סתירה מיט די מענטשלעכע געפילן? דאַריבער בלייבן די אַלע ווערטער הוילע טויטע פראַזן, וועלכע זענען קיינמאָל נישט מסוגל צו ווערן ממשותדיקער אינהאַלט. קיינמאָל וועט דאָס געפיל נישט דערלאָזן ליב צוהאָבן דעם, וואָס איז ווערט געהאַסט צו ווערן. דאָס איז די שוואַכע זייט פון דער נשמה און דאָס מאַכט אוממעגלעך דעם „סטאַרעץ" צו געבן אַ בעסערן ענטפער, ווי הייסן טון דאָס, וואָס מען איז ביכולת צו טון זיינער פאַרן צוויי ז. דער עיקר איז, זיך אַליין באַמיען צו האַנדלען, אונטערצושיידן צווישן מעשים אמת-גוטע און שקר־דיקע. ערמיט, וואָס מען דערקענט דעם טאַט. ווערט מען שוין גע-יטערט און ען דערגרייכט די נשמה-באַלוינונג... דאָס הייסט אייגנטלעך, אַז די באַלוינונג ליגט אינעם טאַט גופא, אין דער נשמה-צופרידנקייט. אַזוי אַ״ום וועט אַלזאָ אומדירעקט אָפּגעוואָרפן די זיכערקייט פון אַ באַלוינונג „דאָ־ט"... און אַנדערש קען עס נישט זיין: די אמונה וועט קיין פּאָזיטיוון ענטפער וועגן „דאָרטן" קיינמאָל נישט געבן.

8

דער פראַנצויזישער קריטיקער וואָגועa*) רעדט אין זיין ווערק „וועגן רוסישן ראָמאַן" איבער דאָסטאָיעווסקין און וועגן דעם אופן ווי ער בויט זיינע ווערק.

„די פאַמעלעכדיקע האַנדלונג, דאָס, וואָס מען רופט די אַקציע — שרייבט וואָגוע — שאָקירט, צוליב דעם, וואָס מיר האָבן אייגנטלעך אַ טאָפּלטע אַקציע, און דאָס איז געגן אַלע אונזערע

*) געווען אַטאַשע ביי דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע אין צאַרישן רוס-לאַנד, פאַר דער וועלט-מלחמה.

באַגריפן וועגן דעם בוי פון אַ ווערק. אין מאָמענט ווען מיר זענען פאַראינטערעסירט אין אַ געוויסע אינטריגע, דערשיינט פלוצלינג פון הינטערגרונט אַ צווייטע אינטריגע, כמעט אַ קאָפּירטע פון דער ערשטער... דאָס איז אַ סיסטעם פון אַ טאָפּעלטן ראָמאַן, וואָס איז ענלעך צו אַ שפּיגל פון צוויי קעגנגעשטעלטע שפּיגלען, וואָס שיקן זיך קעגנזייטיק איבער דאָס זעלבע בילד. פאַרן לייענער איז עס צו פיין...‟

„וואָס שייך קאָנסטרוקציע — שרייבט ווייטער וואָגוע — איז זי אין די ווערק: „אידיאָט‟, „שדים‟ און אין „די ברודער קאַראַמאַזאָוו‟ אַ נישט צום טאָלערירן אויסגעצויגענע. די אַקציע ווידער איז אַ מין האַפּט, וואָס פּאַסט זיך צום אויטאָרס אַלע טעאָריעס און מיט וועלכע ער צייכנט אַלע זיינע טיפּן באַגעגנטע אָדער אויסגעטראַכטע אין זיין גהונמדיקע פאַנטאַזיע.‟

„קאַראַמאַזאָוו‟,— זאָגט וואָגוע — לויט דער אַלגעמיינער אָנערקענונג, האָבן ווייניק רוסן געהאַט דעם מוט צו לייענען ביזן סוף דידאָזיקע אומענדלעכע געשיכטע...‟

מיר האָבן שוין געהאַט די געלעגנהייט צו באַמערקן, אַז מיר זענען נישט מסכים מיט אַ זעלכע מיינונגען, קודם-כל אין דעם לעצטן אויספיר, אַז די גרויסקייט פון ווערק זאָל זיין שווער פאַרן לייענער צו פאַרטראָגן. אַלע פאַקטישע באַווייזן זענען געגן דעם מיינונג. און דידאָיקע מיינונג (וועגן צעצויגנקייט און שלעכטער קאָנסטרוקציע) באַווייזט, אַז דער פראַנצויז אַלס מערב-אייראָפּעער איז נישט מסוגל צו באַנעמען די ספּעציפישע אייגנשאַפטן, וואָס זענען גורם, אַז די קאָנסטרוקציע זאָל ביי דאָסטאָיעווסקין זיין ווי זי איז. אמת, ס׳איז מאָדנע דאָס צונויפפלאָנטערן אין יעדן פון זיינע ווערק אָן אַ צאָל העלדן און דאָס מאָלן עפּיזאָדן, וועלכע האָבן — ווי דאָסטאָיעווסקי אַליין האָט שוין באַמערקט — געזאָלט געשריבן ווערן אַלס זעלבסשטענדיקע זאַכן. ער פאַרמאָגט אָבער דעם כח צו האַלטן זיינע העלדן אין די ראַמען פון פאַר זיי אָנגעצייכנטן באַוועגונג-קרייז. אַפילו זייער קעגנזעצלעכקייט גיסט זיך צונויף אין איין האַרמאָניש גאַנצעס,

און אַזוי אַנאָך באַקומט זיך אַרויס אַ גאַנצע סימפאָניע פון טיפן, אידייען און געדאַנקען. און ווער פאַרמאָגט נאָך אַזויפיל פון דעם דערמאָנטן, ווי דאָסטאָיעווסקיס העלדן? אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל איז די נשמה פון גרויסן קינסטלער, אַ קוואַל וואָס שפּרודלט הויך, ברייט און מעכטיק איבער זיינע ווערק. ס׳פילט זיך, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט קיינמאָל נישט געקענט זיך באַגרענעצן אין אַ נאָוועלע אָדער געווייגלעכן ראָמאַן, כּדי צושטילן דעם גאַנצן אויפברויז אין זיין נשמה. כּדי דאָס צו דערגרייכן, האָט ער געמוזט שאַפן דעם גרויסן ברייט-פאַרצווייגטן ראָמאַן, וועלכער זאָל דערלויבן זיינע העלדן פריי צו רעדן און אויסדרוקן אַלץ, וואָס זיי דרוקט און פאָדערט אַן ענטפער. דאָסטאָיעווסקי איז ווייט פון לאַקאָניזם ווי אַנדערע מייסטער פון דער וועלט-ליטעראַטור, וועלכע לעבן זיך אויס אין די ראַמען פון דער ראַפינירטע קורץ-געטאָקטער נאָוועלע. דער רוסישער פאָלקס-מענטש נויטיקט זיך אין באַרעדעוודיקייט.

איז אַלזאָ דאָסטאָיעווסקי לאַנגווייליק?

מיר מיינען, אַז נישט, ווייל וואָס טיפער מיר דרינגען אַריין — דורך דער באַרעדעוודיקייט פון זיינע העלדן — אין זיינס אַ ווערק, ווערן מיר אַלץ מער מיטגעריסן מיט דער גראַנדיעזקייט פון דער אַנטפּלעקטער פּאַנאָראַמע, אַלץ מער נשמה-אַנטפּלעקונגען דערשיינען פאַר אונז.

דאַריבער, איז דאָסטאָיעווסקיס פלעכטן אַ מעשה אין אַ מעשה — אַ מעלה. מיר פילן זיך נישט פאַרלוירן אין לאַבירינט פון די קליינע און גרויסע געשיכטעס אין זיינע ראָמאַנען, סיי ווען זיי באַוועגן זיך באַזונדער, סיי ווען זיי קאָנצענטרירן זיך אַרום איין הויפּט-פיגור.

אָבער אין קיינס פון זיינע ווערק זענען נישט אַזוי קאָמפּליצירט און קאָנצענטרירט די צאָל העלדן ווי אין „קאַראַמאַזאָוו״. מיט יעדן קאַפּיטל ווערט דער האָריזאָנט ברייטער, די פיגורן — מערער, די סיטואַציע — פאַרוויקלטער, פּראָבלעמען און אידייען — טיפער, און פאַרן לייענער — אַלץ שווערער און גע-

שפּאַנטער נאָכצוגיין און פֿאַנאַנדערקלויבן זיך אין לאַבירינט פֿון פֿון געשעענישן, וועלכע וויקלען זיך מיט עקראַנישער אייגנ־אַרטיקייט. יעדע נייע געשיכטע, יעדע פֿרישע פֿיגור, מאַכט לעבעדיקער אַ שטיק מענטשלעך לעבן, מאַכט שאַרפֿער אַ פּראָ־לעם. נאָר איין דאָסטאָיעווסקי איז דאָס אומשטאַנד צו ווייזן.

וואָס שייך זיין באַציונג צו זיינע העלדן סיי נעגאַטיווע, סיי פּאָזאָטיווע, איז, הגם די נעגאַטיווע זענען ביי אים אויך כמעט פּאָזיטיוו, איז אָבער זיין באַציונג צו זיי זעלטן־זעלטן קינסטלעריש נישט אָביעקטיוו, ווי מיר האָבן עס געזען אין „שדים“, ווען ער דערלויבט זיך געווויסע שאַרזשירונגען. מיר האָבן אָבער אויך געזען די סבות, וואָס זענען גורם דערצו. אין אַלע איבעריקע ווערק איז די אָביעקטיווקייט אָפּגעהיט. יעליזאַוועטע די שטינקנדיקע אין „קאַראַמאַזאָוו“ פֿאַרדינט נישט ווייניקער ליבע, ווי אַלע איבעריקע יחסנותדיקע העלדן

9

באַקענט מען זיך מיט דער קאַליידאָסקאָפּיש־רייכער טיפּן־גאַלעריע אין דאָסטאָיעווסקיס ווערק, וואַרפֿט זיך שטאַרק אין די אויגן נישט דער „טאָפּלטער שפּיגל“—ווי וואָגוע וויל האָבן—נאָר די כאַראַקטעריסטישע ענלעכקייט פֿון געוויסע העלדן פֿון איין ווערק צו העלדן פֿון אַ צווייט ווערק אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוו איז זייער ענלעך לויט זיינע כאַראַקטער־שטריכן צום פֿירשט מישקין אין „אידיאָט“. קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ פֿון „קאַראַמאַזאָוו“ איז אידענטיש צו נאַסטאַסיאַ פֿיליפּאָוונאַ פֿון „אידיאָט“. מיר פֿאַרשטייען אַלזאָ, אַז ס'זענען פֿאַראַן טיפּן, וועלכע האָבן זיך ביי אים באַזונדער קריסטאַליזירט און פֿאַרכאַפּט זיין נשמה, אַז זיי דינען אים תּמיד צו יעדער צוגעפּאַסטער סיטואַציע.

דאָס, וואָס דאָס רוב טיפּן זענען קראַנקע צעבראָכענע נשמות, איז נישט דאָסטאָיעווסקיס שולד, ווי עס איז נישט די שולד, וואָס ער איז אַליין געווען קראַנק און צעבראָכן. דאָסטאָיעווסקי האָט זיך מיט זיי פאַרנומען ווי מיט אַ דאַנקבאַר מאַטעריאַל פאַר זיינע פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען, וועלכע לאָזן זיך ביי קראַנקע טיפּן גיכער פאַרמירן ווי ביי נאָרמאַלע, געזונטע. און נאָך עפּעס: גראָד אין אַזעלכע טיפּן האָט דאָסטאָיעווסקי אַנטפּלעקט אַ סך מענטשלעכע שיינקייט, פּונקט ווי עס האָט עס געטון זיינער אַן אומדירעקטער תּלמיד, גאָרקי, מיט איין דור שפּעטער, גרונטעוועגדיק זיך תּמיד אינם אָפּגרונט פון לעבן, כּדי פון דאָרט אַרויסצובאַקומען שטראַלנדיקע שיינקייט.

אין „קאַראַמאַזאָוו" זענען דאָס רוב טיפּן קרענקלעכע, צעפּרעסענע פון ליידן און פון ספיקות. זיינע בעלי-תּאווהניקעס ווילן אין זייערע תּאווה-אָרגיעס דערטרינקען זייער ווייטיק און צער, און זיי האָבן ליב צווישן זיך, אָדער יעדער פאַר זיך, זיך גראַבלען אין זייערע ליידן, זיך סאַדיסטיש פּייניקן מיטן ווילדן געפיל פון קראַצן אַ מכּה.

ס'וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דאָסטאָיעווסקי טראַכט אויס זיינע טיפּן. ווייל, קוים וויל מען זיך אָפּגעבן חשבון, איז די נשמה-קראַנקהייט אַן אַלגעמיין-מענטשלעכע דערשיינונג. מיר אַלע בלאָנדזשען אַרום איבערן לעבן, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, אַז אַ סך, אַ סך אין אונז איז קראַנק. ס'איז די קראַנקהייטן פון נישט פאַרפולקאָמטקייט, פון שטענדיקן שטרעבן צו דערקענען אונזערע אינערלעכע אייגנשאַפטן און די דערשיינונגען אַרום אונז, אָט דאָס אַלץ, וואָס נערט אין אונז דאָס חיהש-פאַרדאָרבענע און דעם גלייכצייטיקן ווילן צו צוימען די בעסטיע, וואָס דרימלט אין אונז. אָבער, מיר זינקען כּמעט תּמיד מאַכטלאָז צום גרונט פון אונזער אָפּשטאַם: די חיה...

איז דער מענטש שולדיק אין זיין מאַכטלאָזיקייט בעתן דאָזיקן קאַמף? נישט תּמיד. דער מענטש איז דער מיטלפּונקט צווישן צוויי אוניווערסאַלע כּוחות, וואָס פירן זייער קאַמף פאַר

דער מענטשלעכער נשמה: דאָס געטלעכע און טייוולשע. זעלטן ווען דעם מענטש געלונגט ארויסצוגיין אַלס זיגער פון קאַמף און צו בלייבן מענטש. דאָס איז דער אייביקער וועג פון אונזער לעבן, וואָס איז דאָסטאָיעווסקין מיט דעמאָנישער קראַפט געלונגען צו באַלייכטן אין דער גאַנצער נאַקעטקייט, אָן אַלע באַפּוצונגען און פליטערלעך, וועלכע זענען אַזוי אייגן פאַר די מערב-אייראָפּעישע ליטעראַטור-קינסטלער. און מיר — מיר קענען קריצן מיט די ציין, זיך דערזעענדיק אין אַזאַ ליכט, נאָר — מיר וואַגן נישט אָפּצולייקענען...

מיר קענען אויך נישט זיין בייז, ווען דאָסטאָיעווסקי שליידערט אונז אין פּנים אַריין דעם אמת וועגן אונזער געפאַלנקייט, צוזאַמען מיטן ביסל איבעריקן באַגאַזש, וואָס שלעפּט זיך אונז נאָך: דאָס ביסלעלע מענטשלעכקייט, וואָס גייט כמעט תמיד פּאַראַלעל מיטן חיהשן.

דאָסטאָיעווסקיס נידעריקסטע העלדן ווייזן אַרויס אַ סך מענטשלעכקייט אין זייערע האַנדלונגען, ביי איינעם מער, ביי אַ צווייטן ווייניקער, אָבער אַ ניצוץ פון מענטשלעכן איז אין יעדן תמיד פאַראַן. און דאָסאָיעווסקי משפּט נישט דעם מענטש פאַר זיינע זינד.

אַלע זענען מיר דאָך קרבנות פון אומבאַקאַנטע אין אונז קעמפנדיקע פּוחות. די שולד קען נאָר זיין אויף אַזויפיל, אויף וויפל מיר, ביי אונזער געגנוג אַנטוויקלטן מצב פון שכל — אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכן זיג אין אונזער נשמה — באַמיען זיך צו רעגולירן אינזער לעבן, אונזערע קעגנזייטיקע מענטשלעכע באַציונגען אויפן יסוד פון דער דערגרייכטער מענטשלעכקייט, כדי תּכוּת צו זיין איינגאַנצן, אָדער וואָס מער צו דערדריקן די דרימלענדיקע אין אונז חיה. אין אמתן איז עס פאַרקערט: אונטערן מאַנטל פון פּראַזן, וואָס מיר ווייסן געשיקט אויסצונוצן, וועקן מיר קעגנזייטיק די חיה אין אונז דורך אַלערליי פאַלשע טראַדיציעס, באַגריפן און אידייען. דאָס איז דאָס טראַגישסטע אין אונזער לעבן...

10

ס׳איז שווער ביי דאָסטאָיעווסקין אַרויסצוטיילן אַ הויפּט־העלד אין וועלכן ס׳איז ווערק. אָבער אַ סך שווערער איז עס אין „קאַראַמאַזאָוו״. שווער צו באַשטימען איינעם אָדער עטלעכע צענטראַל־פיגורן, אַרום וועלכע די אַקס פון די געשעענישן דרייען זיך. דאָ האָבן מיר אייגנטלעך גאַנצע פיר, אַלע מיט־גלידער פון דער פאַמיליע קאַראַמאַזאָוו. דער פאָטער פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש מיט זיינע דריי זון: איוואַן דער עלטסטער, אַליאָשאַ דער יונגסטער און דימיטרי. אָבער פון די ברידער קענען נאָר דער עלטסטער און יונגסטער אַרויסגעטיילט ווערן אַלס אייגנאַרטיקע טיפּן, וועלכע אונטערשיידן זיך אין גייסט און כאַראַקטער פון פאָטער. דאַקעגן דימיטרי איז אינגאַנצן ענלעך אויפן פאָטער, פונקט אַזאַ בעל־תאווהניק ווי ער; אַ רויע, ברוטאַלע נאַטור, רייסט זיך תמיד מיטן פאָטער איבער פרויען, וועלכע ביידע קאָנקורירן צווישן זיך; זענען גרייט איינער דעם צווייטן צו דערמאָרדן צוליב זייערע אַוואַנטורעס.

דער קאָנטראַסט צום פאָטער און דימיטרין, זענען איוואַן און אַליאָשאַ. דאָס זענען שוין מענטשן גייסטיקע, מיט שוווּנג און אידייע, הגם איוואַן איז אַן אַטעאיסט און אַליאָשאַ אַ גלויביקער, וואָס פאַרברענגט ביי זיינע אַכצן יאָר אין מאָנאַסטיר, אַלס תלמוד פון „סטאַרעץ״ זאָסימאַ. צווישן זיי מיטן פאָטער, הגם קיין ליבע איז אָרגאַניש נישט מעגלעך, הערשן אָבער פאָרט אַזעלכע באַציונגען, ווי צווישן מענטשן באַוווּסטזיניקע, וועלכע פאַרשטייען דאָס לעבן מיט אירע אַלע זיגזאַגן־וועגן. זיי ווייסן אָפּצושאַצן, אַז דער פאָטער איז נאָר אַ קרבן פון פאַרקריפּלטע אומשטענדן. אָבער אין זייער עקסצענטרישקייט אין באַצוג צו זייערע איבערצייגונגען, ווירקט סוף־כל־סוף דאָס פאַ־

מיליען-בלוט, דאָס בלוט פון די קאַראַמאַזאָװס, װאָס שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס אײגנאַרטיקס אין לעבן.

בײ די ברידער איז נישט קײן חרפּה די אָנגעהעריקײט צו אַזאַ משפּחה, װי ס'איז נישט קײן חרפּה געבוירן צו װערן אַ קריפּל, בפרט װען ס'איז דאָ דער באַװוסטזײן, אַז גאָרנישט דאַרף דער מענטש זיך שעמען מיט דער נאַטור זײנער, אויב זי פליסט פרײ, לויט דער נאַטירלעכקײט פון די געפילן. און אין דעם פרט פליסן די האַנדלונגען צװישן די קאַראַמאַזאָװס גאַנץ פרײ: לײדנשאַפטלעכע ליבעס-סקאַנדאַלן, דיסקוסיעס איבער די פאַרשידנסטע װעלט-פּראָבלעמען — אַלץ װערט צװישן זײ באַהאַנדלט, הגם ס'װערט געטון מערסטנס אויף אַן אופן, װאָס איז פאַר זיך אַלײן פײנענדיק.

װאָס שײך דעם אַלטן קאַראַמאַזאָװ, װי ער איז אַ לץ און בעל-תּאװהניק, װײזט ער זיך סוף-כּל-סוף אַרויס פאַר אַ מענטש נישט זײער קײן טעמפּן. ער האָט אַפילו געװיסע איבערצײגונגען און מײנונגען. אַזױ, למשל, הגם ער װאַקלט זיך, נישט קענענדיק דעצידירן צװישן די קעגנזעצלעכע מײנונגען פון איװאַן און אַליאָשאַ װעגן דער עקזיסטענץ פון אַ גאָט און ער װײסט נישט װעמעס מײנונג ס'איז גערעכטער, חוזקט אָבער דער אַלטער אָפּ פון דער קירכע און אירע הײליקע. ער האַלט, אַז די קירכע איז שװינדל און נאַרערײ, ער װײסט אַפילו צו דערצײלן מעשיות װעגן „הײליקע" און װעגן „סטאַרעץ" זאָסימאַ, װי ער, דער „סטאַרעץ" מאַסקירט זיך מיט זײן הײליקײט, הגם ער אַלײן איז נישט זיכער אין זײן גלויבן, האַלטנדיק פונם פּסוק „קרעדאָ אַבסורדאָ" *)! אָבער... דאָס נאַרערײ — מײנט דער אַלטער — איז נויטיק סײ פאַר דער קירכע, סײ פאַרן פאָלק, װײל דעם פאָלק דאַרף מען שמײסן... דאָס פאָלק לעכצט נאָך אַ גאָט. דאַריבער מוזן עקזיסטירן די ערדישע פאַרטרעטער זײנע, װעלכע פאַרשטײען אַגב די נאַרישקײט פון פאָלק אויסצונוצן

*) גלייב — ווייל ס'איז נאַריש.

לטובת זיך אַליין... ער — דער אַלטער קאַראַמאַזאָוו איז אַ ליבעראַל און דערגייט אין ליבעראַליזם ביז באַזייטיקן די גלחים, ווייל זיי פאַרהאַלטן דעם פּראָגרעס... אָבער, ווען איוואַן דערקלערט, אַז ווען דער אמת וועט אויפשיינען, וועט מען צוזאַמען מיט דער קירכע אויך די רייכע באַזייטיקן — ציט זיך דער אַלטער צוריק. אַזוי ווייט דערלויבט דער ליבעראַליזם נישט...

11

אַ כאַראַקטעריסטישער טיפּ איז אויך דער לאָקײַ סמערדיאַקאָוו, דעם אַלטנס אומגעזעצלעכער זון, געבוירן פון „יעליזאַוועטאַ די שטינקענדיקע", ווי ס'האָט געהייסן אַ שטאָט־משוגענע, וועמען דער אַלטער האָט פאַרגוואַלדיקט; נאָך איר טויט האָט זיך איר זון דערצויגן אין הויז פון פאַוולאָוויטשעס לאָקײַ און אויסוואַקסנדיק געבליבן אַ לאָקײַ.

דערדאָזיקער סמערדיאַקאָוו צייכנט זיך אויס מיט זיין זיין שווייגן. פאַרשלאָסן אין די ענגע ד' אמות פון זיין אָרעם וועלטל, האַסט ער אַלע מענטשן, וועלכע באַליידיקן אים צוליב זיין אָפּשטאַמונג. ער פאַרמאָגט אייגנטלעך אויך אין זיך די עקסצענטרישקייט פון פאָטערס בלוט, מיט דער שווייגנדיקייט פון דער מוטער.

ער איז אָבער בטבע זייער פילבאַר און לעבט זיך אַזוי מיט זיין אינדיווידועל פּרימיטיוו-אַנטוויקלטן שכל. ער פילט זיך נישט געפאַלן צוליב זיין אָפּשטאַמונג. ער האָט אויך זיינע אייגענע מיינונגען איבער גאָט און אַנדערע פראַגן און באַטייליקט זיך אַפילו אין דיסקוסיעס צווישן די קאַראַמאַזאָווס, אויב נאָר מען דערלויבט אים זיך אַרייננצומישן... אין גאָט גלויבט ער

יאָ, אָבער אויב דאָס לעבן איז אין סכנה און מ׳דאַרף גיין אויף קידוש-השם — מיינט סמערדיאַקאָוו, אַז מען מעג זיך אָפּזאָגן פון גלויבן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן. ס׳איז אַפילו קיין עבירה נישט — אַרגומענטירט ער — ווייל מיטן מאָמענט, ווען מען זאָגט זיך אָפּ פון גלויבן, ווערט מען דאָך פון גאָט אויך אָפּגעטיילט, הייסט פאַרוואָס זאָל מען „דאָרטן" שטראָפן אַ מענטשן, וועלכער געהערט נישט צו גאָט?..

דערמאָנט מען זיך, אַז דאָס זאָגט אַזאַ פאַרשוין ווי סמער-דיאַקאָוו, איז שוין איבעריק אָנצוווייזן, אַז בעצם איז דער גע-דאַנק נאַיִוו, ווייל ער באַטייט: דעזערציע פון אַן איבערצייגונג, כדי אויסצומיידן אַ סכנה. אַ גלויבן קען מען פאַרלירן, שווער אָבער אים צו בייטן צוליב פּראַקטישע צילן. אָבער מער לאָגי-שער דרוקט זיך אויס זיין שכל ווען דעם, אַז אַ גלויביקער — אויב זיין שכל איז נאָך נישט אַזוי טעמפּ — איז תמיד להוט אָנצוהויבן צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון די הייליקע ספרים, וועלכע דערציילן למשל אַזעלכע איבערנאַטירלעכע זאַכן: ווער עס גלויבט נאָר אַ ביסל, קען ווירקן, אַז אַ באַרג זאָל זיך אַראָפּלאָזן אין ים אַריין... דאָס וועט נישט געשען מיינט ער— ווען אַלע מענטשן פון דער וועלט, צוזאַמען מיט זייערע היי-ליקע וועלן עס וועלן... און דאָך... דאָך גיט ער צו צום סוף, אַז ערגעץ-ווו געפינען זיך יאָ אַ צוויי הייליקע, וועלכע וואָלטן עס געקענט באַווייזן...

דאָס איז אַ זייער כאַראַקטעריסטישער רוסישער פאָלקס-שטריך. אַלע ספיקות, וועלכע דער פאָלקס-מענטש מאַכט דורך, אין קאָנפליקט צווישן שכל און געפיל, אַלע קעגנזאַצן אין לויף פון ווירקלעכקייט, זענען פאָרט נישט בכוח לגמרי אויסצוואָרצ-לען דעם גלויבן ביזן שורש. עפּעס-וואָס מוז שוין געפינען ווערן אַלס פשרה צווישן שכל און געפיל. מען פאַרענטפערט זיך, אַז קיין ריינעם גלויבן באַזיצט אייגנטלעך קיינער נישט, און דאַ-ייבער וועט „דאָרט" קיין שכר בכלל נישט זיין, הייסט צי וואָס ...ך מקריב זיין? וואָלט געווען אמתער גלויבן, וואָלט ער דאָך

אַליין בכּוח געוועז ניסים צו באַווייזן...

אין די „שדים" זאָגט דאָסטאָיעווסקי דורכן מויל פון אַלטן סנאָבישן סטעפּאַן טראָפימאָוויטש, אַז „די רוסן וואָלטן געדאַרפט פאַרניכטעט ווערן לטובת דער מענטשהייט, אַלס שעדלעכע פּאַראַזיטן", און דאָ לאָזט ער דעמזעלבן טעמפּן סמערדיאַקאָוו איבערחזרן דעמזעלבן געדאַנק אין אַ צווייטער וואַריאַציע, אין שייכות צום מיליטאַריזם אין רוסלאַנד: „רוסלאַנד — מיינט סמערדיאַקאָוו — וואָלט זיך געמעגט לאָזן איינגעמען פון די פראַנצויזן... דאָס רוסישע פאָלק — וואָלט מען געדאַרפט שמייסן, שטאָט געבן אים פרייהייט"...

אין פלוג איז אומקלאָר פאַרוואָס עפּעס לאָזן זיך איינ-נעמען פון די פראַנצויזן? פאַרוואָס עפּעס איז אַ פרעמדער מיליטאַריזם בעסער ווי אַן אייגענער? אָבער ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דאָ רעדט די אַלט-באַקאַנטע פריצישע קאָנסערוואַטיווקייט און מורא, ביז האַס, צום פאַרגרעבטן פאָלק, צו די, וועלכע וועלן אפשר אין זייער דורשט נאָך פרייהייט חרוב מאַכן אַ סך זאַכן — ווערט שוין די זאַך פאַרענטפערט, בפרט ווען פון סמערדיאַקאָוון רעדט זיין האַס צוליבן פילן זיך תמיד אַ באַליידיקטער.

12

מיר וועלן זיך קיין סך נישט אָפּשטעלן אויף די צוויי הויפּט-טיפּן צווישן די פרויען אין „קאַראַמאַזאָוו": קאַטערינאַ איוואַנאָווּנאַ און גרושענקאַ. דאָס זענען טיפּן, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט אין „אידיאָט" אין דער געשטאַלט פון נאַסטאַסיאַ פי-ליפּאָווּנאַ.

דאָסטאָיעווסקי אָפּערירט מיט זיי ביי פאַרשידענע געלעגנ-הייטן. דאָ און דאָרט אַנטפּלעקט פאַר אונז דאָסטאָיעווסקי פאַר-שידענע כאַראַקטער-שטריכן פון דיזאָזיקע עקסצענטרישע פרויען.

שטריכן אַפּילו זייער מאָדנע. אָבער קיין נייעס באַקומט זיך שוין נישט.

אין „קאַראַמאַזאָוו" קאָנקורירן צווישן זיך צוויי פּרויען, פּונקט ווי אין „דערנידעריקטע און באַליידיקטע", הגם ־די כאַראַקטער־אייגנשאַפטן פון קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ און גרושענקאַ זענען ווייניקער מילד ווי די העלדנס פון „דערנידעריקטע און באַליידיקטע". דאָ זענען זיי מער נערוועז, מער עקספּאַנסיוו, ווייל זיי האָבן מער געליטן פון לעבן.

דאָס זענען פרויען, וועלכע בונטעווען זיך, רייסן די צוימען פון זייער אייגענער נאַטור, ווילן זיך אַליין איבערוואַקסן, און קענען סוף־כּל־סוף נישט אָפּשאַצן די פאַרבאָרגענע אייגנשאַפטן פון זייערע נשמות. און דעריבער — דעריבער זענען זייערע האַנדלונגען ס'רוב אין סתירה מיט זיך אַליין, זענען תּמיד פאַרסוגעסטיאָנירט פון פאַנטאַסטישע איינבילדונגען, וועלכע דערפירן אָפּט צו אַ תּהום.

קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס עקספּאַנסיווע, כּמעט ווילדע נאַטור, שטערט איר נישט ליב צו האָבן דעם ווילדן דימיטרי קאַראַמאַזאָוו, הגם ער באַליידיקט און דערנידעריקט איר אָן אויפהער און וויל איר סוף־כּל־סוף פאַרבייטן אויף גרושענקאַן, וועגן וועלכן ער פּירט דעם קאַמף מיטן פאָטער. אין איר אויפגעבראַכטקייט, וויל קאַטערינאַ זיך אַליין דערהויבן צו אַ מאַרטירערין דערמיט, וואָס זי וועט איר לעבן מקריב זיין, כּדי דימיטרי זאָל חתונה האָבן מיט גרושענקאַ, און זי — זי וועט זיך באַנוגענען מיט דער וואַכנדיקער ראָלע פון אַ שוועסטער.

אָבער די ברודער איוואַן און אַליאָשאַ, וועלכע זענען דאָ בעת דער דערקלערונג, דערקענען די פאַלשקייט אין אירע רייד.

איוואַן, וועלכער איז נישט גלייכגיטיק צו דערדאָזיקער קאַטערינאַ און האָט אַפילו דעם איינדרוק, אַז זי איז צו אים אויך נישט גאַנץ גלייכגילטיק, פילט אָבער אינטואיטיוו, אַז זי

שפּילט קאָמעדיע.

ער דערקלערט עס אָפן מיט יענער אָפנהאַרציקייט, וואָס דאָסטאָיעווסקיס פאַרשוינען פאַרמאָגן.

נאָר קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ ווייסט אפשר אַליין נישט, אַז אין דער טיפעניש פון איר נשמה, ליבט זי איוואַנען מער ווי דימיטרין. זי פּייניקט זיך און די אַלע אַרומיקע נאָר צוליב נקמה פאַר אירע באַליידיקונגען. די גאַנצע סצענע דערמאָנט אָן דער סצענע אין „אידיאָט", ווו נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַ איז זיך גאַליק נוקם אָן די אַלע אַרום איר זיך דרייענדיקע מענער, וועלכע ליערן אויף איר גוף.

אַזוי חזרן זיך איבער טיפּן, פאַרשוינען און בילדער, אין אַ סך דאָסטאָיעווסקיס ווערק.

אויפן שטח פון דאָזיקן ווערק דעמאָנסטרירן פאַרביי, ווער מערער, ווער ווייניקער בולט, אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן, אַ סך עפּיזאָדישע פיגורן מיט כאַראַקטעריסטישע דאָסטאָיעווסקישע שטריכן, אָבער אָפּשטעלן זיך אויף זיי איז נישט כדאַי, ווייל מיר באַגעגענען זיי צו אָפט. נאָר איידער מיר וועלן איבערגיין צום באַהאַנדלען די וואָגיקייט פון די אידייען און פּראָבלעמען וואָס ווערן באַהאַנדלט אין „קאַראַמאַזאָוו", וועלן מיר זאָגן עטלעכע ווערטער בנוגע דעם טיפּ פון „פּאָטער סעראַפּאָנט", אויך אַ הייליקער, אין זעלבן מאָנאַסטיר ווו דער „סטאַרעץ" זאָסימאַ, אָבער אַ פולשטענדיקער קעגנזאַץ צום לעצטן. ווייל אויב דער „סטאַרעץ" איז אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אויף זיין שטייגער דאָס לעבן, ווייסט ווי אַזוי צו האַנדלען מיט מענטשן, ווי אויסצוווירקן השפּעה איבער זיינע גלויביקע, — איז פּאָטער סעראַפּאָנט דער היפּך: אַ נזיר, תמיד אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, אָנערקענט נישט דאָס לעבן, איז אייביק פאַרטון אין מיסטישע וויזיעס וועגן גייסטער פון אַנדערע וועלטן, מיט וועלכע ער „שטייט אין פאַרבינדונג". מיט זיין לעבן בילדעט ער אַ באַזונדער שיטה אין דער רעליגיע: שטרענגער אַסקעטיזם און אַליין-פּייניקונג אַלס מיטל צו הימלישער דערהויבונג...

קיין שום רעליגיע — אָנהויבנדיק מיט די געצנדינערישע און ענדיקנדיק מיט די מאָנאָאיסטישע — איז נישט געווען און איז נישט פריי פון אַזעלכע עקזאַלטירטע סעקטאַנטן. די סתירה, וואָס הערשט תמיד צווישן רעליגיעזן גלויבן און דער לעבעדיקערווירקלעכקייט, דאָס אָפּווענדן דעם מענטש פון לעבעדיקן לעבן לטובת אויסגעטראַכטע השגות, האָט תמיד געמוזט גורם זיין, אַז שוואַכע מענטשן זאָלן אַריינפאַלן אין רעליגיעזן משוגעת, ווי ס׳איז דער פאַל מיט אַלע אסעקטן-נזרים. אַזעלכע וועלן זיך געפינען ווי לאַנג רעליגיע וועט הערשן איבערן האַרץ פון דער וועלט.

13

מיר האָבן שוין ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אַנאַליזירנדיק דעם וועלט-באַנעם און דעם אַנטוויקלונג-גאַנג פון דאָסטאָיעווסקיס אידייען, אָנגעוויזן, אַז ער איז ווייט פון סאָציאַליזם, ווייט פון אַ פּאָזיטיווער סאָציאַלער וועלט-באַנעמונג. ער אַלס אידייען-טרעגער, שפּרייט זיך אויס ווייט איבער קלאַס און שיכט, נאָר אין זייער צענטער שטעלט ער נישט אַ וועק קיין באַשטימטן מענטש, נאָר דעם מענטש אַלס אַ זעלכן בכלל: אָט דאָ איז ער מיט אַלע זיינע גוטע און שלעכטע אייגנשאַפטן, אייגנעווויינקייטן, הויכע-מוטיקייטן און געמיינקייטן, דאָס אַלץ, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ „זינדיקן" מענטש. יאָ, אמת, דאָסטאָיעווסקי איז אין די מערסטע פאַלן נישט גאַנץ גלייכגילטיק צו זיינע העלדן. ער באַמיט זיך אָבער זייער צו דעפינירן צווישן די גוטע און שלעכטע מעשים זייערע, הגם אין הויפּט-פּרט קומט ביי אים אויס, אַז ס׳איז זינלאָז צו באַשולדיקן מענטשן פאַר זייער האַנדלונגען, ווייל זיי זענען נישט פריי פון סיבות, וועלכע דיקטירן

זייערע מעשים — דאָך ווייזט דאָסטאָיעווסקי אַרויס אַ סך געגנער-
שאַפט צו די שלעכטע מעשים פון זיינע העלדן, ערטערווייז
רעדט ער אַפילו מיט כעס וועגן מענטשלעכער געמיינקייט, און
— איז פול מיט סימפאַטיע פאַר אָרעמע, באַליידיקטע פון לעבן.
דאָס איז אָבער נישט קיין פועל-יוצא פון אַ געדאַנקען-גאַנג,
וואָס ווייזט אָן, אַז דער ענין פון מענטשלעכער שלעכטקייט
הענגט נישט בלויז אָפּ פון דעם, וואָס מענטשן זענען גוט אָדער
שלעכט, נאָר פון דעם, וואָס דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער
סדר איז שלעכט און מוז גורם זיין שלעכטע מעשים. ביי דאָ-
סטאָיעווסקין איז דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס אַ ריי-
פּסיכאָלאָגישס: ער גלויבט, אַז דער מענטש גופא איז שלעכט
און גלויבט נישט, אַז אַ גערעכטערער געזעלשאַפטלעכער סדר
זאָל ראַדיקאַל בכח זיין צו בעסערן דעם מענטש. דאָס איז אַ
קאָנסעקווענטער פועל-יוצא פון אַ רעליגיעז-מיסטישן וועלט-באַ-
נעם, וואָס שטערט צו זען דאָס לעבן אין רעאַלן ליכט. דערי-
בער איז קלאָר, פאַרוואָס דאָסטאָיעווסקי גלויבט מיטן כח פון
וואָרט און גלויבן, אויסצובעסערן דעם מענטש, אויסצוואָרצלען
די חיה אין אים; דעריבער איז נאַטירלעך, פאַרוואָס דאָסטאָ-
יעווסקיס געפיל צום אָרעמען און באַליידיקטן איז נישט קיין
קלאַסן-געפיל נאָר אַ מענטש-געפיל. ער זעט קודם-כל, די דער-
נידריקטקייט פון מענטשלעכן שטאָלץ, פון דער מענטשלעכער
נשמה, וועלכע ווערט באַליידיקט. ער זעט אָבער אויך, אַז די
באַליידיקער זענען תמיד די רייכע און פּריווילעגירטע. ער זעט
די פאַראַכטונג פון רייכן צום אָרעמען, וואָס דערגייט ביז צו אַ
בכוונהדיקע באַליידיקונג, שוין בלויז צוליב דעם, כדי צו האָבן
די מעגלעכקייטן זיך אַרויסצווייזן שטאַרקער ווי דער אָרעמער.
אָט למשל דער פאַקט מיטן מיטן באַליידיקן דעם אָרעמען שטאַבס-
קאַפּיטאַן, סניעגיראָוו, דורך דימיטרי קאַראַמאַזאָוו. זיין אַרויסוואַרפן
אים פון שענק, רייסנדיק אים ביי די באָרד — איז אַ פּאַטש
אין פּנים דעם מאַכט-האָבנדיקן קלאַס. דאָסטאָיעווסקי שילדערט
נישט גלייכגילטיק דעמדאָזיקן עפּיזאָד און באַמיט זיך זיין באַ-

ליידיקטן העלד צו שטעלן אין אַ שענערן מצב ווי זיין באַ-
ליידיקער.

אין דערדאָזיקער מעשה, ווי אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוו קומט שפּעטער צום זעלבן באַליידיקטן קאַפּיטאַן אין שלוחות פון קאַ-טערינאַ איוואַנאָוונאַ, אים איבערצוגעבן מיט אַ געלט-שטיצע און גלייכצייטיק אין זיין, אַליאָשאַס, אייגענעם נאָמען איבער-צובעטן אים פאַר זיין ברודערס באַליידיקונג; אין דעם ווי דער אָרעמער פון דחקות דערדריקטער קאַפּיטאַן קעמפט מיט זיך וועגן יאָ אָדער נישט נעמען די שטיצע, וואָס קומט אומדירעקט מצד זיין באַליידיקער; אין דעם, ווי ס'איז ענדלעך גובר דאָס געפיל פון נויט איבער דעם געפיל פון שטאָלץ; זיין אויסגע-שריי: „דער באַליידיקטער פאַרקויפט נישט זיין כבוד פאַר געלט! זאָלן אַלע באַליידיקער וויסן, אַז אַ דורכן לעבן דערנידריקטער מענטש האָט אויך אַ נשמה, וואָס איז אפשר גיכער מסוגל צו פילן אַ באַליידיקונג, ווי די באַליידיקער" — וויפיל פּאָזיטיווע באַציונג דאָס איז פון דאָסטאָיעווסקין צום אָרעמען!

אָבער צוליב נאָך איין מאָטיוו איז דאָסטאָיעווסקי געגען באַליידיקן און דערנידריקן איין מענטש דעם צווייטן: די וויר-קונג וואָס דאָס האָט אויף דער נשמה פון קינד. ווי שעדלעך ווירקט עס אויפן קאַפּיטאַנס יונגעלע, ווען מען באַליידיקט זיין פאָטער! וויפל פאַרביטערונג טראָגט עס אַריין אין זיין צאַרט נשמהלע, וויפל מיזאַנטראָפּישער סם גיסט עס אַריין אין זיין יונג מחל, וואָס נעמט אויסאַרבעטן דעם באַגריף, אַז מענטשן זענען שלעכט און געמיין. ער זעט דאָס און פילט דאָס. נישט בלויז דורך זיין פאָטערס באַליידיקונג, נאָר ער לעבט דאָס אי-בער אויף זיין יונג-גופל אויך, זעענדיק ווי די איבעריקע קינדער רייכערע פון אים, פאַרפאָלגן אים, מאַכן פון אים חוזק. אין זיין פאַרביטערטן מצב קען ער נישט פאַרטראָגן ווען דער צו-פעליק דורכגייענדיקער אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוו פּרוווט מאַכן שלום צווישן אים און זיינע פאַרפאָלגער און — ער באַליידיקט נאָך

זיין רודף שלומניק... דער גוטמוטיקער אַליאָשאַ פאַרשטייט לכתחילה נישט דעם קינדס האַנדלונג. אָבער שפּעטער, ביי זיין פאָטער אין שטוב, פערשטייט ער שוין, אַז שולדיק זענען די באַליידיקער... און אָט — געגן דעם פאַרדאַרבן די קינדערישע נשמהלעך מיט שלעכטס זענען מענטשלעכע זינד אומפאַרגעבלעך!

14

איינס פון די שענסטע בעסטע מאָמענטן אין דאָזיקן געניאַלן ווערק, איז דאָס גייסטיקע דערקענען זיך צווישן די ברודער איוואַן און אַליאָשאַ. הגם די ברודער זענען פון איין טאַטן (נישט פון איין מאַמען), זענען אָבער זייערע נאַטורן און גייסטיקע אייגנשאַפטן גאַנץ באַזונדערע. זיי שטעלן מיט זיך פאָר סימבאָלישע טיפּן, זיי אילוסטרירן באַזונדערע וועלט-באַנעמונגען, דורך וועלכע ס'קומען צום אויסדרוק עטלעכע פון דאָסטאָיעווסקיס אוניווערסאַל-מענטשלעכע פּראָבלעמען. מיטן דערנענטערן זיך פון די ביידע ברידער, דורך זייער עקסטרעם-שאַרפע נאַטור-קאָנטראַסן און איבערצייגונגען, ווערט אונז קלאָר די הויפּט-פילאָזאָפיע פון דאָזיקן ווערק (אין דאָס איז יענער הויפּט-שטריך, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורכן גאַנצן אידייען-אוצר וואָס הייסט: דאָסטאָיעווסקיס ווערק). דאָ איז געקומען צום אויסדרוק מיט דעמאָנישן כח דאָסטאָיעווסקיס נשמה-תוך, דאָ האָט זיין טאַלאַנט דערגרייכט די העכסטע שטאַפּלען פון מעגלעכקייט. זיין סאַדיזם ביים שלידערן אונז אין פּנים אַריין אַלץ, וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן וועלט און מענטש, דרינגט אַריין אין אונזער מאַרך און מאַכט אונז שוידערן, ווייל מיר זען זיך פּנים-אל-פּנים מיטן גהנמדיקן תהום, וואָס שפּרייט זיך פאַנאַנדער איבערן וועג, דורך וועלכן עס שפּאַנט דאָס לעבן פון דער

מענטשהייט. מיר זען די אומפאַרמיידלעכע סתירות צווישן מענטשלעכער שטרעבונג צו וועלט-האַרמאָניע און די אייביקע אומדערגרייכנדיקייט דערפון, וואָס קאָן דורך קיין שום טעאָריעס, פּשטלעך און סאָפיזמען נישט באַזייטיקט ווערן.

די האַרמאָניע פון אונזער וועלט איז פאַרבינדן מיטן וואָרצל פון אַן אַנדערערע מער דערהויבענע וועלט. אַהין ציען אויך אונזערע געפילן, הגם דעם תמצות פון דער אָט דערהויבענער וועלט זענען מיר קוים בכח משיג צו זיין. און טאַקע דערפאַר האַלט די פילאָזאָפיע אונזער פאַרשטאַנד פאַר באַגרענעצט. אָט די דערמאָנטע געפילן און די שטרעבונג צו דערהויבנקייט, וואָס איז דער איינציקער פּאָזיטיווער פאַקטאָר אין אונזער לעבן, לעשט זיך אויס און פאַרוואַנדלט זיך אין גלייכגילטיקייט — אויב נישט האַס — צום לעבן, ווען נאָר מיר הערן אויף צו גלויבן. אָבער... מען מוז אויפהערן צו גלויבן אויב נאָר מען דענקט.

ווי תמיד, דרייט זיך דער שמועס צווישן עלטסטן און יונגסטן ברודער, אַלץ אַרום די אייביקע פּראָבלעמען גאָט — מענטש. איוואַן דער אַטעיסט איז כסדר דער אָנגרייפער, באַשולדיקער. אַליאָשאַ—דער צוהערער און שוואַכער אָפּוועגדער, בעת איוואַן אַנטוויקלט זיין טעאָריע בנוגע די פּראָבלעמען:

„ס'איז — מיינט ער — נאַריש צו גלויבן אין גאָט, פּונקט ווי ס'איז נאַריש נישט צו גלויבן. דער גלויבן גופא האָט אין דעם פּרט גאָרנישט צו דעצידירן. דאָ האַנדלט זיך הויפּטזאַכלעך אין באַגריפן, און גאָט געהערט נאָך אַלץ צו די פאַר אונזער שטאַרק באַגרענעצטן שכל אומבאַגרייפנדיקע מאַטעריעס. אונזער שכל איז אַלץ נישט בכח צו דערגרונטעווען זיך צו דעם, וואָס איז איבער צייט רוים, איבערן קאָסמאָס און אַלע זיינע דערשיינונגען. היינט ווי אַזוי ווילן מיר עפּעס באַשטימען וועגן אַזאַ מאַטעריע ווי עס איז די גאָטהייט?

„אָבער — ציט ער ווייטער — דאָס וויכטיקסטע ליגט נישט אין דער פראַגע פון יאָ אָדער נישט עקזיסטירן פון גאָט,

נאָר אין דעם „וואָס דער געדאַנק וועגן גאָט האָט געקענט אַרײַנדרינגען אין מח פֿון אַזאַ בייזער און ווילדער חיה, ווי ס׳איז דער מענטש”...

אויב אין ערשטן טייל פֿון דאָזיקן געדאַנק איז דאָסטאָיעווסקי געגאַנגען אויף הנחות מיט זיין העלד, אַזוי ווי מיט אַ לאָגישן אַטעיסט, האָלט ער אים שוין ביים אויספֿיר פֿון געדאַנק פֿאַר אַ סקעפּטיקער בנוגע דעם מענטש גופֿא, בנוגע זיין דערוואַקסנקייט צו אַזעלכע הויכע מאַטעריעס. דאָ קומט צום אויסדרוק דער גאַנצער סקעפּטיציזם צו דער מענטשהייט, וואָס עס טראָגט אין זיך אַזאַ נשמה, אַדאַנק דעם שטענדיקן טראַכטן און פֿאָרשן דאָס לעבן. איוואַן איז איינער פֿון יענע אינדיווידואַליסטן, וועלכע באַציִען זיך צום לעבן נישט מיט אָנערקענונג אָדער גרינגשאַצונג, נאָר ווייטיקן עס דורך, טראַכטן וועגן אַלץ, וואָס קאָן פֿירן צום דערגרונטעווען זיך צום זין פֿון לעבן און, — באַקומען סוף־כל־סוף געבראָכן די פֿליגל...

און אויב, אַז קיין זאַך איז פֿאַר אונז נישט דערגרייכנדיק, אויף אונזערע פֿליגל פֿון געדאַנק וועלן מיר נישט דערפֿליִען איבער די געוויילעכע גרענעצן פֿון מעגלעכקייט—צווואָסזשע דאָס טראַכטן, דאָס אָננעמען אָדער אָפּוואַרפֿן אַלערליי השערות, וועלכע קלערן גאָרנישט אויף?

צו אַזאַ סאָפֿיזם דערגייט אָט דער סקעפּטיקער. און נאָך ווייטער:

אויב אַפֿילו גאָט זאָל יאָ עקזיסטירן, און ס׳זאָל אַפֿילו אויך זיין אמת דער געדאַנק פֿון דער האַרמאָניע, וואָס דאַרף ווען ס׳איז קומען אויף דער וועלט; אויב אַלע מענטשלעכע סתירות זאָלן אַפֿילו דעמאָלט באַזייטיקט ווערן, — קען ער, איוואַן קאַראַמאַזאָוו, אויך נישט אָנערקענען נישט גאָט און נישט זיין וועלט.

אויף אָט דעם לעצטן געדאַנק בויט זיך איוואַנס גאַנצער וועלט־באַגעם, וואָס ווערט גרונטלעך קלאָר געמאַכט אין אַ לאַנגן מאָנאָלאָג. דידאָזיקע באַגרינדונג איז אַ שאַרפֿע ביטש איבערן

געמיט און איבער דער נשמה פון לייענער. מען דערפילט זיך, אַז סיי אַליין, סיי אַלס טייל־כּלל פון דער מענטשהייט שטייט מען פאַרן משפּט פון אַן אומרחמנותדיקן אָבער גערעכטן שופט. קיין מחילה, קיין מיטגעפיל איז נישט צו דערוואַרטן. דאָס איז אַ שופט, וועלכער איז איבערצייגט, אַז דער באַשולדיקטער — די מענטשהייט — איז אָרגאַניש נישט פעיק צו דערהויבן זיך צו דער געגאַרטער האַרמאָניע. אָבער — שניידן, שטראָפן דאַרף מען בלויז פאַר דער חוצפּה צו שווינדלען מיט אָט די הויכע באַגריפן. פאַר דער חוצפּה צו מאַכן פון נבלה—טוגנט...

15

קודם־כּל פאַרוואַרפט ער דעם געדאַנק וועגן קריסטלעכער ליבע. די ליבע פון מענטש צו מענטש אַלס מאָראַלישער חוב, אַזאַ זאַך איז נישט מעגלעך, ווייל ס'איז סותר די מענטשלעכע נאַטור, וועלכע איז פיינטלעך צו איינאַנדער. פּונקט אַזוי איז נישט מעגלעך די אויסגלייכונג פון מענטשלעכע נאַטורן און שטרעבונגען. מענטשן טיילן זיך אויף מער אָדער ווייניקער פילנדיקע צו יענעמס ליידן און אויף גאַנץ טעמפּע אין דעם פּרט. קיינער קאָן דעם צווייטנס ליידן נישט מיטפילן פּשוט דערפאַר, וואָס ער איז אַ צווייטער... אַחוץ דעם באַזיצן מענטשן די טבע צו משפּטן אַ צווייטנס געפילן און איבערלעבונגען, נישט לויט אָביעקטיוו־פּסיכאָלאָגישע דערקענטעניש (און דאָס איז בכלל אוממעגלעך), נאָר לויט סוביעקטיווע אויסערלעכע איינדרוקן, בפרט ווען עס האַנדלט זיך נישט אין פיזישע, נאָר אין אידעאַלע, אָדער מאָראַלע ליידן. אין דעם דאָמינירט אויך דער מענטשלעכער עגאָאיזם, וואָס איז שטאַרקער פון אַלע געבאָטן.

אז קיין ליבע קאָן בכלל נישט עקזיסטירן צווישן מענטש, באַווייזן די מענטשלעכע ליידן, וואָס פילן אָן דעם וועלט־חלל. ווען מען באַגרייפט דאָס, איז שוין נישט שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס איוואַן קאַראַמאַזאָוו נעמט נישט אָן די וועלט. ס'לוינט זיך נישט די מי... מענטשן זענען עס נישט ווערט... זיי זענען גרויס און קלוג, עסן פון עץ־הדעת, ווייסן וואָס גוט און וואָס שלעכט, האָבן די מעגלעכקייט אויסצוקלויבן צווישן ביידע, און אויב זיי קלויבן גיכער אויס דעם וועג פון פאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין אַ יאָמער־טאָל — טאָ צי וואָס נאָך רעדן וועגן ליבע און האַרמאָניע?..

דער אמת פון האָזיקן געדאַנק, וואָלט שוין אייגנטלעך געזאָגט געווען אונדז צו צעשמעטערן, אָבער איוואַן גייט אין זיין עקזעקוציע נאָך ווייטער:

דאָס אַלץ איז ווען מען פילאָזאָפירט וועגן די ליידן און זינד פון די גרויסע, פון די,וועלכע זענען פאַר זייערע מעשים פאַראַנטוואָרטלעך. קומט מען אָבער צו די ליידן פון די קינדער, וואָס אויך די גרויסע זענען גורם — ווערט דאָס בילד באַכמער שוידערלעכער. און דאָס קען מען שוין נישט אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן מיט כּעס. דאָ מוז מען זיך אַוועקשטעלן: פאַרוואָס? פאַרוואָס זאָלן די קליינינקע מלאכימלעך ליידן פאַר די זינד פון די גרויסע?..

איוואַן שילדערט אַ מוראדיק בילד פון די ליידן און פיין, וואָס עס שטייען אויס קינדער, סיי פון אייגענע עלטערן, סיי פון פרעמדער דערציער. די פאַקטן, וועלכע איוואַן ברענגט מאַכן גליווערן דאָס בלוט. ער האָט זיי עקסטרע געזאַמלט צו אילוסטרירן זיין טעאָריע וועגן מענטשלעכער היהשקייט, צוליב וועלכן די דאַרמאָניע ווערט אַן אוממעגלעכע זאַך. ער פירט דורך אַ דעפיניציע צווישן רוסישן סיסטעם אויפן געביט פון קינדער־פייניקונג און דעם מערב־אייראָפּעישן... דאָ איז אַלץ פרימיטיוו, גראָב, באַרבאַריש, דאָרט — ציוויליזירט; דאָ שמייסט מען און מען פאַרפייניקט צום טויט קינדער אָן חכמות, דאָרט— דאַפינירט...

אָט איז אַ פֿאַל מיט אַ קינד, וואָס ווערט דערצויגן ביי פּאַסטוכער, ווערט פֿאַרפּייניקט דורך הונגער און ווערט סוף־כּל־סוף אַ פֿאַרברעכער. אָבער ווערנדיק פֿאַרמשפּט צום טויט, קומען צו אים פֿאָרשטייער פֿון אַלע רעליגיעס, און... „מען קערט אים אום צו גאָט"... הויבט ער סוף־כּל־סוף אַליין אָן צו גלויבן, אַז ער „גייט צו גאָט" און אַלע אַרומיקע קוועלן אָן פֿון זייער קרבן... אַזוי ווייט באַרבאַריש קאָן דער מענטש דערגיין, אונטער דער מאַסקע פֿון גאָט און פֿון הייליקע פֿראַזן. צו דער דאָזיקער טאַט איז אַ בכּוונה־צביעותדיקע, אָדער בלויז אַ פּועל־יוצא פֿון מעכאַנישער אויסאיבונג פֿון טראַדיציעס — איז דאָ שווער צו וויסן. ביידע מעגלעכקייטן זענען נישט אויסגעשלאָסן. אָבער פֿאַר איוואַן קאַראַמאַזאָוו איז דאָס נישט וויכטיק. ער וויל בכלל נישט נאָכקלערן וועגן דעם, ער וויל בעסער בלייבן ביי זיינע פֿאַקטן. דערדאָזיקער סקעפּטיקער האָט מורא אָפּצולאָזן די פֿאַקטן, טאָמער... וועט עס אָפּשוואַכן זיין איבערציי־גונג. און נישט אומזיסט: טראַכטנדיק, קען מען אפשר געפֿונען אַ שטראַל ליכט צו באַלייכטן דעם חושך, וואָס הילט איין דאָס מענטשלעכע לעבן. שוין דער בלויזער פֿאַקט, וואָס צו יעדער צייט זענען פֿאַראַן, מעג זיין אַפֿילו אַ קליינע צאָל מענטשן, וועלכע טראַכטן זיך אַריין אין דעם אַלעם און שטרעבן פֿאָרט צו אַ ליכטיקן אַרויסגאַנג פֿון דער לאַגע, — דאָס איז דאָך שוין אויך עפּעס, וואָס שטערט דאָס פֿאַרגיינען אַלץ...

אין אָט דער מורא איוואַנס ליגט זיין שוואַכע זייט, אין וועלכע מען וואָלט ביי אַ געוויסע אָנשטרענגונג געקענט מאַכן אַ שטיקל איינברוך... אָבער ער אַנטלויפֿט אַלץ פֿון דער סכּנה און גייט ווייטער אויף זיין אויסגעטראָטענעם וועג. און דער וועג איז שווער און פֿיינלעך, פֿירנדיק ווידער צו די ליידן פֿונם קינד, קעגן וועלכן ס'איז קיין שום פֿאַרענטפֿער נישטאָ. ווייל אויב וועגן די גרויסע קאָן מען זאָגן: זייערע ליידן זענען נויטיק פֿאַר דער צוקונפֿט, ווען אַלץ און אַלע וועלן זיך צונויפֿגיסן אין איין סימפֿאָניע פֿון ליבע און אמת — קאָן מען

עס אָבער בשום אופן נישט זאָגן וועגן די קינדער. יענע האָבן מיט גאָרנישט געזינדיקט; מיט וועלכע רעכט נעמט מען זיי אַריין אין חשבון פון די ליידן? צוליבן אמת? אויב אַזוי איז דער גאַנצער אמת נישט ווערט קיין טרערעלע פון איין געפייניקט קינד! און קיין מחילה צווישן פייניקער און געפייניקטע טאָר גאָרנישט זיין, פונקט ווי ס'טאָר נישט זיין קיין נקמה, ווייל ווי אַ פּרייז פאַר דער „האַרמאָניע", איז עס אַ צו-טייערער. דאַריבער — די גאַנצע קאָנצעפּציע פון גאָט, וועלט און האַרמאָניע נעמט ער, איוואַן קאַראַמאַזאָוו, נישט אָן...

אַליאָשאַ פּרוּווט אים אַפילו צום סוף, אַלס ענטפער, אויפווייזן, אַז איין וועזן איז יאָ אומשטאַנד אַלץ און פאַר אַלץ מוחל צו זיין, ווייל ער (יעזוס) האָט אַליין זיין בלוט מקריב געווען פאַר אַלץ. אָבער דאַרויף אַנטוויקלט ערשט איוואַן אַ נייע קאָנצעפּציע, אין פאָרם פון אַ לאַנגער פאַנטאַסטיש-מיסטישער אַ ביסל כאַאָטישער פּאָעמע, אויף צו אילוסטרירן די ריכטיקייט פון זיין געדאַנק. דידאָזיקע פּאָעמע בלייבט איינע פון די טיפסטע ווערק, וואָס די וועלט-ליטעראַטור פאַרמאָגט עד-היום.

16

דידאָזיקע מיסטיש-פאַנטאַסטישע פּאָעמע, וועלכע איוואַן האָט אַזוי ברייט אַנטוויקלט פאַר אַליאָשאַן, שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָריגינעלע און העכסט קאָמפּליצירטע אויפפאַסונג איבער גלויבן בכלל און איבערן רוימיש-קאַטוילישן בפרט, איבער זיינע עיקרים מיט וועלכע ער שטייט — לויט דער פּראַוואָסלאַוונער אויפפאַסונג — אין קעגנזאַץ צום קריסטנטום. דערמיט, וואָס די ערדישע פאַרטרעטונג פון קריסטוסעס ערע האָט

זיך אויספּאָרמירט אַלס זעלבשטענדיקער כּוח, וואָס רעגירט אומ־אָפּהענגיק פון וועלכער העכערער געטלעכער מאַכט, איז די־דאָזיקע פּאַרטרעטונג געקומען אין סתּירה צו קריסטוסעס אידייע פון אַ פרייען מענטש.

דער מענטש וויל זען ניסים, ממשותדיקע מעשים, וועלכע זאָלן אים זאָט מאַכן און דאָס גיט אים די ערדישע פּאַרטרעטונג. אָבער מיטן דאָזיקן מאַטעריאַליזם, מיט דעם צופּאַסן זיך צום לעבן, וועט די ערדישע פּאַרטרעטונג פּאַרטרייבן די געט־לעכע מאַכט, די ריינע אַבסטראַקציע פון קריסטוסעס לערע, ווייל — דער מענטש וועט אַליין זיין פרייקייט ברענגען צו די פיס פון די מאַכטהאָבער, און — די געטלעכע אידייע וועט חרוב ווערן. דאַמאָלס וועט אַ נייער בבל־טורם אויפגעבויט ווערן (סאָציאַליזם) און מענטשן וועלן זיך דערמיט ווידער קוויקן אַ טויזנט יאָר, אָדער גאָר זיך אָפּמאַטערן, און לסוף — נישט אויסהאַלטנדיק, זיך צוריק אומקערן צום געטלעכן גלויבן, ווייל פון קיין שום תּורות וועלן מענטשן קיינמאָל נישט זאַט ווערן...

אַזוי גלויבט איוואַנס פאַנטאַסטישער גרויס אינקוויזיטאָר, דער העלד פון זיין פּאָעמע, ער, וועלכער נעמט געפאַנגען יעזוסן אַליין, ווען יענער קומט אים שטערן מיט אַריינמישן זיך אין דער ערדישער הנהגה.

דער גרויס־אינקוויזיטאָר, אַלס דער סימבאָל פון דער אַלער־העכסטער ערדישער מאַכט האַלט, אַז „ער" האָט שוין איינמאָל אַלץ געזאָגט און מוסף זיין טאָר ער שוין נישט, ווי באַלד די הנהגה געהער דעם פּויפּסטנטום. צי וואָס קומען זאָגן דעות?..

וואָס שייך פרייקייט און ברויט, וועט עס קיינמאָל נישט זיין גענוג פאַר אַלע, און ווען יאָ, וועלן זיך די מענטשן נישט קענען איינטיילן...

אין דער פּאָרמולירונג פון דאָזיקן אויספיר, אין דער אַל־געמיינער אידייע פון דער פּאָעמע מיט זיין גרויס אינקוויזי־טאָר בראש, דערקענט מען נישט שווער דעם וועלט־באַנעם פון

דאָסטאָיעווסקין. מען דערקענט גלייך די אידענטישקייט מיט דער צווייטער — פריערדיקער — פאָרמולע: דאָס פאָלק דאַרף שמייץ, שטאָט פרייהייט... אָבער דאָס מאָל ווערט עס מאָטיווירט דערמיט, וואָס די מענטשהייט איז שוואַך און איז נישט צוגעפּאַסט צו ליידן צוליב הימלישע אידייען.. אידעאַליסטן קענען זיין אַ קליינע מינדערהייט. וואָס זאָל אָבער זיין מיט די איבעריקע הונדערטער מיליאָנען שוואַכע? דאָ מוז שוין, אַלזאָ, די ערדישע פאַרטרעטונג איבערנעמען די פאַרמיטלונג צווישן די אַלע מיליאָנען און דער געטלעכקייט, שטעלנדיק זיך בראש פון אַלע, מסכּים זייענדיק גלייכצייטיק צו טראָגן דעם עול פון... פרייקייט, וועלכע קיינער וויל נישט, אָדער קאָן נישט טראָגן...פאַר דער מאַסע — מיינט דער אינקוויזיטאָר — איז עס גענוג, בפרט ווען מען שמועסט זיי איין, אַז מען קומט אין נאָמען פון „אים"... און „זיינע" איז אויך די שולד, ווייל „ער" האָט לשם פרייקייט נישט געוואָלט פאַרענטפערן די אייביקע ברויט־פראַגע; „ער" האָט נישט געוואָלט פאַרבינדן דעם גייסט מיט דער מאַטעריע, בלייבנדיק בלויז ביים אַבסטראַקטן גייסט. אָבער דאָס קאָן בשום אופן נישט זיין דער איינציקער אינהאַלט פאַרן מאַסן־לעבן. דאַריבער — דאַריבער איז נאַטירלעך דער נצחון און די העגעמאָניע פון די פאַרמיטלער צווישן „אים" און רעאַלן לעבן, הגם די פאַרמיטלער זענען... „זיינע" קעגנער. און דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס דער מענטשלעכער באַגריף וועגן גלויבן איז אַזוי ווייט פון דער אַבסטראַקטער געטלעכער אידייע, וואָס האָט געזאָלט זיין דער תוך פון אָט דעם גלויבן...

סיי־ווי־סיי איז אָבער געבליבן די העגעמאָניע איבער די פעלקער אָן אַ טראָפּן גייסטיקייט, און אויסגענוצט ווערט דאָס קעגן די פעלקער,זיך שטיצנדיק אויפן פאַקט פון מענטשלעכער טעמפּקייט, פון נישט באַגרייפן די אידייע און די נויטיקייט פאַר ווירקלעכער פרייקייט. קלאָר, אַז די דערמאָנטע העגעמאָניע דערלאָזט שוין נישט, אַז די ריינע אידייע פון „זיין" ווילן זאָל

ווען עס איז דערגיין צו די פעלקער, ווייל די זעלבע ערדישע פאַרטרעטונג האָט עס פאַרקריפּלט מתחילת, ווען דאָס וואָרט איז אַרויס פון „זיין" מויל...

יאָ, אַ חוץ טעמפּקייט און אינדיפערענטיזם, ווירקן אויך אַ סך אַנדערע היסטאָרישע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע כּוחות. אָבער אויף זיי ווייזט דאָסטאָיעווסקי נישט אָן. ס'איז אין הסכּם מיט זיין סקעפּטיציזם בנוגע דער מענטשהייטס־ווילן צו פריי־קייט. און מען מוז מודה זיין: נישט אַזוי לייכט לאָזט זיך דערדאָזיקער פאַקט אָפּלייקענען.

17

דער מענטש איז אַלזאָ נישט דערוואַקסן צו אַבסטראַקטער גייסטלעכקייט אָן אַ מאַטעריעלן יסוד. דער מענטש אַפילו אין זיין קאָלעקטיוויסטישע שטרעבונג, איז אויך נישט אויסן די האַרמאָניע פון קאָלעקטיוון צונויפלעבן, נאָר... דאָס בוקן זיך פאַר עפּעס זיכערס. און קיין זיכערס ווי ברויט איז נישטאָ... צוליבן געמיינזאַמען בוקן זיך ווערן געטער געשאַפן און מלחמות גע־פירט: „וואַרפט אַוועק אייערע געטער און קומט זיך בוקן צו אונזערע, אויב נישט — איז אַ תּל פון אייך און אייערע גע־טער!" אַזוי וועט עס אויך אייביק זיין. אַפילו ווען געטער וועלן פאַרשווינדן וועל דעמאָלסן זיין אָפּגעטער (פאַרטייען, באַוועגונגען.). דער מענטש וועט תּמיד גיין נאָך די באַצויבע־רער פון זיין געוויסן. דאָס ערגסטע איז וואָס „ער" האָט נישט באַגרענעצט די פרייקייט, נאָר נאָך פאַרברייטערט זי, הייסנדיק אויסוויילן צווישן גוטס און שלעכטס. דער מענטש אָבער נוי־טיקט זיך אין פעסטע כּללים נישט אין ספקדיק פיינלעכע טראַכ־טענישן. „ער" האָט געמיינט, אַז דער מענטש וועט פרייוויליק

גיין נאָך „אים", אָבער דער מענטש איז צו שוואַך צו זיין אַזוי שטאַרק. דעריבער וועט דער מענטש גיכער פאַרלייקענען סיי „אים", סיי זיין אמת. דאָס איז אַלזאָ דער יסוד אויף חרוב צו מאַכן „זיין" מלוכה...

פאַראַן דריי כּוחות, וואָס זענען מסוגל צו באַרויקן דעם מענטש: דער נס, דער סוד און דער שם. „ער" אָבער האָט דעם מענטש פון דעם אַלעם באַפרייט, איבערלאָזנדיק אים בלויז די פרייע איניציאַטיוו צו פאַרענטפערן זעלבשטענדיק אַלע אי־בערלעכע ספקות, מיינענדיק, אַז ווען דער מענטש וועט גיין מיט גאָט, ס'הייסט גלויבן אין אים, וועט ער זיך שוין נישט נויטיקן אין ניסים. אָבער — דער מענטש נויטיקט זיך אין ניסים מערער ווי אין גאָט. און נישט האָבנדיק דאָס ערשטע, שאָקלט ער זיך אָפּ פון צווייטן... נאָר — דער מענטש איז זיין שטרע־בונג נאָכן נס, באַשאַפט אים אַליין און בוקט זיך פאַר אים. „ער" איז נישט אַראָפּ פון צלם, ווען מען האָט אים גערופן: „גיי אַראָפּ, וועלן מיר זען, אַז דאָס ביסטו". „ער" איז נישט אַראָפּ, אָפּנאַרנדיק דערמיט דעם גלויבן אין ניסים און די קנעכ־טישע התפּעלות פאַר איבערנאַטירלעכע דערשיינונגען. אָבער — דער מענטש איז געווען און בלייבט אַ קנעכט, הגם זיין נאַטור רעוואָלטירט אַ סך מאָל. אָט אַזוי זענען יאָרהונדערטער אַריבער. האָט זיך דער מענטש דערנענטערט און דערהויבן צו גאָט? אמת, עס זענען פאַראַן אַ קליינע צאָל „הייליקע", וואָס זענען אויסגעטון פון ערדישן לעבן און גייען נאָך גאָט, זענען זיי אָבער אַליין גיכער האַלבע געטער, איידער מענטשן.

און דאָ קומען מיר צום עיקר קאַמף צווישן ערדישער און הימלישער מאַכט.

די הימלישע מאַכט האָט געוואָלט דעם מענטש מאַכן פריי און דערהויבן אים צו זיך, בעת די ערדישע פאַרקערט: צונעמען פון מענטש זיין פרייען ווילן, אָנציען אים אויפן נס און אויפן שם. און דאָס איז אין גרעסטן טייל געלונגען: דער מענטש איז געוואָרן אַ שקלאַפישער נאָכגייער נאָך דעם ערדישן און איז

צופרידן, ווען מען פירט אים ווי אַ שעפּס, האָבנדיק די איילוזיע, אַז ער איז פריי... פריי אין זיין ווילן און אין זיין אויסוואַל.

ענדיקן ענדיקט זיך די מערקווירדיקע פּאָעמע, מיטן זיג פון ערדישן איבערן געטלעכן און טאַקע אין „זיין" נאָמען... הגם „ער" אַליין ווערט געהאַסט פאַר זיין נישט צופּאַסן זיך צו די באַדערפענישן פון די שוואַכע, וועלכע גייען טאַקע מיט מער חשק אונטער די פירערשאַפט פון די פאַרטרעטער דאָ אויף דער ערד. „דאָ" ווערן מענטשן באַפרייט פון אַלע ספיקות און אַפילו עבירות, דורכן בלויזן מתוודה זיין, וואָס באַרויקט. און אַז דאָס גליק וועט אַלעמען באַהערשן, וועלן בלויז „זיי" זיין די אומגליקלעכע, טראָגנדיק די לאַסט פון אַלע אומגליקן...

דאָס איז דער וועג צו דער געגאַרטער דורך דאָסטאָיעווסקין, האַרמאָניע, וואָס קאָן דורך פרייקייט נישט דערגרייכט ווערן. אויך דער גלויבן אין די ערדישע פירער איז אַזוי גרויס— באַרימט זיך דער גרויס-אינקוויזיטאָר — אַז „אים" אַליין וועט מען אַפילו פאַרברענען אויף „זייער" באַפעל.

18

דער סינטעז צווישן ערדישן און הימלישן איז אַלזאָ לויט דאָסטאָיעווסקין נישט געלונגען. דער גייסטיקער אַבסטראַקטיזם האָט פאַרשפּילט דעם קאַמף און געמוזט אָפּטרעטן זיין מאַכט דעם ערדישן מאַטעראַליזם, אין געשטאַלט פון רעליגיע, וועלכע האַלט אויסגעשפּרייט אירע העגעמאָניע-פליגל איבער דער וועלט. דאָסטאָיעווסקי האָט אפשר אין זיין צייט נישט באַמערקט און אפשר נישט געוואָלט באַמערקן, ווי אָט די העגעמאָניע הויבט אָן זיך אויסצולעבן, הויבט אָן פאַרלירן דעם אָנזען און באַדיי

טונג אַלס וואָרט-פירער ביי דער מענטשהייט. וואָלט דאָסטאָ-יעווסקי נישט געווען פולשטענדיק אונטערן איינפלוס פון דער אידייע וועגן דער נוצלעכקייט פון די ערדישע „פירער", וואָלט ער אויך געקענט באַמערקן, אַז אָט די זעלבע פאַרשקלאַפטע מענטשהייט, וועלכע וויל פלומרשט נישט קיין פרייקייט, טרייסלט זיך ביסלעכווייז אָפּ פון לאַנגען שלאָף-קאָשמאַר, וואָס די רע-ליגיע האָט אויסגעווירקט און הייבט אָן זוכן אַ נייעם וועג, אַ וועג, וואָס פירט אפשר צו אַ נייע גאָטהייט, נישט קיין הימ-לישע און נישט אַזעלכע, וואָס זאָל זיך לאָזן באַזיגן פון ערדישע „פאַרטרעטער", נאָר צו אַ גאָט, וואָס וועט צוזאַמען מיט אַלע ספיקות אויך באַפרייען דעם מענטש פון אַלע אוזורפּאַטאָרישע און אומגעבעטענע „פירער", צו אַגאָט פון מענטשלעכקייט, פון גלויבן אין זיך פון שטרעבונגען צו אַלגעמיינעם און אַבסאָלוטן גליק, וואָס עס קען געבן אַ נייער געזעלשאַפטלעכער סדר.

וואַרפן מיר אָבער אָפּ די רעאַקציאָנערע און יעזואיטישע מאָטיוון אין איוואַנס פּאָעמע, בלייבט זי אַלס מייסטער ווערק פון מענטשלעכן דענקען, פון דאָסטאָיעווסקיס גאונישער גרויס-קייט און פּסיכאָלאָגיש-קינסטלערישער טיפקייט.

19

אין אַ שמועס צווישן די קאַראַמאַזאָווס מיטן „סטאַרעץ" זאָסימאַ, ווערט באַרירט דאָס פאַרברעכן-און שטראָף-פּראָבלעם, דאָס פּראָבלעם, וואָס דאָסטאָיעווסקי מיידט נישט אויס אין קיינס פון זיינע וויכטיקע ווערק. אין יעדן פון זיי געפינט ער עפּעס אַ נייעם געדאַנק, אַ נייע פאָרמולע; אין יעדן פון זיי אַטאַקירט ער מיט אַנדערע אַרגומענטן, אָבער אַלע דאַרפן זיי זיין לטובת דעם פאַרברעכער, נישט צו דעקן דאָס פאַרברעכן, נאָר אויפצו-

דעקן די אומבאַהאָלפנקייט און בייזווילִיקייט, מיט וועלכע די געזעלשאַפט באַהאַנדלט אָט דאָס פּראָבלעם.

דער „סטאַרעץ" באַציט זיך צום פאַרברעכן-פּראָבלעם פון אַ ריין-קירכלעכן שטאַנדפּונקט: דאָס עקזיסטירנדיקע שטראָף-סיסטעם איז צוועקלאָז, שוין בלויז דערפאַר, וואָס דאָס פאַרמערט נאָך פאַרברעכן און פאַרברעכער. די איינציקע שטראָף איז נאָר — געוויסן. דער פאַברעכער גלויבט, אַז נאָר פאַר דער קירכע מעג ער זיין אָפנהאַרציק און באַווייזן זיין שולד, ווייל — די קירכע באַגייט זיך מיט אים רחמנותדיק. וואָלט זי זיך אָפּגעקערט פון פאַרברעכער, ווי עס טוט עס די מלוכה, וואָלט ער אויפגעהערט גלויבן, (די רוסישע פאַרברעכער גלויבן...) און וואָלט מיט האַס ווייטער געבליבן פאַרברעכער. אין אויסלאַנד, ווו די קירכע האָט קיין אָנזען נישט, גלויבט נישט דער פאַרברעכער אין אויטאָריטעט, ער האַלט דאַריבער, אַז... ער איז שולדיק און בלייבט אין שטענדיקן קאָנפליקט מיט דער געזעלשאַפט. ווען אָבער — פירט אויס דער „סטאַרעץ" — דער כּלל זאָל בטל ווערן אין דער קירכע, וואָלט עס געמינערט פאַרברעכער...

בכלל גלויבט דער „סטאַרעץ", אַז אין דעם פּרט, וועט די זון אויף גיין אין מזרח...

אַ פאַרקערטער מיינונג, וועגן דער ראָלע פון דער קירכע, האָט דער פאָטער קאַרמאַזאָוו. דאָ ווייזט ער זיך פלוצלונג אַרויס אין אַ ניי ליכט; עס ווייזט, אַז אונטער דער אויסערלעכקייט פון זיין שטענדיקן שכרות און תאוה, אין דער טיפעניש פון דערדאָזיקער קראַנקער נשמה, לעבט אַ געהירן, וואָס איז נישט אינגאַנצן פאַרטעמפּט. פאַראַן מאָמענטן, ווען ער אינטערעסירט זיך מיט גייסטיקע ענינים און זאָגט אַפילו אַרויס לאָגישע מיינונגען. ער האַלט זיך אַפילו פאַר אַן אַטעיסט, שרייבט אַפילו אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער קירכע, ווו ער זאָגט אַרויס די מיינונג — אין געגנזאַץ צום „סטאַרעץ", — אַז די קירכע דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מלוכה דערמיט, וואָס זי וועט זיך צו פאַסן צו דער ציוויליזאַציע און... אין איר בטל ווערן.

פון דער גאַנצער פּוסטער אַבסטראַקציע. וואָס די ביידע מיינונגען האַלטן אין זיך, איז דאָ אַקערנדל אמת בלויז אין דער טייל, וועלכע שטרייכט אונטער די גלויביקייט פון דעם רוסישן פאַרברעכער, מיט וועלכן ער אונטערשיידט זיך פון „אויסלענדישן”.

וואָלט מען אפשר געדאַרפט דערוואַרטן, אַז איינער פון זיי, למשל איוואַן דער אַטעיסט, זאָל דאָס פּראָבלעם אַביסל ראַדיקאַלער באַלייכטן, עד זאָל ווייניקסטנס אָנווייזן דעם אַבסורד פון געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט, אַז די קירכע זאָל צוריק באַקומען די העגעמאָניע איבערן לעבן פון די פעקער, כדי צומאַכן דער מענטשהייט... מענטשלעך; וואָלט ער געקענט אָנווייזן, אַז די קירכע קען נאָך ווען זיין אַ טרייסט פאַר שוואַכע, פאַרלוירענע, פּיי וועמען דער אינדיווידועלער און אינטעלעקטועלער באַוווסטזיין איז אַטראָפּירט.

אָבער ער, איוואַן קאַראַמאַזאָוו, דער אינדיווידואַליסט, דער נישט גלויביקער, פּלאָנטערט זיך אַליין אין טראַגישן געוועב פון נשמה-צעשפּאָלטנקייט — אַ ירושה פון פאַמיליען-בלוט; ער פאַרמאָגט אַליין נישט קיין קאָנסעקווענטע ליניע אין לעבן, פּונקט ווי עס פאַרמאָגט עס נישט דאָסטאָיעווסקי גופא... אין דער פאַרקערפּערונג פון די קאַראַמאַזאָווס בכלל און אין איוואַנען בפרט, לעבט אַ סך, אַ סך נשמה-אייגנשאַפטן פון דאָסטאָיעווסקין. יעדן פון זיינע העלדן האָט ער איינגעטיילט אַ דאָזע פון זיין איך, פון זיינע וואַקלונגען, ספיקות, סתירות... מאַכט אים טאַקע דער „סטאַרעץ” אויפמערקזאַם, אויף דער סתירה אין איוואַנס מיינונג, אַז... אַלע מענטשלעכע מעשים זענען אינספּירירט פון גלויבן אין דער אומשטאַרבלעכקייט, און ווען נישט אָט דער גלויבן, וואָלט יעדער ווילן צו לעבן און ליבן אָפּגעשטאָרבן און אַלץ וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין כאַאָס; עגאָיזם וואָלט טריומפירט, פאַרברעכן וואָלט געוואָרן נישט נאָר אַ פּשוטע זאַך נאָר — אַ נויטווענדיקייט...

קיין אַנדער אויספיר איז נישט צו דערוואַרטן ביי אַן אי-

בערפלוס פון יאוש. דאַמאָלס פרווווט מען זיך הקרענען אין טראַנס-צידענטאַליזם; דאַמאָלס באַמיט מען זיך אַריינצודרינגען אין די גרענעצן פון אומשטאַרבלעכקייט, איבער די גרענעצן פון „זיין", הגם אייביק אפשר וועט מען זיך טאַפּטשען אין אומוויסנ-דיקייט בנוגע דער אַנטשיידונג אין דידאָזיקע פּראָבלעמען, אייביק וועלן אַטעיסטן נישט זאָגן: מיר ווייסן, פּונקט ווי די פּאַנטעיסטן — וועלן מיינען, אַז זיי ווייסן... די ערשטע וועלן תמיד זיך מאַטערן צו וועלן וויסן און די צווייטע — וועלן האָבן די אילוזיע, אַז זיי ווייסן...

20

אין דער מענטשלעכער נשמה קומט פאָר דער אומאויפ-הערלעכער קאַמף צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן דעם היהשן, וואָס זיצט טיף אינם מענטשן, — נאָך פון די אור-צייטן — און דאָס געטלעכע, וואָס דאַרף אים צו זיך אַרויפהויבן. דער מענטש גופא — מיטן אויסנעם פון יחידים — באַציט זיך פּאַסיוו צום דאָ-זיקן אינערלעכן קאַמף און איז בכלל מער געניים נאָכצוגעבן דעם אור-אינסטינקט איידער צו גיין באַרג-אַרויף, אויפן קאַמפּס-וועג, וואָס פירט צו געטלעכקייט. דער מענטש בכלל — מיטן אוסנעם פון יחידים — איז בטבע קאָנסערוואַטיוו און רעוואָלוצ-יאָנערישקייט איז מער אַן אויסדרוק פון מאַסן-פּסיכאָז, אַלס פּועל-יוצא פון באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, איידער פון אינערלעכן דראַנג צו פרייקייט. אַחוץ דעם איז אין דעם פּאַראַן אַן עגאָיסטישער מאָמענט, דער שיינער מאָמענט ווען מען דאַרף זיך ברענגען אויפן מזבח פון קאָלעקטיוויזם...

דער וועג פון באַזייטיקן דעם עגאָצענטריזם איז אַ שווע-רער, דעריבער איז שוין תמיד גלייכער צו גיין מיטן באַקוועמען

וועג פון מאַכט איבער רעכט, וואָס דאָס איז מערסטנס דער זיבערטער צום עקזיסטענץ-ציל.

שאַפן אַן עקזיסטענץ, אַדאָ-זיין, געבויט אויף באַגריפן פון הומאַניזם, ווו דער עגאָ-צענטריזם זאָל אָפּטרעטן זיין אָרט דעם קאָלעקטיוויזם, פאָדערט אַן אומבאַדינגטן אָפּוואַרפן דעם אופן פון רויער ברוטאַלער מאַכט איבער רעכט, וואָס דאָס באַטייט: פאַרלייקענען די מענטשלעכע נאַטור. ווי אַזוי זאָל דאָס דערגרייכט ווערן? ווי אַזוי קאָן מען אויף די מענטשן ווירקן אין אָט דער ריכטונג?

אַז דאָס זאָל געשען אויפן וועגן פון סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער איבערגעשטאַלטונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, זעט דאָסטאָיעווקי נישט און ער וויל אַפילו אין דעם נישט גלויבן. זיין שטעלונג צו אַזעלכע מעטאָדן, איז אַ קלאָר נעגאַטיווע און אַפילו פיינטלעכע. ווי אַזוי-שע פאָרט שטעלט זיך דאָסטאָיעווסקי פאָר אַזאַ פּראָצעס?

דערצו פאַרמאָגט ער איין אויסוועג: די ליבע, יענע ליבע, וואָס „ער” (יעזוס) האָט פאַר די מענטשן געפּרעדיקט און פאַר איר אַזויפיל געליטן, וועלנדיק מיט איר דערהויבן די מענטשן צו דער געטלעכקייט און דערמיט ברענגען די גאולה. אין דעם פּרט טרעפט זיך דאָסטאָיעווסקי צונויף מיט טאָלסטאָי, סיי אין זייער ביידנס נעגאַטיווער באַציונג צום סאָציאַליזם, סיי אין זייער פאַנאַטיש-אוטאָפּישן גלויבן אין דער געטלעכער ליבע. פאַר זיי — ווי פאַר אַ סך גרויסע טרוימער — „די מענטשן פון דריטן געשלעכט”, ווי דאָסטאָיעווסקי באַטיטלט די אָרימע דיכטער, — פאַר זיי עקזיסטירט נישט די רעאַלע ווירקלעכקייט; אַחוץ זייער אויסגעדיכטעטע ווירקלעכקייט; לערנען זיי גאָרנישט אָפּ פון דעם, ווי עס זעט אין דעם אמתן אויס די גאַנצע צוויי טויזנט-יאָריקע פּראָפּאַגאַנדע פון ליבע, אין דער פאָרם ווי די רעליגיע פּרעדיקט איר... זיי פאַרמאַכן די אויגן נישט צו זען, ווי ווייניק די ליבע איז אַריינגעדרינגען אין מענטשלעכן באַוווסטזיין, אין דער מענטשלעכער פּסיכיק, ווי שטאָט ליבע איז

אַרויסגעקומען: האַס, אַנטאַגאָניזם צווישן פעלקער און ראַסן און צווישן מענטש און מענטש...

גרויסע פערזענלעכקייטן זענען מערסטנס פאַרעקשנטע קינ־דער, וועלכע ווילן נישט אָנערקענען די ווירקלעכקייט אויב זי שטימט נישט מיט זייער פאַנטאַזיע.

דאָסטאָיעווסקיס שטאַרקער גלויבן אין דער ליבע אַלס איינציקער וועגפירער אין לעבן פון דער מענטשהייט, איז פאַר־קערפּערט אין זיין העלד אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוו. דאָסטאָיעווסקי איז אַזוי באַגייסטערט פון זיין העלד, אַז ער דערקלערט זיך אָפן אין ליבע צו אים... אים אַרט נישט, וואָס דערמיט טרעט ער אַריבער די גרענעץ פון אָביעקטיווער באַציונג צו זיינע העלדן. אויף אַזויפיל איז ער באַאיינפלוסט פון זיין גלויבן אין דער רעאַליזירונג־מעגלעכקייט פון דער ליבע.

אין אַליאָשאַן זעט דאָסטאָיעווסקי די פאַרקערפּערונג פון ריינסטער מענטשלעכער ליבע, וואָס שפּרודלט פון זיין צאַרטער נשמה ווי אַ לויטערער קוואַל, וואָס דערפרישט אַלץ, מיט וועלכן עס קומט אין באַרירונג. די דאָזיקע ליבע שטרעבט האַרמאָניש זיך צונויפגיסן מיט דער העכערער קראַפט, וועמען זי דינט.

מיט אַזאַ ליבע זענען בלויז יחידים געבענטשט. דאָס זע־נען קודם כּל־די הייליקע, ווי דער פאַרשטאָרבענער „סטאַרעץ" זאָסימאַ, וועלכער איז געוואָרן אַליאָשאַס עמוד־אש.

דערמיט לאָזט אונז דאָסטאָיעווסקי באַגרייפן זיין אינדיווי־דועלן בליק אויפן פּראָבלעם פון גאָט־מענטש, האַלטנדיק, אַז אי־דעאַלע מענטשלעכע דערהויבונג קאָן נאָר דורך ליבע דערגרייכט ווערן. די ליבע קאָן אָבער אָן גלויבן נישט באַגריפן ווערן. טיף אין זיין נשמה גלויבט דער מענטש אין אַ העכערער קראַפט, וואָס איז דער אויסדרוק און פאַרקערפּערונג פון דער ליבע. אָן אַזאַ גלויבן עקזיסטירט נישט קיין ליבע און ממילא נישט קיין גליק.

זיין ליבע צו אַליאָשאַן שטערט נישט דאָסטאָיעווסקין צו זיין פּסיכאָלאָגיש־קינסטלערישער אָביעקטיווקייט בנוגע די

איבעריקע ברידער קאַראַמאַזאָוו און קודם־כּל — צו איוואַנען, דעם אַטעיסט. ער לאָזט אים ברייט זיך אויסרעדן, קריטיקירן אַלע אומגערעכטיקייטן, וואָס ער באַגעגנט אין לעבן. אָבער קיין ציל פֿאַר דער מענטשהייט אינם פֿאַר אידעאַליזירן אַטעיזם, איגנאָרירט קעגן גלויבן, אַלס פּראָטעסט און גלייכגילטיק אַלס מיטל צו דערהויבן דעם מענטש אין זיין געפֿאַלנקייט — זעט דאָסטאָיעווסקי נישט. דורך פֿרעדיקן אומגלויבן, וועט דאָס שלעכטע נישט פֿאַרשווינדן. נאָר יענער גלויבן וואָס אידענטיפֿיצירט זיך מיט ליבע, איז מסוגל צו ראַטעווען דעם מענטש, אַפֿילו די נשמה פֿון פֿאַרברעכער.

אַזוי גלויבט איוואַן, הגם ער אַליין גראָבט אַ סך אונטער דעם דאָזיקן גלויבן דורך זיין סקעפּטיציזם. דאָס איז דאָס ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין, וואָס האָט ביי דאָסטאָיעווסקין קיינמאָל נישט אויפֿגעהערט.

21

ווען מען פֿאַרטראַכט זיך איבער אַליאָשאַס גלויבן און אַכטונג צום „סטאַרעץ" זאָסימאַ, ווערט פֿאַרשטענדלעך דער מאָראַלישער איבערברוך, וואָס קומט פֿאַר אין זיין נשמה נאָכן טויט פֿון „סטאַרעץ". דאָס איז די מעשה מיטן שלעכטן ריח, וואָס דער טויטער גוף גיט פֿון זיך אַרויס, אַריינברענגענדיק דערמיט אַ בהלה סיי צווישן המון, סיי צווישן מאָנאַכן, ווייל אַלע האָבן איצט דערוואַרט ניסים... און אַז שטאָט ניסים איז געקומען דאָס נאַטירלעכע, אַז דער גוף פֿון הייליקן האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ פּשוט טויטער גוף, האָט זיך עס באַזונדערס טיף אָפּגערופֿן אויפֿן פֿילנדיקן אַליאָשאַ. אַ מאָמענט האָט זיך זיין גלויבן אַ וואַקל־געטאָן, אַז ער איז אַוועק פֿון מאָנאַסטיר אַנטלאָפֿן. אָבער

דאָ איילט זיך דאָסטאָיעווסקי צו פאַרענטפערן זיין געליבטן העלד, כדי מיר זאָלן נישט חושד זיין אין ספיקות בנוגע זיין גלויבן, און ער מאַכט אים פּסיכאָלאָגיש גערעכט, מיט דער מעטאָד פון דירעקטן שמועסן צו די לייענער, מיט וועלכן דאָסטאָיעווסקי באַנוצט זיך אין באַזונדער שווערע מאָמענטן, ווען עפּעס-וואָס נויטיקט זיך אין אַבסאָלוטער קלאָרקייט, ווען ער איז נישט זיכער, אויב דער לייענער וועט פאַרשטיין.

דאָ ווייזט ער אָן, אַז אַליאָשאַס אַנטלויפן איז נישט קיין יינגלשע לייכטזיניקייט, אַז נישט צוליב דער אַנטוישונג אין די דערוואַרטנדיקע ניסים איז עס געשען, נאָר פשוט צוליב דעם, וואָס ער איז עפּעס באַליידיקט געוואָרן אין זיין צו טיפן גלויבן. פאַר אים איז דער סטאַרעץ געווען דער סימבאָל פון הייליקייט און דאָס איצטיקע אויסשטעלן דעם טויטן צו שאַנד און שפּאָט פאַר אַלעמען, איז אַ באַליידיקונג מצד יענער העכערער השגחה צו וועמען ער און דער סטאַרעץ האָבן געדינט.

„אָפּטמאָל איז מער כבוד צוווערן מיטגעריסן פון אַזעלכעס, וואָס איז אַפילו נישט קיין שכלדיקע זאַך — פאַרענטפערט דאָסטאָיעווסקי זיין העלד — אויב נאָר זי קומט פון גרויסער ליבשאַפט, איידער אינגאַנצן נישט מיטגעריסן ווערן, בפרט נאָך אין דער יוגנט. אַ צו שטאַרק אויסגעחשבונטער מענטש איז שוין צו וואָלוול אין מקח. — דאָס איז מיין מיינונג״!

דאָס אָפּבייגן פון דער „געטלעכער גערעכטיקייט״ האָט דאַריבער אַליאָשאַן צעטרייסלט, כמעט געבראַכט צו פאַרצווייפלונג.

אָבער געראַטעוועט פון דער סכנה האָט אים אַ פרוי, גרושענקאַ, דיזעלבע, וועגן וועלכער עס רייסן זיך דער פאָטער מיטן ברודער דימיטרי; אַ פרוי, וועלכע ער האָט פונקט ווי אַנדערע, געהאַלטן פאַר אַ געפאַלענע און בלויז אויף איר רחמנות געהאַט. געראַטעוועט איז ער געוואָרן דורך איין קליינקייט: זי האָט זיך פאַר אים אָפנהאַרציק מתוודה געווען, אַנטבלויזט איר נשמה מיט דאָסטאָיעווסקישער אייגנאַרטיקייט. זי האָט געהאַט

ליבה: אַליאָשאַ האָט איר אויסגעהערט, פֿאַרשטאַנען און די אָנגערופֿן: שוועסטער, פּשוט: שוועסטער... און אַז אַזעלכע פּשוטע ווערטער דרינגען אַריין אין האַרץ פֿון אַ פֿרוי, וועלכע האָט זינט איר פֿרויענשאַפֿט קיין מענטשלעכע צאַרטע ווערטער נישט געהערט, צעשמעלצט דאָס אייז אַרום איר צעווייטיקטער נשמה, וועלכע איז געוווינט צו תּמידדיקע באַליידיקונגען, וואָס האָבן איר פֿאַרהאַרטעוועט, באַליידיקונגען, וואָס זענען געהאָנגען, ווי שטעכיק דראָט אַרום איר, גרייט צו צעבלוטן אַלע, וועלכע דרייען זיך אַרום איר מיטן איינציקן ציל: אויסנוצן. און אָט איז איין וואָרט בכּוח געווען אַלע שטיינער און ווילד־גראָז צו באַזייטיקן און אונז אַנטפּלעקן אַ נשמה אין איר מענטשלעכער נאַטירלעכקייט. אָט ווי עס קומט צום אויסדרוק ליבע און מענטשלעכקייט... אויפֿריכטיקע באַציִונגען זענען מסוגל צו שאַפֿן דעם מקור פֿון ליבע און באַזייטיקן אַכזריות, וואָס איז גורם פֿאַרדאָרבנקייט. אויף אַליאָשאַן האָט דער נשמה־אויסגוס פֿון דערדאָזיקער פֿרוי געווירקט נישט נאָר צו שטאַרקן זיין וואַקלדיקן גלויבן, נאָר אויף אייביק צו פֿאַרפֿעסטיקן זיין מענטשלעכן כאַראַקטער.

ווידער אַלזאָ דער נצחון פֿון גוטן איבערן שלעכטן, פֿון גלויבן און ליבע איבער צווייפֿל און פּראָטעסט...
— דער הויפּט יסוד פֿון דאָסטאָיעווסקיזם.

22

אַליאָשאַ, אַלס די פֿאַרקערפּערונג און סימבאָל פֿון אַבסאָלוט גוטן און שיינעם, וואָס איז פֿאַראַן אין מענטשן, איז די צווייטע דערגרייכונג דאָסטאָיעווסקיס אויפֿן וועג צום „רעאַליזירטן מענטשן“. דער ערשטער איז געווען פֿירשט מישקין אין „אידיאָט“. ביידע זענען אים אינדיווידועל נאָענט, הגם זיי זענען נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פֿון זיין פֿאַנטאַזיע; זיי באַפֿרידיקן

זיינע חלומות און זענען אים גענטער ווי אַלע איבעריקע קאָמ־פּראָמיס-נאַטורן. דאָס שטערט אים אָבער נישט צו באַציען זיך געגנוג מיטפילנדיק צו זיינע איבריקע העלדן, וועלכע דער אומ־פּאַרמיידלעכער און אומבאַקאַנטער פּאַטום טרייבט אין קאָנפליקט מיט די „געזעצן" פון לעבן. ער וויקלט פאַר אונז פאַנאַנדער די נשמה פון זיינע טראַגישע העלדן, כדי פאַר אונז קלאָר צו מאַכן די התחלהדיקע, די אורשפּרינגלעכע סיבה, וואָס טרייבט צו פאַרברעכן און בכלל צו אַלע קאָמפּליקאַציעס אין לעבן, וואָס פאַרדאַרבן דעם מענטש און דערנידריקן זיין נשמה. אין ליכט פון דאָזיקן פּסיכאָאַנאַליז קענען מיר נישט און טאָרן נישט קיינעם פון זיי באַשולדיקן. נישטאָ בכלל ביי דאָסטאָיעווסקין קיין שולדיקע און פאַרברעכנס. **דער מענטש אַלס אַזעל־כער**, איז קיינמאָל נישט שולדיק אין זיינע שלעכטע מעשים, שולדיק זענען די באַדינגונגען, וועלכע שפּילן תמיד די הויפּט־ראָלע אין מענטשלעכן לעבן און לאָזן זעלטן באַוווסטזיניק זיך אויסמיידן. דאַריבער איז דאָס משפּטן איין מענטש דעם צווייטן פאַר מעשים, וועלכע דער שופט וואָלט זיכער נישט אויסגע־מיטן אין ענלעכע באַדינגונגען, נישט נאָר אַן אומזין, נאָר אַליין פאַרברעכן, אַ באַוווסטזיניקער פאַרברעכן, וואָס איז שוין נישט קיין פּועל-יוצא פון קיין שום נשמה-קאָמפּליקאַציעס, נאָר פון פּשוטער פאַלשער איינרעדעניש פון טון אַ גערעכטער זאַך און — פון היהשער פּחדנות פאַר דער אייגענער פּעל.

* * *

מיר האָבן געזען, ווי דערדאָזיקער געדאַנק ציט זיך ווי אַ רויטער פּאָדעם דורך אַלע דאָסטאָיעווסקיס ווערק, אומעטום ווו מענטשלעכע קאָנפליקטן ענדיקן זיך מיט פאַרברעכן, אויב נישט מאָרד, איז סתּם געמיינע מעשים, וועלכע ציען אויך זייער יניקה פון די זעלבע וואָרצל-סיבות. און תּמיד, נאָך דאָסטאָיעוו־סקיס נשמה-אַנאַליז, נאָך דעם ווי ער פּלאָנטערט אויף די פאַר־

זיך צאַפּ־ ממש אַ נשמה די אונז גיט און סיטואַציעס יויקלסטע לענדיקע אויף דער האַנט — מוז דער מענטש אַלס פֿאַרברעכער אַרויסגיין פֿריי פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, און זיין ווערט דאָס אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דער מענטש וועט בכלל נישט קענען אַרויס־פּלאָנטערן זיך פֿון די באַדינגונגען, וועלכע רינגלען אים אַרום, אָפּנעמענדיק די בחורה פֿון זיינע מעשים. און צו דאָסטאָיעווסקי וויל אָדער נישט — זענען די דערמאָנטע באַדינגונגען קודם־כל סאָציאַלע, למשל דאָס, וואָס מאַכט דורך רייכקייט איז דער דאָמינירנדיקער פֿאַקטאָר ביים דעצידירן מענטשלעך גליק אָדער אומגליק, דאָס, וואָס פֿון אַ סומע געלט איז אָפּט־מאָל אָפּהענגיק דאָס יאָ אָדער נישט דערגרייכן גרויסע צילן.

וואָס שייך ווידער די מער טיפֿערע, פּסיכאָלאָגישע סיבות וואָס ליגן אויפֿן וועג פֿון מענטשלעכע נאַטירלעכע פֿאַרשידנקייטן און כאַראַקטער־אונטערשיידן, ביי וועלכע צונויפֿשטויסונגען זענען מערסטנס אומפֿאַרמיידלעך, — איז אויך דאָ דער מענטש מער קרבן ווי שולדיקער, נאָך מער: סיי קרבן, סיי פֿאַרברעכער זענען קרבנות פֿון אומפֿאַרמיידלעכע צונויפֿשטויסונגען. טאָ, ווער קען און מעג דאָ זיין דער שופֿט?

דאָס אַלץ ווערט עקסיאָמאַטיש קלאָר, ווען מען פֿאַרטראַכט זיך איבער די מעשים און גורל פֿון צווייטן ברודער קאַראַמאַזאָוו, דער ווילדער עקספּאַנסיווער דימיטרי, וועלכער ווערט סטיכיש פֿאַרפּלאָנטערט אין געוועב פֿון טראַגישן צונויפֿשטויס, דורך וועלכן זיין פֿאָטער פֿאַלט אַ קרבן. און כאָטש ער איז איז יענעמס טויט אומשולדיק, איז עס אָבער פּסיכאָלאָגיש פֿאַר אים אוממעגלעך איבערצוציייגן די געזעץ־היטער, קען ער זיך נישט אָפּטרייסלען פֿון דער פֿאַרברעכער־ראָלע אין וועלכער ער ווערט גרויזאַם אַריינגעשליידערט און מוז מיטמאַכן דעם גאַנצן גהינום מיט וואָס דאָס איז פֿאַרבינדן.

וואָס איז אייגנטלעך געשען?

אין פֿלוג — אַ פּשוטע טאָגטעגלעכע ראָמאַנטישע דראַמע צו וועמעס פֿאַרנאַנדערקלייבונג אונזערע מאָראַל־ און געזעץ־

היטער האָבן זייער שאַבלאָנעם צוגאַנג:

געפונען אַ דערמאָרדעטן. אַלע פאַקטן זענען קעגן דעם אַרעסטירטן, ווען מען איז חושד. דאַרף מען אַכט לייגן אויף ענעמס לייקענען און שרייען, אַז ער איז אומשולדיק?

23

אָט ווי עס שטעלט זיך פאָר דימיטריס פאַרפּלאָנטערן זיך אין די פאַקטן:

דער פאַרביסענער קאַמף צווישן אים און זיין פאָטער וועגן גרישענקאָן, האָט צוגלייך מיט דער ליבע צו דער פרוי צעפלאַקערט אַ האַס צו דעם קאָנקורענט, שוין בלויז דערפאַר, וואָס דער פאָטער איז געווען רייך און קען זי אים אויסקויפן. ער, דימיטרי, קען גוט איר עקזאַלטירטן כאַראַקטער, צוליב וואָס איר איז תמיד שווער זיך צו באַשליסן צו וועמען זי זאָל זיך איבערגעבן. און צי האָט זי בכלל ליב, אים, דימיטרין? און די מאַטעריעלע הילפלאָזיקייט לגבי דעם פאָטער מאַכט שטייגן זיין פאַרביטערונג און דראַנג נישט צו דערלאָזן בשום אופן, אַז דער אַלטער זאָל זי פון אים אויסכאַפן. ער ווייסט אַפילו פון דינער סמערדיאַקאָוו — דעם אַלטנס איינציקער אָנפאַרטרוי־ערטער — אַז דער אַלטער האָט אָנגעגרייט פאַר איר דרייטויזנט רובל, אויב נאָר זי וועט באַשליסן צו קומען צו אים ביינאַכט. דערצו זענען שוין דאָ סמנים, לויט וועלכע דער דינער דאַרף מעלדן, אַז זי קומט. דאָס דערוויסנדיק זיך ווערט דימיטרי נאָך ווילדער אין זיין באַשלוס צו קריגן די נויטיקע סומע געלט. דערצו דערוויסט ער זיך נאָך אַז ס'איז פלוצלונג געקומען גרושענקאָס ערשטער פאַרפירער, נאָך וועלכן זי איז נאָך איצט אויך גרייט צו גיין און דאָס פונקט אין מאָמענט, ווען ער,

דימיטרי, האָט באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן צו זיין אויסגעלאַסן אָרט לעבן, כדי אָנצעהייבן אַ ניי לעבן, אַ מענטשלעכס, און אָנהייבן זאָל ער טאַקע דורך איר, גרושענקאַ, און קוים זי וועט אים גיין אין זיין אויפגעבראַכטקייט, דראָט ער, הגם אָן אַ פעסטן באַשלוס, דעם אַלטן צו פטרן.

זיין אָנשטרענגונג צו קריגן די באַשטימטע סומע איז אַחוץ זיין פערזענלעכן ציל געווען פאַרבינדן מיט נאָך אַ ציל, אַ מאָראַלישער: באַצאָלן אַ חוב זיין ערשטער געליבטער, כדי יענע זאָל נישט באַקומען דעם איינדרוק, אַז ער האָט פאַר איר געלט זיך געקויפט גליק, איצט ווען ער וויל אָנהייבן זיין תחית־המתים...

אָבער אַלע אָנשטרענגונגען ענדיקן זיך מיט דורכפאַל. אין זיין פאַרצווייפלונג דערוויסט ער זיך: גרושענקאַ איז שוין אַנטלאָפן צום ערשטן געליבטן! און עס קען אויך זיין אַז זי איז געווען פריער ביים אַלטן. לויפט ער אַהין, קומט אין גאָרטן הינטערן פענסטער, דערזעט דעם אַלטן אין מצב פון דערוואַרטונג, קען ער זיך נישט באַהערשן און קלאַפּט אויס די אָפּגערעדטע סמנים, לויט וועלכע דער אַלטער מיינט, אַז זי איז געקומען. זיך לאָזנדיק צום פענסטער זי רופן, טרעפט ער זיך פנים אל פנים מיטן זון. ער דערשרעקט זיך און אַנטלויפט איבערן פאַרקאַן. ער ווערט אָבער געשטערט דורכן דינער, גריגאָרי און — דער פאָטער פאַלט אַ קרבן.

די גאַנצע מעשה ווערט שפעטער אויפגעדעקט. דער דינער, וועמעס טויט דימיטרי האָט געהאַלטן פאַר זיכער צוליב זיינע קלעפּ — ער לעבט, אָבער דער פאָטער איז טויט. נאַטירלעך, אַז די איינציקע שולד פאַלט איצט אויף אים. צאַפּלט ער זיך אין די הענט פון דער גערעכטיקייט, באַמיט זיך מיט אַלע כחות צו באַווייזן זיין אומשולדיקייט אין פאָטערס טויט. נאָר, אומזיסט, ווייל... אַלע פאַקטן זענען קעגן אים. ער קען נישט דערקלערן ווער אַנדערש ס'האָט געקענט דערמאָרדן דעם אַלטן. קיינער וויל נישט גלויבן, אַז פונקט אין מאָמענט ווען

ער איז געלאָפן צום פאַרקאַן און גריגאָרי איז געפאַלן אַ באַ־ וויסטלאָזער, איז סמערדיאַקאָוו אריין צום אַלטן און פאַרענדיקט דעם חשבון... אַפילו דימיטרי אַליין איז עס אין אָנהייב נישט הושד.

און דאָ הייבט זיך אָן זיין טראַגישער קאָנפליקט מיט דער אויספאָרשער: יענער בלייבט בלינד און טויב צו אים, ווען ער באַשמוצט זיך אַליין, זיך מודה זייענדיק אין אַלערליי געמיינ־ קייטן, כדי צו באַווייזן, אַז ער פאַרדינט צוטרוי. — ער זעט באַלד זיין טעות און בלייבט אַ צעשמעטערטער, אַ באַליידיק־ טער און אויסגעלאַכטער, מצד די יעניקע, וועלכע באַקומען אי־ בער אים רשות צו משפטן אויפן יסוד פון „פאַקטן"...

24

פאַקטן — — —

ווי אַ טייוולאָניש געשפענסט ליגט דאָסדאָזיקע סיסטעם פון באַהאַנדלען די מענטשלעכע נשמה און דריקט אַלץ טיפער אין אָפגרונט, דאָרט, ווו זי וואָלט עס באַדאַרפט הויבן. וויפל פאַרברעכנס, באַרבאַריזמען ווערן באַגאַנגען מצד די וועלכע משפטן פאַרברעכער, אויפן בלויזן יסוד פון פאַקטן? שוין נישט רעדנדיק דערפון, וואָס פאַקטן זענען בכלל זייער רעלאַטיוו סיי אין זייער תוך, סיי אין די צופאַלן פון וועלכע זיי זענען אָפּ־ הענגיק, אָבער די עצם זאַך גופא: שטאָט אַ מענטשלעכע צאַפּ־ לנדיקע נשמה, וואָס בעט זיך דערקענטניש — פאַקטן!...

דאַריבער דערהויבט זיך דימיטריס טראַגישער קאָנפליקט מיט די אויספאָרשער צום אַלגעמיינעם פאַרברעכן־און שטראָף־ פּראָבלעם, וואָס פייניקט אַזוי די מענטשהייט און איז דורך דאָסטאָיעווסקין אַזוי ווונדערלעך אַנאַליזירט און דער עקזיסטירנ־

דיקער „גערעכטיקייט“ איז אים געשליידערט געוואָרן. און ווען דידאָזיקע „גערעכטיקייט“ וואָלט געווען עפּעס מער ווי אַ טויטער מעכאַניזם, וואָלט זי באמת רויט געוואָרן פאַר חרפה פון איר אייגענער אוממאַכטיקייט און אומפעיִקייט ביים פאַרנאַנדערקלויבן זיך אין מענטשלעכע נשמה־קאָנפליקטן. עס וואָלט אפשר קלאָר געוואָרן, אַז אַ מענטש, וועמען „פאַקטן“ ברענגען אונטערן חשד פון פאַרברעכן, הערט נאָך דערמיט נישט אויף צו עקזיסטירן אַלס מענטש, וועמעס נשמה ס'קען זיין נאָך אויפריכטיקער ווי זיינע שופטים. די אַלע אָפיציעלע „פסיכאָלאָגן“, וועמען פרנסה אָדער כבוד-זוכעניש טרייבט זיי צו באַשעפטיקן זיך מיט פאָרשן מענטשלעכע נשמות, זענען אין תוך גענומען נישט באַרופן, נישט מאָראַליש און נישט פסיכיש צו אַזאַ אַרבעט. צו אַ מענטשלעכע נשמה מוז אַ צווייטע נשמה אַנטקעגנגעשטעלט ווערן. „ווער ס'איז ריין פון זינד זאָל דעם ערשטן שטיין וואַרפן“ — אָט דער פסוק איז נאָך נישט פאַרעלטערט געוואָרן. די אַלע שופטים באַנעמען נישט, אַז אַ מענטש, וואָס האָט דעם מוט צו זאָגן וועגן זיך דעם אמת, איז אומפאַרגלייכלעך מער ווערט ווי טויזנטער טויטע „פאַקטן“! כדי צו פילן דעם וויי פון אַ נשמה, ווען זי ראַנגלט-זיך נישט אַריינצופאַלן אין אויסגעשפּרייטן תהום, מוז מען אַליין זיין גייסטיק ריין. אָט די ריכטער קענען נישט צוליב זייער אַמט זיך דערהויבן איבער זייערע טויטע-פאָרשריפטן און פרינציפן, און דאָס באַטייט דאָס זעלבע, ווי מען וואָלט אין דער מעדיצין אָנגעווענדט איין היילמעטאָד צו אַלע קראַנקהייטן.

„דער ריכטיקער אמת ווייזט תמיד אויס צו זיין נישט אמתדיק“ — האָט שוין געזאָגט דאָסטאָיעווסקיס אַ העלד פון די „שדים“. דאַריבער וואַקסט דאָ דימיטרי אַ סך אַריבער זיינע אויספאָרשער, וועלכע זענען פשוט נישט מסוגל עפּעס צו פאַרשטיין פון די פאַרבאָרגנסטע ניואַנסן אין אַ מענצשלעכע נשמה. ווי קליינלעך בלייבן זיי אַלע קעגן דעמדאָזיקן פאַרברעכער!

ניין, דידאָזיקע ריכטער וועלן בשום אופן נישט פאַר-

שטיין, אַז „פֿאַרברעכערישע" מעשׂים מוזן געשען אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ס'וועלן עקזיסטירן די סבּות, וואָס רופֿן זיי אַרויס. יאָ, זיי מוזן געשען, פּונקט ווי ס'מוז זיך אויסלאָדן דער די־נער מיטן בליץ, צוליב דער איבערגעלאָדנקייט פֿון די עלעקט־רישע ענערגיע אין דער נאַטור.

דאָסטאָיעווסקי צעשמעטערט אונדז ממש מיטן געניאַלן אופֿן פֿון פֿאַרנאַנדערוויקלען דעם טראַגישן קאָנפֿליקט. ער רייסט אומ־רחמנותדיק דאָס ווילד־פֿלייש פֿון אונדזער לעבנס־סדר: קוקט, ווי פֿויל ס'איז דאָס, וואָס איר מיינט אַז עס לעבט אַ נאַטירלעך לעבן; און גראָד דאָס, וואָס דער קאָנווענציאָנאַליזם שטעלט פֿעסט אויפֿן סמך פֿון „פֿאַקטן" פֿאַר אומגעזונט און שעדלעך, האָט אין זיך מער לעבנס־פֿעיִקייט ווי מען מיינט. און דימיטרי אין זיינע ליידן (די ליידן, וועלכע דאָסטאָיעווסקי האָט שוין לאַנג דערהויבן צו אַ קולט) — ער דערשיינט פֿאַר אונדז אַ געליי־טערטער, געהייליקטער און דערהויבענער איבערן גאַנצן אַרומ־ריגלענדיקן שמוציקן געוועב...

אויך זי גרושענקאַ, דערשיינט אין זעלבן ליכט. ביים ברעג פֿון תּהום האָבן זיך צוויי נשמות באַגעגנט, זיך פֿאַרשטאַ־נען און — זיך גייסטיק פֿאַראייניקט, ווי אַמאָל סאָניאַ מיט ראַ־קאָלניקאָוו אין „פֿאַרברעכן און שטראָף".

ווידער אַמאָל האָט דאָס גוטע מנצח געווען דאָס שלעכטע;
ווידער אַמאָל האָבן מענטשן, וועמעס לעבנס־לויף ס'האָט געהאַט אין זיך אַזויפֿיל חי־שעס — לסוף זיך דערהויבן צום מ ע נ ט ש ל ע כ ן...

— — — — — — — — — — — — —

...דורך ליידן און פּיין ציט זיך די מענטשלעכע נשמה אַלץ העכער אַרויף, אַרויס פֿונעם תּהום אין וועלכן באַדינגונגען מיט דער הילף פֿון געזעץ־היטער שטויסן זי תּמיד. יעדער שטאַפּל פֿון דערהויבונג שליידערט אויף אַ שטאַפּל אַראָפּ יענעם ברו־טאַלן כּח, וואָס זיין לעבנס־מיסיע איז צו משפּטן מענטשלעכע נשמות. דאָס בטל־מאַכן דידאַקטיקע מיסיע־ריכטערישע אינסטיטו־

ציע, באַטייט פריי מאַכן דעם וועג פאַרן מעטנשלעכן גייסטיקן שטייגן, פאַר דער באַזייטיקונג פון יענע שטיינער, וועלכע שטערן צו הויכע שטרעבונגען, טרייבנדיק אין געוועב פון טראַגישע זינלאָזע קאָנפליקטן. און אויב קאָנפליקטן זענען אומפאַרמיידלעך אין מענטשלעכן לעבן, וועט זיך דאָך מוזן געפונען דער וועג פון פאַרשטענדיקונג; און געפינען וועלן עס יענע, וועמעס ציל ס'איז דאָס בויען אַ נייע געזעלשאַפט מיט אַ נייעם מענטש...

XI

„איך פערזענלעך האָב אין מיין לעבן בלויז געשטויסן עקסטרעמען, אין דער צייט, ווען איר וואַגט נישט פאָרויסצוגיין מער ווי ביז האַלבן וועג. און איר מאַכט נאָך פון אייער פחדנות אַ פיינקייט... איר באַגייסטערט זיך אַליין מיט אייער טעות. אָבער איך באַווייז מער לעבעדי־קייט און אַקטיווקייט ווי איר...״

(„אונטערערדישע כתבים״)

1

עס בלייבט נאָך צו דערמאָנען דעם כאַראַקטעריסטישן פאַקט מיט דאָסטאָיעווסקיס ווערק: „אונטערערדישע כתבים״, אַ בוך אין צוויי טיילן, וואָס די ערשטע טייל איז דערשינען אין 1847 אַלס אַבאַזונדערע זאַך אונטערן נאָמען: „די ווינונג־פאַרדינגערן״. די צווייטע טייל איז איצט צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1866, אַלזאָ ביים סוף פון זיין לעבן. די ערשטע טייל, איז אגב, געווען שלעכט אויפגענומען מצד דער רוסישער קריטיק מיט ביעלינסקי בראָש. ביעלינסקי האָט געשריבן, אַז נישט נאָר די אידייע, נאָר אויך דער אינהאַלט איז זייער נישט אינטערסאַנט און בלייבט פאַר אונז אַ רעטעניש און ווערט עס אַזוי לאַנג בלייבן, ביז דער מחבר וועט וועגן דעם מאַכן אַ דערקלערונג, אויפדעקן דעם סוד פון זיין הויכער פאַנטאַזיע. „זאָל עס זיין— שרייבט ביעלינסקי — אָפנאַרעריי, אָדער אַן אָרעמער טאַלאַנט, וואָס וויל זיך דערהויבן איבער זיינע מעגלעכקייטן און מורא־האָבנדיק ווייטער צו גיין, לאָזט ער זיך אַוועק אין אַן אויסער־געוויינלעכער ריכטונג... אַלץ אין דער דערציילונג איז פאַלש... אַ מאָדנע אומפאַרשטענדלעכע זאַך״...

ביעלינסקי איז קורץ דערנאָך געשטאָרבן און זיך נישט דערוואָרט אויף דאָסטאָיעווסקיס דערקלערונג... אָבער מיט פֿערציק יאָר שפּעטער, האָט אַ גוטער דאָסטאָיעווסקי-קענער-לעאָניד גראָסמאַן אין זיין ווערק וועגן דאָסטאָיעווסקי *) זיך אַנדערש אַרויסגעזאָגט וועגן זעלבן ווערק: „דאָס וויכטיקסטע פֿון דאָסטאָיעווסקיס ערשטע ווערק, איז אָן ספק די „וויזונג פֿאַרדינגערן", דער מחבר דרוקט דאָרט אויס די פֿונדאַמענטאַלע טעמע פֿון אַלע זיינע ווערק..."

אַ צווייטער דאָסטאָיעווסקי-קענער לעאָן שעסטאָוו, באַטראַכט די „אונטערערדישע כתבים" אַלס „אויסערגעוויינלעך ווערק, נישט נאָר אין דער רוסישער, נאָר אויך אין דער אַלוועלטלעכע ליטעראַטור".

אויך דער פֿראַנצויזישער קריטיקער אַנדריי זשיד האַלט, אַז „מיט דעם בוך האָט דאָסטאָיעווסקי דערגרייכט דעם שפּיץ פֿון זיין לעבנס-לויף. איך באַטראַכט דאָס ווערק — און נישט נאָר איך, שרייבט זשיד — פֿאַרן הויפּט-שליסל צו זיין גאַנצן שאַפֿן".

זשיד האַלט אויך, אַז דאָס ווערק איז „אַ פּרעטעקסט אויסצודרוקן דאָסטאָיעווסקיס אייגענע געדאַנקען..."

2

טעמע פֿון די „ערדישע כתבים" איז נישט אַזעלכע, וואָס לאָזט זיך איבערגעבן. זי פֿאַרמאָגט נישט קיין פֿאַבולע, וואָס לאָזט זיך דערציילן. ס'איז נישט מער ווי נאָטיצן פֿון אַן איינזאַמען אין-זיך-אַליין פֿאַרשלאָסענעם מענטש, אַ מענטש וועמעס נשמה ס'גראַבלט זיך תמיד אין געדאַנקען אַזעלכע אונטער-

*) דערשינען אין רוסלאַנד אין 192.

...רדישע. און אַט פון דענקערישן קוק, איז דאָס ווערק זייער שטאַרק. ס'איז אַ ווערק פון מיט העכסטער מענטשלעכער עטיק און מאָראַל, אַ מאָראַל פון אַ קדוש, וועלכער פרעגט זיך אַליין, פאַר, מיטן, און נאָכן מוסר-זאָגן: „צו בין איך אַליין נישט נידריקער פון דעם, ווען איך זאָג מוסר?...“

דאָס איז אַ נשמה פול מיט נייע שפּרודלדיקע געדאַנקען, וועלכע ווערן תמיד געהאַלטן אין דער טונקלקייט, כדי צו קענען כּסדר דינען אַלס אומאויסשעפּלעכער קוואַל, א קוואַל, וואָס באַווייזט די טיפקייט פון דער דאָסטאָיעווסקישער שפע...

אָרדינאָוו, דער העלד פון „אונטערערדישע כתבים“, איז אַ יונגער געלערנטער, אַן איינזאַמער אין-זיך פאַרשלאָסענער. ער איז אַפילו ווילד און מרה-שחורהדיק. מיט געוואַלדיקן פאַנאַטיזם גיט ער זיך אָפּ אויסשליסלעך זיינע וויסנשאַפטלעכע שאַפונגען, ביז ער ווערט סוף-כל-סוף געשטעלט פאַר אַ נסיון מיט דערווירקלעכקייט, ווערנדיק פאַרכאַפּט פון אַ פלוצלונגע ליידנשאַפט צו אַ פרוי, דורך וועלכע ער ווערט געטריבן צו אַ מאָרד-פרווו.

אין די אַלע געדאַנקען און אידייען, וואָס ווערן באַרירט אין דידאָזיקע „באַטיצן פון אונטער דער ערד“, אַנטפּלעקט זיך איינער פון די טיפסטע און גרעסטע מענטשלעכסטע וידוי, אַ וידוי, וואָס קען נאָר קומען פון אַזאַ איינעם, וואָס איז אין לעבן פאַרהאַרטעוועט געוואָרן און זיך אויספאָרמירט אין אַ מוסטער פון „אונטערערדישן גייסט“.

אָרדינאָוו מיט זיין גריבלען זיך אין זיך אליין, פאַרמאָגט אין זיך אַ סך ראַסקאָלניקאָווס שטריכן, פונקט ווי די פרויען און ביידע טיילן פון ווערק, קאַטיאַ און ליזאַ, זענען פּראָטאָטיפּן פון זיינע שפּעטערדיקע פרויען-טיפּן.

3

דאָסטאָיעווסקיס לעבנס-לויף איז געווען פול מיט זיגזאַגן און טיפע אינערלעכע סתירות, פול מיט ראַנגלענישן און ספיקות בנוגע די גרונט-גרענעצן פון מענטשלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער האָט זיך באַשאַפן אייגענע טעאָריעס ווי אַזוי איינצושטעלן באַציונגען צווישן מענטש און מענטש, טעאָריעס, הגם נישט קיין גאָר נייע, נאָר מער פּאַרפעסטיקט מיטן געדאַנק די אַלטע לערע, וועגן ליבע אויפן אָרט פון האַס, אַ ליבע, וואָס זאָל דעם מענטש דערפירן צום מלכות השמים...

און אָט, אין סאַמע לעצטן ליגט איינע פון די שטאַרקסטע סתירות דאָסטאָיעווסקיס: דאָס, וואָס פּרעדיקנדיק ליבע, איז זיין נשמה געווען איבערגעפולט ביז איבער די ברעגן מיט אַנטיסעמיטיזם...

ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז צווישן אַנטיסעמיטן פאַרנעמט דער געניאַלער מענטשן-קענער איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער. צו קען נאָך זיין אַ גרעסערע סתירה, ווי פּרעדיקנדיק ליבע, צו פּרעדיקן גלייכצייטיק האַס צו אַ פאָלק, וואָס איז אונטערגעדריקט? ס'איז שווער צו באַשטימען, ווו ליגן די סימפּטאָמען פון דערדאָזיקער פּסיכישער צו מאָראַלישער קראַנקהייט, וואָס דער אַנטיסעמיזם שטעלט מיט זיך פאָר?

פון אַ היסטאָריש-מאַטעריאַליסטישן וועלט-באַנעם ארויסגייענדיק, ליגט דער הויפּט-שורש פון די סבות פון דערדאָזיקער מאָראַלישער קרענק, אין דער פּאַרקריפּלטקייט פון מענטשלעכן גייסט, וואָס עס האָבן גורם געווען רעליגיע און נאַציאָנאַליזם. דער אתה-בחרתנויזם, וואָס האָט באַהערשט די פעלקער, האָט

אומפארמיידלעך געבוירן אַזאַ העסלעך באַשעפעניש ווי אַנטיסע־מיטיזם. און דאָס איז נישט מער, ווי איין רינגעלע אין דער אַלגעמיינער קייט, וואָס רופט זיך: ראַסן-האַס און אַנטאַגאָניזם צווישן פעלקער און נאַציאָנען, וואָס אונזער אומגעראַכטער גע־זעלשאַפטלעכער סדר האָט גורם געווען. דאָס איז אַן אַקסיאָמע. אַ וווּנדער איז נאָר, וואָס אַזאַ העסלעכע קראַנקהייט האָט אין אַלע צייטן פאַרכאַפּט גרויסע וועלט-באַרימטע גייסטער, מוסטערן פאַר דורות.

וואָס שייך דאָסטאָיעווסקין, האָט דער אַנטיסעמיטיזם זייער פאַרפינסטערט און פאַרסמט זיין קראַנקע נשמה. און דאָס מאָדנע־סטע איז, וואָס אין זיין לעבן האָט ער כמעט קיין יידן נישט באַגעגנט און נישט געקענט. זיין האַס צו זיי איז גיכער גע־ווען אַן אינסטינקטיווער, אַרויסגערופן פון קראַנקע עמפינדונגען און פאַנאַטיש-רעליגיעזער אַבערגלויבן.

אין זיינע ווערק פאַרנעמען יידן קיין אָרט נישט, נישט וועלנ־דיק רעכענען די פאַרבייגייענדיקע פּראָזן, וואָס ער לאָזט פאַלן דאָ אין דאָרט. „וועגן עפּעס אַ זשיד" „אַ יידל" א. ד. ג. בלויז אין „טויטן הויז" שטעלט ער זיך לענגער אָפּ אויפן איינציקן ייד פאָמיטש, מיט וועלכן ער האָט זיך אַ פּנים יאָ באַגעגנט, און הגם ער איז אַביסל לעכערלעך, קומט ער אָבער פאָרט אַרויס אַ סך מענטשלעך געשילדערט... ווער ווייסט: אויב דאָסטאָיעווסקי וואָלט וויר קלעך נענטער געקענט יידן, וואָלט אפשר זיין האַס קלענער געווען...

איבריקס מוז מען צוגעבן, אַז נישט בעסער דרוקט זיך דאָסטאָיעווסקי אויס וועגן נישט-יידן. וועגן פּאָליאַקן, וואָס וואַרפן זיך דורך אָפטער און מער גרונטלעכער געשילדערט ווי יידן אין זיינע ווערק, איז אויך דער זעלבער סטערעאָטיפּישער אויס־דרוק: „עפּעס אַ פּאָליאַקל". דאָ איז עס גיכער דער נאַציאָנאַ־ליסטישער האַס צו פרעמדע פעלקער, שונאים פון פּראַוואָסלאַ־וויע... און אָט דאָס לעצטע שוואַכט אָפּ די ספּעציפישקייט פון אַנטיסעמיטיזם. אין תוך גענומען איז עס אַלץ איינס: נאַציאָ־

באַלע האָס, נאַציאָנאַלע ענגהאַרציקייט און באַגרענעצטקייט, איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַנטיסעמיטיזם: דער ספּעציפישער וואָרט-באַגריף איז נישט וויכטיק: וויכטיק איז נאָר דער שורש, וואָס מאַכט די בעסטע מענטשן פאַר גייסטיק קראַנקע. צום גליק איז דאָ די טרייסט, אַז די קראַנקהייט איז אַ היילנדיקע. און די היילונג וועט קומען מיט דער אַלגעמיינער איבעראַנדערשונג פון דעם גאַנצן נעזעלשאַפטלעכן לעבנס-סדר. ביז דאַמאָלס זענען נישט אָפּצוּוואַשן אָט די שוואַרצע פלעקן.

נאָך א נס, וואָס די שוואַרצקייט פון דער אַנטיסעמיטישער מחלה דעקט זיך ביי דאָסטאָיעווסקין מיט דער העלקייט פון זיין ליבע צו קינדער... דאָ איז ער אומפאַרגלייכלעך. מיר האָבן געזען אין „קאַראַמאַזאָוו" ווי ער ליידט דעם צער פון געפּייניקטע קינדער. אין זיינע ווערק פאַרנעמען זיי אַ סך אָרט. ער ווייזט אַרויס געוואַלדיקע פּסיכאָלאָגישע טיפקייט ביים אַריינדרינגען אין דער קינדערישער נשמה, הגם ערטערווייז כאַפּט ער עטוואָס אַריבער די מאָס פון שילדערן קינדערישע דערהויבנקייט. אָבער דאָס איז פון צופיל ליבע. נאָר מען קען זאָגן: אויפן געביט צווישן קינדער ווייזט זיך דאָסטאָיעווסקי אַרויס אַמגאַטירלעכסטן און אַממענטשלעכסטן.

4

דאָס בוך „די ברידער קאַראַמאַזאָוו" איז געווען דער קולמינאַציאָנס-פּונקט פון זיין לעבן און שאַפן, פון זיין אייביקן חלום נאָך דער רעאַליזירונג פון העכסטן, וואָס אַ מענטש און קינסטלער קאָן חלומען צו דערגרייכן.

דאָס איז געווען דאָס יאָר 1880, דאָס סאַמע לעצטע יאָר פון זיין לעבן. אין דער יאָר האָבן זיך צונויפגעטראָפן צוויי וויכ-

טיקע רומפולע מאָמענטן אין דאָסטאָיעווסקיס טראַגישן לעבנס-לויף.

זיין פאַרענדיקן און אַרויסגעבן אין דעם יאָר „די ברידער קאַראַמאַזאָוו", וואָס איז פאַר אים אַליין געווען די העכסטע גייס-טיקע דערגרייכונג, איז זיך צונויפגעפאַלן מיטן גרויסן פּושקין-יום-טוב, וואָס איז דאַמאָלס געפייערט געוואָרן אין גאַנץ רוס-לאַנד און אין וועלכן דאָסטאָיעווסקי האָט זיך באַטייליקט. אין דער פייערונג האָט ער דערגרייכט צו אַזאַ כבוד און גליק, וועגן וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט פאָרשטעלן.

צום דאָזיקן יום-טוב האָט דאָסטאָיעווסקי אָנגעשריבן אַ ספּע-ציעלע רעדע, וואָס האָט געדאַרפט געדרוקט ווערן צום יום-טוב אין „רוסקי מיסל".

דאָס אָפּדעקן דעם דענקמאָל אין מאָסקווע, האָט געזאָלט פאָרקומען אָנהייב יוני 1880. דאָסטאָיעווסקי איז באַשטימט גע-ווען אין פייערונג-קאָמיטעט צוזאַמען מיט טורגעניעוו און אַנ-דערע פערזענלעכקייטן פון דער געזעלשאַפט „פריינט פון דער רוסישער ליטעראַטור". דאָסטאָיעווסקי אָבער, האַלטנדיק אין פאַרענדיקן איבערשרייבן דעם סוף פון „קאַראַמאַזאָוו" צו אַ צו-געזאָגטן טערמין, האָט באַשלאָסן צו מעלדן דעם קאָמיטעט, אַז ער פאָרט אַוועק אַרום דעם 27-טן מאַי.

„ווען איך האָב דערקלערט, אַז איך פאָר אַוועק — שרייבט ער זיין פרוי דעם 25-טן מאַי — איז אויסגעבראָכן אַ געשריי פון פּראָטעסט: „מען וועט אייך נישט לאָזן אָפּפאָרן"! פּאָליוואַ-נאָוו, טריעוו און אַקזאַקאָוו (מיטגלידער פון קאָמיטעט) האָבן דערקלערט אויפן הויכן קול, אַז גאַנץ מאָסקווע גרייט זיך צו די פייערונגס-טעג און פרעגן זיך נאָך צי דאָסטאָיעווסקי באַ-טייליקט זיך אין די פייערונגען. „גאַנץ מאָסקווע וועט זיין פּאַרטרויערט און אין כעס אויף אונז, אויב איר וועט אָפּפאָרן". כ'האָב דערקלערט, אַז איך דאַרף שרייבן „קאַראַמאַזאָוו". זיי האָבן באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע צו קאַטקאָוון, ער זאָל פאַרלענגערן דעם טערמין פאַר „קאַראַמאַזאָוו". האָב איך ווידער

געזאָגט, אַז איר — דו מיט די קינדער — וועלן זיין אומרויִק. האָבן זיי ווידער באַשלאָסן צושיקן צו דיר אַ דעלעגאַציע, בעטן פון דיר אַ דערלויבעניש, איך זאָל בלייבן איבער די פייערונגען...״

ענדלעך איז ער געבליבן צו די פייערונגען, וועלכע זענען שוין באַשטימט געווען אויפן 4־טן יוני. ער האָט אָבער אַלץ געזוכט צייט צו שרייבן.

„איך חלום צו געפינען צייט ביזן 8 טן צו שרייבן „קאַראַמאַזאָוו״ — שרייבט ער דעם 28־טן מאַי — איך זע אָבער נישט קיין מעגלעכקייט. אויב מיין אַרויסטרעטונג וועט זיך איינגעבן, וועל איך זיין מער באַקענט אַלס שרייבער, סיי אין מאָסקווע, סיי איבער גאַנץ רוסלאַנד, כ׳מיין דעם באַגריף רום, וואָס עס האָבן שוין טורגעניעוו און טאָלסטאָי און אויך גאָנטשאַראָוו, וועלכע פאַרלאָזן נישט פעטערבורג״.

5

די פייערלעכקייטן האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 4־טן יוני מיטן אָפּדעקן דעם מאָנומענט. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן באַנקעטן און ליטעראַרישע אָוונטן, וועלכע האָבן זיך געצויגן ביזן 7־טן יוני. ביי דער אָפּדעקונג האָט דאָסטאָיעווסקי געהאַלטן זיין ערשטע צוגעגרייטע רעדע, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויסע אַלגעמיינע באַגייסטערונג. אָבער נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג איז אים פאַרגעשטאַנען די קומענדיקע טעג.

דעם 6־טן יוני איז פאָרגעקומען דער ערשטער ליטעראַריש־קינסטלערישער באַנקעט.

„מען האָט מיר געזאָגט, — שרייבט ער צו זיין פרוי — אז איך לייען אויסגעצייכנט*) מען האָט מיך זייער באַגייסטערט אויפגענומען. לאַנג האָב איך נישט געקענט אָנהייבן מיין לייענונג. מען האָט נישט אויפגעהערט רופן מיין נאָמען, און נאָך דעם לייענען האָט מען מיך אַרויסגערופן דריי מאָל. אָבער טורגעניעוון, וועלכער לייענט אגב זייער שלעכט, האָט מען נאָך פריער אַרויסגערופן. שפּעטער בעתן אַנטראַקט זענען דאַמען געקומען הינטער די קוליסן מיר צו דרוקן די האַנט. שפּאַצירנדיק אין זאַל האָבן אַלטע מענער, פרויען און די יוגנט זיך דערנענטערט צו מיר, זאָגנדיק: „איר זענט געווען אונזער נביא, מיר זענען געוואָרן בעסער, הערנדיק לייענען „קאַראַמאַזאָוו״. (מיט איין וואָרט — שרייבט אין קלאַמערן צו זיין פרוי — מיך האָט איבערצייגט, אַז „קאַראַמאַזאָוו״ וועט אונז אַ סך העלפן)״.

דעם 7-טן יוני אינדערפרי איז דאָסטאָיעווסקי ווידער אַרויסגעטרעטן פאַר אַ פּובליקום. דעם זעלבן טאָג שרייבט ער וועגן דעם צו זיין פרוי אויספירלעך. ס׳דאַרף גלייך באַמערקט ווערן, אַז דערדאָזיקער בריוו איז דער סאַמע לעצטער אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט זיין פרוי. דער בריוו שטעלט מיט זיך פאַר אַ וויכטיקן קולטור-היסטאָרישן דאָקומענט, סיי אַלס אויסדרוק פון איינער פון דאָסטאָיעווסקיס שטאַרקסטע איבערלעבונגען, סיי פון דער גרויסער מאָס פרייד און נשמה-גליק, וואָס האָט אים באַהערשט אין דעם דאָזיקן לעצטן מאָמענט, נאָך אַ לעבן-לאַנג ליידן און צווייפלען...

---

*) ער האָט געלייענט קאַפּיטלען פון „קאַראַמאַזאָוו״.

6

מאָסקווע 8 יוני 1880.

8— אזייגער אָוונט.

מיין טייערע אַננאַ!

כ׳האָב דיר היינט אָפּגעשיקט מיין נעכטיקן בריוו.

מיר איז איצט שווער צו שרייבן עטלעכע שורות, מחמת איך בין שרעקלעך אויסגעמאַטערט פיזיש און גייסטיק.

היינט פרי האָב איך געהאַט מיין פאָרטראָג ביי די „פריינט פון רוסישער ליטעראַטור", דער זאַך איז געווען איבערגעפולט, ניין אַננאַ, ניין, דו וועסט זיך קיינמאָל נישט פאָרשטעלן און נישט שאַפן זיך קיין בילד פונם דערגרייכטן דערפאָלג! וואָס זענען מיינע דערפאָלגן אין פעטערבורג? גאָרנישט! נול, אין פאַרגלייך מיט דידאָזיקע איצט! ווען כ׳בין דערשינען האָט דער זאַל געדונערט פון אַפּלאָדיסמענטן, און לאַנג, זייער לאַנג, האָט מען מיך נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. כ׳האָב געגריסט, געמאַכט זשעסטן, בעטנדיק מיך צו לאָזן לייענען — גאָרנישט צו מאַכן! (די דאָזיקע באַגייסטערונג איז אַלץ א פועל־יוצא פון „קאַראַמאַזאָוו").

ענדלעך האָב איך אָנגעהויבן מיין לייענונג, ביי יעדן זייטל, אָפט ביי יעדער שטעל, איז געווען אַן אויסברוך פון אַפּלאָדיסמענטן. כ׳האָב געלייענט מיט א הויך קול, מיט פייער. אַלץ, וואָס כ׳האָב געשריבן איבער טאַטיאַנאַ, איז אויפגענומען געוואָרן מיט התלהבות. (ס׳איז דער גרויסער נצחון פון אונזער אידייע, פאַר דער אָנשטרענגונג אין משך פון פינפאונצוואַנציק יאָר...) און צום סוף, בעת כ׳האָב פּראָקלאַמירט דעם אַלוועלט־לעכן פּראָבלעם פון מענטשן, איז געווען אַן אמתער אויסברוך. און כ׳קען דיר נישט איבערגעבן די התפעלות, ווען כ׳האָב געענדיקט. מענטשן, וואָס קאָנען נישט ווייגען האָבן, שלוכצנדיק

זיך געקושט. אַלץ האָט זיך באַוועגט אַרום מיר, הויכגעשטעלטע דאַמען, געלערנטע, מלוכה-לייט — אַלץ האָט מיך אַרומגענומען און געקושט די הענט, אַלע מיטגלידער פון אונזער געזעלשאַפט, וועלכע זענען געווען אויף דער בינע, האָבן מיך אַרומגענומען און אַלע ליטעראַטן האָבן געוויינט פון באַגייסטערונג, אַ האַלבע שעה האָט מען געפּאָכעט מיט די טיכלעך אַלע אין איין אָטעם. צוויי, מיר אומבאַקאַנטע אַלטיטשקע, האָבן מיך פאַרהאַלטן: „מיר זענען געווען אין משך פון צוואַנציק יאָר שונאים; מיר האָבן נישט גערעדט, און איצט האָבן מיר זיך געקושט און שלום געוואָרן. דאָס האָט איר אונז דערנענטערט, איר זענט געווען אונזער מלאך, אונזער נביא".

— דער נביא! דער נביא! — האָט מען געשריגן אַרום.

טורגעניעוו, וועלכער איז געווען איבערראַשט, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אָרעמס מיט טרערן אין די אויגן. אָנענקאָוו איז געלאָפן מיך דרוקן די האַנט מיט אַ געשריי: „איר זענט אַ גאון! איר זענט מער פון אַ גאון!"

איוואַן אַקזאַקאָוו איז אַרויף אויף דער בינע און זיך געווענדעט צום פּובליקום מיט דער דערקלערונג, אַז מיין פאַרטראָג איז נישט קיין פּשוטער פאַרטראָג, נאָר אַ היסטאָרישע געשעעניש: „די וואָלקנס — האָט ער געזאָגט — פאַרשטעלן דעם האָריזאָנט, אָבער דאָסטאָיעווסקיס וואָרט איז ווי די זון, וואָס גייט אויף און שפּרייט אַלץ פאַרנאַנדער און באַלייכט אַלץ, פון איצטיקן מאָמענט אָן טרעט אַריין די ברודערלעכקייט און עס הערן אויף אַלע מיספאַרשטייענישן".

— יאָ! יאָ! האָט מען געשריגן. און פון דאָסניי האָט מען זיך געקושט און פון דאָסניי אַ טומל. — דער „אָוונט" איז איבערגעריסן געוואָרן און כ'האָב מיך געלאָזט אונטער די קוליסן, אָבער דאָס פּובליקום האָט דערגרייכט ביז אַהין. באַזונדער האָבן זיך געשטויסן פרויען. אַלע זענען פאַר מיר געפאַלן אין אַ מין נערוון-קריזיס, פאַרלירנדיק דאָס באַוווסטזיין... ס'איז דער פולשטענדיקער נצחון, דער סאַמע פולשטענדיקער! אַריעוו, דער פאָרזיצער פון „אָוונט" האָט דערקלערט, אַז די „געזעל-

שאַפט פון רוסישער ליטעראַטור" באַשטימט מיך פאַר אַן ערן־מיטגליד. פון דאָסטני געשרייען און טומל. אין אַ שעה אַרום האָט זיך דער סעאַנס ווידער אָנגעהויבן. אַלע האָבן געוואָלט אָפּרופן זייערע אַרויסטרעטונגען. אַקזאַקאָוו איז אַרויסגעטרעטן פאַרן פובליקום און דערקלערט, אַז ער לייענט נישט זיין פאָרטראָג, אַלץ איז שוין געזאָגט: „דאָס גרויסע וואָרט פון אונזער גאון דאָסטאָיעווסקי, האָט שוין אין זיך איינגעשלאָסן אַלעמענס ווערטער".

דורך דער צייט איז געשען אַ קליינער פאַרפאַל: כ'האָב מיך דערפילט אויסגעשעפּט פיזיש און געוואָלט אַוועקגיין, מען האָט מיר אָבער מיט כּוח צוריקגעהאַלטן. דערווייל איז עמעצער געגאַנגען און געקויפט אַן אויסגעצייכנטן קראַנץ, פון צוויי אַרשין אין דיאַמעטער, און צום סוף פון סעאַנס האָט אַ דעלעגאַציע פון דאַמען (איבער הונדערט), אַרויפקומענדיק אויף דער בינע מיך באַקרוינט פאַרן גאַנצן זאַל: „אין נאָמען פון די רוסישע פרויען, וועגן וועלכע איר האָט גערעדט גוטס"! אַלע האָבן געוויינט. ס'איז געווען אויפסניי באַגייסטערונג. דער פאָרזיצער פון שטאָט־פאַרוואַלטונג טרעטיאַקאָוו, האָט מיך באַגריסט אין נאָמען פון דער שטאָט מאָסקווע. ווייס אַננאַ, אַז דאָס אַלץ איז ווערט, די אַלע ביז איצטיקע צרות. ס'איז אַ טרייסט פאַר דער צוקונפט, ס'איז די טרייסט פאַר אַלץ, אַפילו ווען איך גיי שטאַרבן...

צוריקקומענדיק צו זיך אַהיים, האָב איך געטראָפן דיין בריוו, אין וועלכן דו זאָרגסט זיך וועגן מיין זוימען זיך צו לאַנג. אין אַ שעה שפּעטער האָב איך אים נאָך געלייענט אויף אַ ליטעראַרישן יום־טוב. כ'האָב געלייענט: „דער נביא" (פּושקינס). מאָרגן האָב איך נאָך וויזיטן. דעם 11־טן קום איך צוריק. מען וועט פאַרעפנטלעכן די פאָרטראָגן, אָבער ווו?

צום ווידערזען, מיין טייערע, מיין גוטער פריינט. מיין קאָפּ דינט נישט מער. די אָרעמס און פוס ברעכן. צום גיכן ווידערזען.

דיינער אויף אייביק

פ. דאָסטאָיעווסקי.

7

מיר באַמערקן, אַז אין גאַנצן יובל פון געפילן, בעת דער באַשרייבענער פרייד, וואַרפט זיך דורך דער טראַגישער זאַץ: „אַפילו ווען איך גיי שטאַרבן"... דאָס מאָל איז זיין נביאות געווען פולשטענדיק. דער גייסטיקער ריז, דהאָט דערפילט, אַז פיזיש שטייט ער שוין דירעקט פאַרן צונויפבראָך. זיין אַלטע קראַנקהייט, אַסטמע, האָט זיך ווידער טיף אונטערגעגראָבן, און לסוף חרוב געמאַכט דאָס לעבן פון אויסגעמוטשעטן דאָסטאָ-יעווסקי.

אומקערנדיק זיך נאָך די פייערונגען קיין פעטערבורג, האָט ער ווידעראַמאָל דערקלערט אַ קאַמף דעם טויט, באַשליסנדיק ווידעראַמאָל אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל „אַ טאָגבוך פון אַ שרייבער", נאָר די קראַנקהייט האָט אים דאָס מאָל גובר געווען, ער האָט זיך נאָך געמאַטערט אַ שטיקל צייט, און לסוף דעם 28-טן יאַנואַר 1881, האַלב ביין אין אָוונט, האָט זיין נשמה אַנטגילטיק פאַרלאָזט דעם אויסגעמאַטערטן גוף.

דעם 2-טן פעברואַר איז פאָרגעקומען דאָסטאָיעווסקיס לוויה. אַ ריזיקער עולם האָט באַגלייט זייער באַליבטן שרייבער, באַגראָבן איז ער געוואָרן אין אַלעקסאַנדער-נעווסקיס לאַווורע אין פעטערבורג...

— — — — — — — — — — — —

...„ער האָט זיך באַטראַכט און נישט געהאַט קיין טעות: אַן אויסגעשלאָסענער פון דער וועלט, אַ פאַרטיפטער אין זיך אַליין, ווייט פון באַוועגונג און ליכט, ווייט פון לעבן, וועט מען אין זיינע נאָטיצן אָפט געפונען דאָס וואָרט: „אונטערערדיש". אין דער ווירקלעכקייט האָט ער טאַקע געלעבט אין אַ גייסטיקער אונטערערדישקייט. זיין גייסט איז געווען אַן אונטערערדישער,

זוכנדיק כסדר טונקעלע פּראָבּלעמען, בּויערנדיק די געדערים פון זיין אייגענעם געדאַנק, גראָבּנדיק כסדר ווייטער און טיפער, אין דער מיסטעריע וואָס הייסט: געוויסן. „דאָס געוויסן — אַך די קראַנקהייט! פלעגט ער אָפט שרייבּן, דאָס איז אונטערערדיש. דאָ האָט ער געקענט נאָטירן די געשיכטע פון אַ מענטש אַ קרבּן פון זיין צופיל קענען זיך אַליין. זיין גורל איז דער ענטפער אויפן אַלטן גרונט־זאַץ: „דע את עצמם״.

ניין! ס׳איז נישט גוט פאַרן מענטשן זיך אַליין צו קענען״ !..

— — — — — — — — — — — —

די ווערטער האָט דאָסטאָיעווסקי געשריבּן אין זיין הקדמה צום צווייטן טייל „אונטערערדישע כתבים״. צי האָט ער שוין דאַמאָלס געפילט, אַז די ווערטער כאַראַקטעריזירן אַמבּעסטן זיין אייגענער פּערזענלעכקייט, זיין אייגענער נשמה !..

ס ו ף

פון דעם זעלבּן מחבר איז דאָ אין אַרבּעט:

דער גולם אַלס וועלט־דער לייזער.